STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09570

ALE VERK

David Frischmann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פון דוד פרישמאַן

דוד פרישמאַן

פינפטער באַנד

ערשטער אויפלאַגע

מיט דער אויטאָביאָגראַפיע פון מחבר און בילדער

Published by
LILI FRISHMAN IN MEXICO CITY

אַרויסגעגעבן דורך לילי פרישמאַן

טעאטער און ליטעראטור

אַלע רעכט רעזערווירט

Copyright by Lili Frishman

1 9 4 9

Este libro fué impreso en los talleres linotipográficos "SABER"
Bajío 319 — México, D. F.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

.1

אַביסעל יודיש טעאַטער

אייגענטליך האָבען מיר דאָ אין ווארשאַ, דאַכט זיך, דריי יודישע טעאַטערס. איינס איז שלעכט, דאָס צווייטע אין שלעכטער, דאָס דריטע איז אם שלעכטסטען...

איך האָב אַ רעטהעניש: זאָגט, וואָס איז דאָס אַזוינס? — ס'איז שוואַרץ, ס'האָט פוןביידע זייטען צו שטיקלעך גומע און מען קען עס אָנ־טהון אויפ'ן פוס?

„יאַסנע: דאָס איז אַ קאַמאַש!"

— זאָג איך אייך, אַז ניין. ס'איז אַ זויערער הערינג...

„ס'טייטש אַ זויערער הערינג איז דאָך נישט שוואַרץ?" — אַ וואַזשנע מעשה! נעמט מען אַ ביסעל טינט און מען שוואַרצט איהם צו. וועט דער הערינג שוין זיין שוואַרץ! — „ער האָט דאָך אָבער נישט קיין שטיקלעך גומע פון ביידע זייטען?" — אויך מיר אַ מניעה! גיט מען דעם ווייב, נעהט זי צום הערינג צו שטיקלעך גומע פון ביידע זייטען, וועט ער שוין זיין מיט גומע אויך. — „יאָ, אָבער די עיקר מעשה: אַ זויערן הערינג קען מען דאָך נישט אָנטהון אויפען פוס? — איז וואָס וועט מען איהם נישט אָנטהון! ווען אַלעס איבעריגע פּאַסט אַזוי געגוי, זאָל עס גראָד וועגען דער דאָזיגער איינציגער קליינינקייט נישט זיין קיין זויערער הערינג?...

און אַזוי געהט עס מיר מיט דעם יודישען טעאַטער. מען זאָגט מיר, אַז דאָס וואָס איך זעה און הער אויף אַ יודישער סצענע, דאָס איז „טעאַ־טער". אַי וואָס, אַ טעאַטער מוז דאָך האָבען עפּעס אַרטיסטען, טאַלאַנטען, מענשען מיט אויסגעשפּראָכענע ביהנען־פעהינקייטען, און דאָ זעה איך דאָך כמעט קיין איינציגען נישט, פון וועלכען איך זאָל קענען זאָגען, אַז ער איז געבוירען דערצו, צו זיין דורכאויס איין אַרטיסט. — „אַ וואַזשנע מעשה; מען וועט זיי שוין מיט דער צייט אויסלערנען, וועלען זיי אם־ירצה־

השם קענען־" — אַי וואָס, מיר האָבען דאָך גאָר קיין פּובליקום נישט, וועלכעס זאָל קענען זעהן און הערען און זאָל זיך נייטיגען אין שטיק, וועל־

און אַזוי קעהט עס מיר מיט דעם יודישען טעאַטער. מען זאָגט מיר, כעס שטעהט נאָר מיט אַ האָר העכער פון אַ „שמענדריק" און אַ „קונע־לעמיל" און אַ „שרה שיינדל" און אפילו אַ „חאשע די יתומה " — „פּטור, מיט דער צייט וועט זיך שוין מאַכען אויך אַ פּובליקום און מיר וועלען עס מיט געטליכער הילף האָבען!" — נו זאָל שוין זיין! אָבער עס פעהלט דאָך דער עיקר: מיר האָבען דאָך גאָר קיין רעפּערטואַר נישט פאַר אַ יודיש טעאַטער — „איז וואָס? זאָל וועגען אַזאַ קליינינקייט יודיש טעאַטער נישט זיין יודיש טעאַטער? ווען אַלעס איבעריגע איז אַזוי שטאַרק אויס־געהאַלטען און צוגעטראָפען, וואָס מאַכט עס אויס אַז איין זאַך פעהלט גראָד?—"

דאָס הויפּט־אומגליק פון דעם יודישען טעאַטער שטעקט דערין, וואָס אין די היינטיגע צייטען האָבען זיך נישט גענומען היינטיגע מענשען דער־צו, אום עס אויפצובויען פון גרונד אויף גאַנץ ניי, נאָר זיי האָבען ווייטער געפיהרט דאָס דאָזיגע וואָס גאָלדפאַדען האָט אַמאָל געמאַכט. די אַרטיסטען זענען די גאָלדפאַדענ'שע אָדער פון דער גאָלדפאַדענ'שער שולע אָדער מיט די גאָלדפאַדענ'שע גראָבע טראַדיציעס, און נאָר מיט אַ צוואַנציג. פינפאונ־צוואַנציג יאָהר עלטער — און דאָ קען שוין קיין שום טאָטער נישט העל־פען. דאָס פּובליקום איז נאָך דאָס פּובליקום פון עלדאָראַדאָ עליו־השלום פאַר צוואַנציג יאָהר, און אונזער פּרעסע האָט זיך נישט בעמיהט, צו רעדען מיט פייער־ווערטער טאָג מעגליך, אום צו בילדען און צו שאַפען און צו מאַכען אַ ניי פּובליקום — און דאָס אַלטע איז אַ דור המדבר וועלכעס קען נישט אַריינקומען אין דאָס הייליגע לאַנד. און עס נוצט נישט דאָס פליקען און אויסלאַטען. און אויך די פּרעסע איז אַלץ נאָך די דאָזיגע פון פריהער — נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט געפּרובט, וואו נישט וואו, צו זיין אַ ביסעל מאָדערנער און אַריינצוגנב'נען אַ מאָל אויך עפּעס אַ סצענקע אָדער עטליכע ווערטער, וועלכע זענען מכלומ'שט שוין עפּעס „קינסטלע־ריש". אָבער וואָס ניצט דאָס אַלעס? עס העננט אַלעס אָב פון ערשטען קנאָפּ. האָסט דו איינמאָל אויבען דעם ערשטען קנאָפּ פאַלש צוגעקנעפּעלט, נוצט דיר נישט וואָס דו טרעפסט אַמאָל דערנאָך: אַריין מיט אַ קנאָפּ אין

א פעטלא, קרום ווער עס זיין און א שפיין וועט עס שוין האבען אויבען און אונטען. דאס אלטע טעאטער מיט זיין אלטער טראדיציע אין מיט זיין אר־טיסטענטהום און מיט זיין פובליקום און מיט זיינע פיעסעס מוז ווערען אויסגעראט מיט דער ווארצעל — און אנהויבען מוז מען פון דאס ניי.

די ארטיסטען...

איך מוז מיך שעמען ווען איך דערמאהן זיך ווי קאלעגען פון מיר, ליטעראטען, זענען געקומען אים פאריגען יאהר, ווי דאס „טעאטער" האט זיך נאך איין אונטערברעכונג פון עטליכע יאהר אויפס נייע ביי אונז אנ־געהויבען, און האבען געפאטשט בראווא און האבען געשריעבען רעצענזיעס און האבען געהויבען די דאזיגע „ארטיסטען" פראסט אין הימעל אריין. איך פערשטעה: מיינע קאלעגען, זיי זאלען מיר געזונד און שטארק זיין, האבען בעדארפט האבען דורכאויס א „נאציאנאלע קונסט", און אזוי ווי זיי האבען עפעס בעסערס נישט געהאט, האבען זיי נעבעך גענומען דאס ביסעל מיסט וואס מיר האבען, און האבען דערפון געמאכט א געבראטענס. אבער ווי קען מען דאס? — זיי האבען געדרוקט אין די צייטונגען די פארטרעטען פון אונזערע ארטיסטען און ארטיסטקעס, זיי האבען גע־שריעבען ביאגראפישע נאטיצען פון זיי, זיי האבען געגעבען זייערע „כא־ראקטעריסטיקען" און האבען שיער נישט זיך פערטיעפט אין פסיכאלאגי־שע שטודיען וועגען זיי. וואס טהוט מען נישט, אלעס צוליעב דעם ביסעל „נאציאנאלע קונסט", וועלכעס מיר מוזען דורכאויס האבען! אבער זע־נען נאך דערביי געווען גאנץ אנדערע, פראסט פערזענליכע טעמים? — דער קלענסטער שבח, וועלכען מען האט נאכגעזאגט א יודישען ארטיסט, איז געווען, אז זיין שפיעלען איז „מייסטערהאפט". א קלענערווארט ווי „מייסטערהאפט" האט מען שוין נישט געהאט. מיר דאכט זיך, אז נישט קיין גרינגערער ווי י. ל. פרץ איז עס געווען, וועלכער האט זיך בענוצט מיט דעם דאזיגען ווארט וועגען דאס שפיעל פון א יודישען ארטיסט אדער איין ארטיסטקע. מיך ארט נאטירליך נישט, וואס מען האט דאס שלעכסטע שפיעלען גערופען מייסטערהאפט; מיך ארט נאר, אז דער, וועלכער קען דאס דאזיגע ווארט נישט, וועט קריעגען דערפון א פאלשען בעגריף, און ווען ער וועט למשל נעמען אמאל ריציין־עהל און וועט וועלען זאגען ווי שלעכט דאס איז און וואס פאר א חלשות עס נעהמט אן דערפאר, וועט ער זאגען

אַז דאָס איז „מייסטערהאַפּט". און איין אַנדערער איז ווידער געווען, וועלכער האָט געהאַלטען אין איין שרייבען פון איין אַרטיסטקע, אַז זי איז די „יודישע דוזע". עפּעס קלענערס ווי די דוזע האָט ער שוין נישט געהאַט. מיך אַרט נאַטירליך נישט, וואָס מען רופט אַ יודישע אַרטיסטין דוזע; עלעהיי זאָל אַמאָל איין אָרעם מענש, אַ זינדיגע הונגעריגע נשמה, האָבען אַ גוטען טאָג אויך. מיך אַרט נאָר וואָס איינער וואָס האָט ניט געזעהן און קען נישט די דוזע, קען קריעגען אַ פאַלשען בעגריף פון איהר און קען מיינען, ווייס גאָט, וואָס פאַר אַ ווינקעל־פּורים־שפּיעלערין דאָס איז. מיר דאַכט זיך, ווען איך וואָלט זיין אַ יודישע אַרטיסטקע עפּעס דאָרט פון זשאַרדען דיוועך און איינער וואָלט מיך רופען דוזע און איך וואָלט האָבען אין זיך געגוג עהרען־געפיהל, וואָלט איך קענען געבען פּעטש פאַר אַזאַ מעשה, דען עס וואָלט מיך קרענקען, וואָס יעדער מעג זיך ערלויבען מיט מיר וואָס ער וויל און קען זאָגען אויף מיר וואָס ער וויל. און ווידער איין אַנדערער איז געווען, וועלכער איז געקומען און האָט איבערגענומען די „אַרטיסטישע לייטונג" פון'ס טעאַטער. די אַרטיסטישע לייטונג. שעמען זיך גאָר נישט די הערען און קענען זיי קוקען איינעם גלייך אין די אויגען אַריין, דענסטמאָל ווען זיי בענוצען זיך מיט אַזעלכע הויכע קנאַקעריגע אויפגעבלאָזענע ווערטער? דאָס יודישע טעאַטער און איין אַרטיסטישע לייטונג! איך בין גאָר נישט חושד די הערען, אַז זיי מיינען עס נישט עהרליך און נעהמען זיך צו זאַכען, וועלכע זיי קענען נישט, אָדער צו זאַכען, וועלכע זיי קענען נישט פעראַנטוואָרטען. אַדרבא, עהרליך מיינען זיי עס אודאי ובודאי. ווי אַזוי אַזאַ „דראַמאַטורג" ווערדט געבאָרען, ווייסט איהר דאָך מן הסתם. איך קום למשל און שרייב איין אַנאָנס אין דער צייטונג (אַ שורה פעטיט קאָסט אַזוי פיעל און אַזוי פיעל!), אַז איך בין אַ דראַמאַטורג. אַ טאָג שפּעטער לייען איך די אַנאָנס און זעה מיין נאָמען שוואַרץ אויף ווייס — און גאָר נישט, אַ צווייטען טאָג שפּעטער לייען איך נאָך אַמאָל — און גאָר נישט. אַ דריטען נאָך אַ מאָל — און ווייטער גאָר נישט. אויפ'ן פיערטען לייען איך די אַנאָנס און זי הויבט אָן אויף מיר צו מאַכען איין איינדרוק. איך לעז, אַז איך, דער און דער, בין אַ דראַמאַטורג וכו' וכו' און האָב דערווייל שוין פערגעסען, אַז איך אַליין בין דער בעל־מלאכה דערפון, און קריעג פּלוצלינג דרך ארץ פאַר מיר אַליין. איך ווייס פּלוצלינג אַז איך בין

אַ דראַמאַטורג. און הויב אָן צו גלויבען דערין. און מיין גלויבען ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער מיט יעדען טאָג וואָס ווייטער פון דעם אייגענטליכען אויסגעגאַנגספונקט. צום סוף נעהם איך מיך צו דער מלאכה, און מיין עס גאַנץ עהרליך. אַזוי, זעהט איהר, ווערדט געבוירען ביי אונז דער גרעסטער טייל פון אונזערע מבינים און פיהרערס און רבי'ס און עצה־געבערס און אַרטיסטישע לייט, און דראַמאַטורגען. און דוקא די דאָזיגע זענען גיפט, געפעהרליך גיפט, פאַר יעדען שטיקעל נסיון צו בעשאַפען ביי אונז עפּעס איין אמת שטיקעל קונסט.

דאָס פּובליקום...

עס זענען נישט געקומען מענשען, וועלכע עס זאָל זיי בריהען אין דער נשמה, און זיי זאָלען רעדען און שרייבען און בעלעהרען און אויפקלעהרען און ערציהען אַ פּובליקום; און נישט געקומען זענען מענשען, מיט צאָרן און מיט שפּאָט, וועלכע זאָלען פערברייטען און אָנרייצען דאָס געפיהל פון עקעל פאַר דעם אַלטען, נאָר אדרבא, זיי זענען געקומען און האָבען זיך פער־איינינגט מיט דעם דאָזיגען אַלטען פּובליקום און מיט זיינע ניעדריגע אינס־טינקטען און האָבען איהם אַלסדינג צוליעב געטהון. איך האָב פאַר עט־ליכע וואָכען געלייענט אין אַ ציימונג, אַז מען האָט אין לאָדזש אין אַ יודיש־טעאַטער געגעבען עפּיס אַ פּיעסע, און גאָט זיין דאַנק, אַזוי ווי אין טעאַטער איז נישט געוועזען יענע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע שטערט די עכטע יודישע שטימונג, איז אַלעס געוועזען זעהר יודישלעך און דאָס פּובליקום האָט זיך זעהר גוט געפיהלט און האָט זיינע געפיהלען געגעבען אויסדרוק. איך קען מיך משער זיין, ווי עס האָט דאָרט געמוזט אויסזעהן אין יענעם יודישען טעאַטער אין לאָדז ביי דער פּיעסע, וואו דאָס פּובליקום האָט אויסגעדריקט אומגעשטערטערהייט זיין געפיהלעכטס, — קודם כל, זעהט איהר, האָט מען בעדאַרפט אַלע יודישע טעאַטערס פערמאַכען, און אַזוי לאַנג ווי מיר האָבען נישט עפּיס רעכטס, זאָל מען נישט אַ פּובליקום פּערגיפטען. העכסטענס קע־נען מיר פּרובען מיט ליעבהאָבער־פאָרשטעלונגען.

דאָס רעפּערטואַר...

עס איז גענוג ווען איך וועל דערמאָהנען, אַז אים פאָריגען יאָהר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די מהומה פון דעם בענייעטען יודישען טעאַטער און מען האָט געזוכט „שטוקעס", איז געקומען איינער, דאַכט זיך נישט

קיין גרינגערער ווי שלום־עליכם, און האָט געשריעבען איין אָפענעם בריעף צו די יודישע שרייבערס מיט די ווערטער: שרייבערס, פאָלגט מיך, וואַרפט אוועק אַלע אייערע נאַרישקייטען און פערקאַטשעט די אַרבעל און שרייבט פּיעסעס פאַר די סצענע! — יאָ, ווען אַ שטיק שרייבען זאָל מען נאָר בע־דאַרפען האָבען פערקאַטשעטע אַרבעל און נישט מעהר! לײדער מוז מען אָבער דערצו דאָך האָבען אַ דראַמאַטיש טאַלענט. און דאָס דאָזיגע איז אַזוי זעלטען, אַזוי זעלטען... איך רעד שוין נישט פון די „קוני לעמעלס" און די „באָבע יאַכנעס" און די „קאַטאָרזשניקעס" און דאָס גאַנצע מיסט וועלכעס מיר קריגען איצט פון אַמעריקאַ און פון די העכסט אינטערעסאַנטע טעאַטער־שטיקעס, וועלכער יעדער יודישער טעאַטער־דירעקטאָר נעמט פונ'ם צווייטען און שטעלט דערויף זיין נאָמען; איך וויל שוין רעדען גאָר פון דעם בעסטען, וועלכעס מיר האָבען: פון גאָרדינס פּיעסעס און פון פינסקים און פון שלום-עליכם'ס און פון נאָך אַזעלכע — און ווי ווייט נאָך זענען די דאָזיגע פון עפּיס רעכטס וועלכעס מיר זאָלען קענען בעצייכענען מיט דעם נאָמען „קונסט"!

איך וויל פּרובען אין איינעם פון מיינע נעכסטע אַרטיקלען צו רעדען עטליכע ווערטער וועגען דעם איינעם אָדער דעם אַנדערן פון אונזערע בע־סערע פּיעסעס — פון די בעסטע.

אוי, אוי, האָבען מיר אַ ביסעל אַרטיסטען; אוי, איז דאָס אַ פּובליקום! אוי אוי, וואָס פאַר אַ רעפּערטואַר מיר האָבען דאָס!

II

נאָך אַ ביסעל יודיש טעאַטער

דאָס רעפּערטואַר. זינט אַ קורצער צייט טהיילען זיי עס געוועהנליך איין אין צווייע: אין שטוקעס וועלכע הייסען „שונד־שטוקעס", און אין אַזעלכע וועלכע זיי רופען „ליטעראַרישע". ביים איינטהיילען אַרבייט נישט דער מוח צו פיעל, עס איז געוואָרען (ווי עס ווערדט ביי אונז תמיד כמעט אין אַלע זאַכען) אַזאַ שטעהעדיגע פראַזע, אַ מין וואָרט, אַריינגעהאַקט ווי אַ טשוואָק; איינער האָט עס אַרויסגערעדט, און די אַנדערע רעדען נאָך. אַלע שטוקעס אַ לאַ גאָלדפאַדען און שמ"ר און לאַטיינער און אַלע שמאַטעס פון אַמעריקאַ, מיט די ווילדע אומנאַטירליכע מעשיות, זענען שונדשטוקעס; דאַגעגען ווידער, אַלע וועלכע זענען געשריעבען פון אַ מחבר, וועלכער האָט עפּים שוין אַ שטיקעל ליטעראַרישען נאָמען, זענען „ליטעראַריש", טיעפער געהט די אונטערזוכונג נישט. אַזוי באַלד ווי דאָס שטיק איז פון אַ שטיקעל ליטעראַט און האָט שוין נישט אין זיך יענע ווילדע מעשיות, ווי למשל אַ מעשה מיט איין טאַטען און זיעבען מאַמעס, אָדער מיט אַ משוגעת אויס ליעבע, אָדער מיט זיעבען גזלנים און אַ שוואַרצער רעטיך, אָדער מיט דריי קעץ און דער רויטער באָרשט וכו' וכו' און חוץ דעם איז עס שטיק וועלכעס איז געגוג לאַנג־וויילינג און שטייף און טרוקען, דאַן איז עס „ליטעראַריש". דער הערר דירעקטאָר מאַכט מיך גאָר גליקליך, אַז ער האָט צוליעב געטהון אונז שלעכטע מענשען און האָט מותר געוועז אויף אַ גוטע איינמאָהמע. און ער גיט דאָס אונז היינט אַ ליטעראַרישע זאַך. דער שוישפּיעלער האָט שטאַרק דרך־ארץ — אַ קליינינגקייט, עס איז דאָך עפּים ליטעראַריש!

— און פערשטעהט שוין נעביך קיין חצי וואָרט נישט פון דעם גאַנצען שטיק און שפּיעלט שוין אין גאַנצען אָהן אַ פּראָבע און אָהן אַ רעפּעטיציע און פערלאָזט זיך אין גאַנצען שוין אויף דעם סופלאָר און איז עפּים דעם גאַנצען אָבענד ווי אַ תינוק שנשבה בין העכו"ם. דער עולם קומט מיט די

נייטיגע צאָהל קנייטשען אויפ'ן שטערן — ס'טייטש, עס איז דאָך עפּיס ליטעראַריש ! — און געהניצט בעהאַלטענערהייט, און נאָר ווען ער פערגעסט זיך. לאַכט ער דאָ וואו מען בעדאַרף נישט, און זאָגט זעהר אָפּט, אַז דאָס איז טיעף, זעהר טיעף, און נאָר כדי לקיים מצות מבינות, איז ער אַמאָל מו־סיף, אַז „דער שוישפּיעלער האָט קאַליע געמאַכט" און אַז „אויף איין איירא־פּעאישער סצענע וואָלט עס מאַכען מי יודע וואָס פאַר אַ וועלט־רושם".
און דאַן קומט דער רעצענזענט, דער דאָזיגער פלאַפּלער וועלכער שטעהט געוועהנליך אין קיין אינערליכען פערהעלטנים נישט צו קיין שום שטיק, און שרייבט די אויסגעלערנטע עברי מיט די צונויפגעקליבענע פראַזען וועגען קונסט און ליטעראַטור און מיט די געמאַכטע קעלבערנע התפעלות.
אַ קלייניגקייט, עס איז דאָך עפּיס געווען אַ ליטעראַריש שטיק ! — און אַזוי געהט עס ווייטער : דער צייטונגס־שרייבער פלאַפּעלט דאַן נאָך יעדער גע־דאַנקען־לאָזער לעזער, דאַן קומט עס ביז צו דער פּראָווינץ, דאַן שפּיעלט מען עס אויך דאָרט, און נאַטירליך עבען אַזוי מיט יענער געמאַכטער התפּע־לות, און דאַן שפּיעלען עס עטליכע בחורים און עטליכע באַרישנעס אַלס ליעבהאָבער, און דאַן קומען פון דאָרט די קאָרעספּאָנדענציעס און איבער־חזר'ן די זעלביגע פראַזען מיט די זעלביגע שבחים, וועלכע זיי האָבען פריי־הער געלייענט אין דער זעלביגער צייטונג — און אַזוי איז דעם דאָזיגען „ליטעראַרישען" שטיק איין פאַר אַלע־מאָל אָנגעטהון דער קאָלפּאַק. און דו טאָרסט נישט מעהר דאַגעגען אפילו אַ פּיפּעץ געבען.

האָבען אַ מאָל די מוח־צעלען פון די דאָזיגע הערדען זיך אַ ריהר גע־געבען און האָבען די הערדען געפּרובט אַ מאָל זיך פּאָרצולעגען די פראַגע אויף וויפיעל אייגענטליך שטעהט אַזאַ „ליטעראַריש" שטיק העכער פון יענע „שונדשטוקעס" ? און האָט געלויהנט דער גאַנצער טאַראַראַם, אַז צוליעב אַזאַ שטוקע, זאָל עס הייסען, מאַכט מען גליקליך דעם עולם, און מען פערקוואָקעט אונז דעם קאָפּ מיט דער טובה, וועלכע מען האָט אונז געטהון ?

אָט נעהמען מיר למשל אַ שטיק „די פאַמיליע צבי" פון דוד פינסקי.
דוד פינסקי—אַ ליטעראַט וועלכער האָט געשריעבען עטליכע ערצעהלונגען פונ'ם אַרבייטער־לעבען און איז דאַדורך אַליין שוין געוואָרען אַ שטיקעל

יחסן, אויבוואָהל עס שפּיערט זיך ביי איהם אַלע מאָל עפּיס אַ מאָדנע שטייפקייט און קיינמאָל נישט אַ ביסעל וואַרעמע נשמה אָדער אַ ביסעל ליריזם — האָט אונז געגעבען, פערשטעהט מען דאָך, אַ „ליטעראַריש" שטיק. איז עס אַ דראַמאַ מיט אַ האַנדלונג? ניין. איז עס אַ פרישער לעבע־דיגער דיאַלאָג מיט שפּיציגע פּאָענטען? ניין. האָט עס אַ קלוגען אינ־האַלט, אַ ברענענדיגע פראַגע, וועלכע ווערט באיזה אופן שהוא געלעזט, אַ וועלט־אינטערעסירענדע אידעע? ניין. עס איז אַ „ליטעראַריש" שטיק! — איהר פערשטעהט, אַ „ליטעראַריש" שטיק! דאָס הייסט, עס איז פון איי־נעם פון די בעסערע ליטעראַטען, און עס האָט נישט קיין ווילדע פּוסטע אומגעלומפּערטע מעשיות — און דאָ געה, נעהם דיר אַראָב דיין היטעל דערפאַר. שוישפּיעלער שפּיעלען עס, ליעבהאָבער־טרופּען פיהרען עס אויף, דאָס פּובליקום קריעגט לויט פּאָרשריפט דעם נייטיגען דרך־ארץ דערפאַר און די נייטיגע פּאָרציע התפעלות, און מען מאַכט דערביי אַ פּנים ווי מען וואָלט אויסטרינקען אַ טאָפּ עסיג לטובת הכלל, און מען שעמט זיך אַלץ אויסצוזאָגען אַז אייגענטליך איז מען דערביי שיער נישט איינגעשלאָפען. אַ ביסעל איז הערר פּינסקי אַליין שולדיג אין דעם קליינעם אומגליק, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט: ער האָט פאַר זיין שטיק געמאַכט, אַ רעקלאַמע, נאָר נישט ווי עס פּאַסט פאַר איין אַנשטענדיגען ליטעראַט. ער האָט אָנ־געשריעבען איין הקדמה, וועלכע איז פּאָרט נישט קיין הקדמה, און נאָר עפּיס אַ פראַגמענט איז עס פון אַ בריעף. אָהן אָנהויב און אָהן סוף און מיט האַלבע ווערטער — ווי אַ גאַנץ גרויסער; ער רעדט פון אַ „קונסט־ווערק" און פון אַ „טראַגעדיע אין איהר גאַנצער גרויסער שרעקליכקייט און שוידערהאַפטיגקייט" — אַזוי ווי להבדיל איבסען; ער דערצעהלט ווי „מיט דעם וואַקסען פון מיין ווערק, איז אין מיר געוואַקסען דאָס בעוואוסט־זיין, אַז איך שאַף דאָ עפּיס אַזוינס וואָס מוז געלייענט ווערען פון דעם גאַנ־צען פאָלק, פון אַלע זיינע קלאַסען און מאַסען"—ווידער ווי אַ גאַנץ גרויסער; ער דערצעהלט, אַז „איך האָב געשריעבען ווי אין אַ פיעבער, מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש"—און עס פעהלט נאָר נאָך, ער זאָל מוסיף זיין אַ לאַ די גאָר גרויסע. ווי אַרום און אַרום האָט זיך תמיד געהערט עפּיס אַ מאָדנע גערויש

און אַ קלאַפּ פון אַ פליגעל און אַ מאָדנער ריח וכו׳ וכו׳; חוץ דעם זאָגט ער; „איך האָב דאָס גאַנצע פאָלק פערקליעבען צו מיר אונטער מיין איינגע־נעם באַרג סיני״—אַ פראַזע, וועלכע איז שוין נישט נאָר אַ ביסעל אינגליש און אפשר אויך נאַריש, נאָר שוין אַ רעכט ביסעל חוצפּה׳דיג אויך; און דאַן לאָזט ער דורכבליקען, ווי ער איז מיט דעם „בונד״ קנעפּעל בקנעפּעל און דער „בונד מיט זיין וואונדערבאַרער־אָרגאַניזאַציע וועט פערשאַפען מיין טראַגעדיע די מעגליכסט גרעסטע פערשפּרייטונג״; דאַן לאָזט ער דורכ־בליקען, ווי זיין ווערק איז שיער נישט געווען פערבאָטען גאָר אין גאַנצען דורך די צענזור; בקיצור, לויטער אַזעלכע „נאַאיווע״ ווערטלעך, אויף וועלכע אָבער דער פּאַכמאַן איז אַ מבין און ווייסט צו וואָס זיי זענען אַזוי ריין „צופעליג״ אַרויס אויפ׳ן פּאַפּיער. אַזוי טהוט נישט אַ ליטעראַט אַ דזשענטעלמען. ה׳ פּינסקי איז אַ ביסעל אַליין שולדיג דאַרין, וואָס דער געמיינער עולם האָט דאָס אַלעם געגומען פאַר אַ מזומנ׳ע מטבע און האָט געמיינט, אַז ער מוז דאָס שטיק נעהמען ערנסט. — אין דעם פערזאָנען־פערצייכנים געפין איך אַזעלכע ווערטער: „אָרט: דער גלות. צייט: אַ שווערע פאַר יודען״, און דאָס זענען אַזעלכע גלייכווערטלעך, וועלכע פּאַ־סען גיכער פאַר אַ פּאַרס ווי פאַר איין ערנסט שטיק. אין איין ערנסט שטיק, אַז מען בעשטימט איין אָרט, שרייבט מען אָרט, און אַז מען זאָגט צייט, הייסט עס צייט.

דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף: עס איז אַ טאָג אין וועלכען מען ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם, און עס זיצט אַ בונדיסט און אַ ציוניסט און איין אַסימילאַטאָר און האַלטען וכוחים — און אַז דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָב צום לעצטען מאָל, האַלט מען נאָך אַלץ ביים נעהמען זיך צום פּאָגראָם און מען שטעקט נאָך אַלץ אין די וכוחים. אַלזאָ אַ דראַמאַ פון וכוחים. פאַר עטליכע פערציג אָדער עטליכע פופציג יאָהר האָט איינער אָנגעשריעבען עפּיס אַ ספר׳ל „האמונה וההשכלה״, אין וועלכען אַ מאמין האָט געהאַלטען אַ וכוח מיט אַ משכיל, און דער מאמין האָט אַלע מאָל דעם משכיל געלעגט זיעבען עלען אין דער ערד אַריין. אַדרבא, זאָגט, מיט וואָס שטעהען דאָס העכער די היינטיגע וכוחים, און מיט וואָס זענען זיי אייגענטליך איצט ביה־נען־פעהיגער געוואָרען? — דער בונדיסט רעדט נישט קיין איין איינצי־

געם וואָרט, וואָס זאָל זיין אייגען און פערזענליך און ער זאָל עס האָבען איבערגעלעבט, נאָר ער רעדט מיט דעם לשון פון דער בעקאַנטער פראָקלאַמאַציע־ליטעראַטור און מיט אָבגעדראָשענע לעבלאָזע פראַזען, און אַזוי רעדט דער ציוניסט מיט פסוקים פון דעם „המליץ” עליו־השלום און דער אַסימילאַטאָר רעדט על פי מסכת אַסימילאַציע. און נישט פערגעסט: דרויסען אין גאַס נעהמט עס זיך צו אַ פּאָגראָם, און דאָ זיצט דאָס חברה און רעדט. די ווירקונג ווערט דאַדורך נישט ווילענדיג, אַ העכסט קאָמישע. אַ בעקוועמערע צייט צום רעדען, אַזוי אַז ס'זאָל אויסקומען, כאָטש ווי עס איז, אַ ביסעל נאַטירליכער, האָט שוין דער מחבר נישט געפונען. און אַזוי האַלט מען וכוחים אויך אין איין אַנדער הויז, ביים פרומען באַנקיר הירשמאַן. און שוין ווידער די זעלביגע קאָמישע סיטואַציע: דרויסען פאַר'ן הויז שטעהען שוין די פינף סאָלדאַטען, וועלכע זיין עקסעלענץ דער גובערנאַטאָר האָט געגעבען דעם יודישען פרומען און לאָיאַלען באַנקיר, כדי איהם צו שיצען פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס, און דרינען זיצט דער באַנקיר מיט'ן רב און די דיינים און האָבען — און דוקא היינט גראָד, אינ'ם טאָג פונ'ם פּאָגראָם! — איין אסיפה וועגען חיזוק היהדות און ווי מען מוז אָנהויבען צו רודפ'ן אַלע אַפּיקורסים און מען מוז מאַכען נייע ישיבות און חדרים. נאַטירליך איז דער באַנקיר אַ צבוע'אַק, און דער רב מיט די דיינים זענען שפּייכעל־לעקערס ביים גביר — אַלעס לויט דעם אַלטען רעצעפּט. אַלעם אַזעלכע שאַבלאָן־פיגורען, אַלעם ווי עס האָט געפּאַסט פאַר דעם פאַרצייטיגען „עיט צבוע”. אוז יאַטירליך מוז זיין איינער פון די דיינים אַ זאַאיקער, און נאַטירליך מוז זיין דער צווייטער מיט העמאָראָאידען — אַלעס לויט שאַבלאָן און אָהן איין אייגען ביסעל לעבען און אָהן איין אייגען ביסעל פיזיאָנאָמיע. און דאַן ווידער זיצען אין שול צוויי בטלנים, און נאַטירליך האַלטען זיי אַ וכוח. און אויך די דאָזיגע בטלנים זענען לויט דעם בעקאַנטען צושניט פון די אָפּערעטען־פיגורען. איינער איז אַ דינער און איינער איז אַ דיקער, איינער איז אַלע מאָל הונגעריג און דער אַנדערער איז אויך הונגעריג, איינער רעדט אַלע מאָל חכמות און דער אַנדערער רעדט אויך חכמות. און אויך סוחר איז פאַרהאַן, און שוין ווידער אַ שאַבלאָן־פיגור: אַ יוד, וועלכען זיין קראָם איז טהייערער פון אַלעס, און וועהרענד אַלע זענען

צעקאָכט פונ׳ם פּאָגראָם, האָט ער אין זינען נאָר זיין קראָם אין דער ברייטער גאַס, און ווי איינער רעדט עפּיס אַ וואָרט, מישט ער זיך אַריין אַלע מאָל מיט „וועה מיר נישט, אונזער קראָם! אונזער קראָם!״ — נישט אמת, אַ וואַהרער יוד? נישט אמת, אַזוי האָבען מיר געזעהן יענע אומגליקליכע האַרץ־רייסענדע נפשות בשעת קישינעוו און בשעת אָדעס און בשעת ביאַליסטאָק און סיעדלעץ? — און אויך איין אַסימילאַטאָרקאַ איז פאַרהאַן אינ׳ם שטיק, אַ פריילין, וועלכעס קומט בשעת דעם פּאָגראָם, אָנגעטהון מיט אַ צלם און האַלט מיטען אין דערין אַ קליינעם וכוח וועגען רעליגיע און דערצעהלט אַז זי און איהר גאַנץ הויז האָבען זיך היינט גע׳שמד׳ט, אום איין פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערען פון דער עביגער יודען־צרה. נישט אמת, שוין ווידער אַ זעהר גלויבהאַפטע מעשה און אַ זעהר אמת׳ע פיגור? נישט אמת, שמד׳ט זיך אַזאַ הויז שוין נישט אַנדערש ווי נאָר אינ׳ם טאָג פון אַ פּאָגראָם? — און חוץ דעם קומען פאָר אין דעם דאָזיגען שטיק סצענעס און סיטואַציעס אין אַלע אונמעגליכסטע פאָרמען. למשל אַ סצענע אין אַ וואַלד, וואו יודען בעהאַלטען זיך פאַר׳ן פּאָגראָם, און יודענעס שטעהען און שילטען זיך און יודען שטעהען און דאַוונען מנחה, און אַז מען רופט די דאָזיגע יודען, זיי זאָלען געהן שיצען פאַר׳ן פּאָגראָם, זענען זיי עקסטראַ מאַריך בתפלה און ענטפערן נישט משום אָסור להפסיק; און מען רעדט צו זיי פינף מינוט — און „די דאַוונער שאָקלען זיך און שעפּצען״; און מען רעדט צו זיי אַ פערטעל שעה — און „די דאַוונער שאָקלען זיך און שעפּצען״; און מען רעדט צו זיי אַ האַלבע שעה, און אַלץ „די דאַוונער שאָקלען זיך און שעפּצען״, און אַזוי דויערט עס אַ שעה לאַנג, און אַזוי דויערט עס צוויי שעה, און עס ווערט זעהר קאָמיש, און נישט ווילענדיג מוז מען אָנהויבען צו לאַכען פאַר גרוים טיעפקייט פון טראַגעדיע.

און וואָס איז די אייגענטליכע דראַמאַ פונ׳ם שטיק? די אייגענטליכע דראַמאַ איז אַזוי: אַ יוד, אַ שטאָדט־מגיר — דער זיידע פון יענעם בונדיסט און ציוניסט און אַסימילאַטאָר און דער אַסימילאַטאָרקע און דעטאַטע פון יענעם סוחר — האָט עפּיס אַ פיקסע אידעע אין קאָפּ, אַז ער מוז שטעהן אין דער שוהל און מגין זיין אויף די ספר תורה און זיך לאָזען דאָרט אומברענגען. דער מחבר וויל אייגענטליך האָבען, אַז דאָס זאָל ווער־

קען נישט ווי פּיקסע אידעע, נאָר ווי עפּיס אַ גרויסעס, אַ הייליגעס, אַ שעהנעם, אָבער עס ניצט נישט. עס ווירקט פאַרט פון אָנהויב ביז׳ן סוף נאָר קאָמיש, דען לכתחלה איז אין גאַנצען דער דאָזיגער טיפּ — ווי איין העברעאישער קריטיקער האָט גאַנץ ריכטיג בעמערקט — נאָר נישט יודיש, נאָר עכט גוי׳יש, ביי יודען איז נישט פאַרהאַן, אַז אַ שטיק פּאַרמעט זאָל זיין הייליגער פון אַ גאַנץ פאָלק און פון קינדער, וועלכע ווערען אונמענשליך אומגעבראַכט, און פון מעדלעך וועלכע ווערען אונמענשליך געשענדעט; דאָס איז עפּיס אַ קריסטליכער מאָטיוו, און דער גאַנצער בנין איז שוין למפרע אַ פאַלשער. און דאַריבער ווירקט עס קאָמיש, ווען אַזאַ מגיד דערהיצט זיך און פערלאַנגט פון די שוץ־אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלען נישט שיצען נפשות, נאָר זיי זאָלען לויפען מיט איהם אין שוהל אריין, אום צו שיצען „די שוהל, וועלכע איז אין געפאַהר, און די ריינינגקייטען, וועלכע זענען אין געפאַהר״; און דאַרום ווירקט עס קאָמיש, ווען דער דאָזיגער מגיד לויפט אריין צו די בטלנים און וויל זיי געבען האַמערס און אייזענס אין די הענד אריין, ווייל „די שוהל איז אין געפאַהר און די הייליגקייטען זענען אין געפאַהר״; און דאַרום ווירקט עס קאָמיש, ווען ער קומט אריינצולויפען צום באַנקיר, וועהרענד דער אסיפה, מיט דעם עביגען, „די שול איז אין געפאַהר און די הייליגקייטען זענען אין געפאַהר״, אַזוי אַז צום סוף מוזען זיי איהם הייסען מוחל זיין; און דאַריבער איז עס קאָמיש, ווען ער קומט צו לויפען אין וואַלד אריין צו די יודען ביים דאַוונען, און ער טענה׳ט, ווי אַ האַלב־וואַהנזיניגער, אַלץ די אייגענע טענה: „די שוהל איז אין געפאַהר און די ריינינגקייטען זענען אין געפאַהר״, און די יודען שטעהען און שאָקלען זיך, און ער אַלץ ווייטער: „די שוהל איז אין געפאַהר, די ריינינגקייטען זענען איז געפאַהר״, און די יודען שטעהען אַלץ ווייטער און שאָקלען זיך; און דאַריבער איז עס קאָמיש איבערהויפּט, ווען דער דאָזיגער העלד פון׳ם שטיק שפּרינגט אַרום דורך אַלע פיער אַקטען פון דער דראַמאַ ווי אַ ווילדער שד מיט יענע ווילדע פראַזע, און איבער׳חזר׳ט זי אַזוי אָפט ביז מען מוז אָנהויבען, נישט ווילענדיג, צו לאַכען — און דאָס יעדענפאַלס, האָט דאָך דער מחבר נישט געוואָלט. און אפילו זיין טויט אין דער שול ווירקט אויף אונז גאָר נישט, דען מיר זעהען נישט איין די נויטווענדיגקייט, און

עס לאָזט אונז קאַלט און גלייכגילטיג, יעדענפאַלס איז דאָס גאַנצע עפּיס אַ געמאַכטעס, און עס איז אַ אַ געמאַכטע, אויפגעבלאָזענע, נישט נאַטירליכע העלדישקייט. און מיר שטעהען קאַלט און פערשטעהען נישט דעם אויס־רוף צום סוף: „די אַלטע שעהנהייט איז טוידט!״

און יעצט, זאָגט: מיט וויפיעל שטעהט דאָס אַזאַ „ליטעראַריש״ שטיק אַ סך העכער פון די געוועהנליכע שטוקעס? און איז עסווירקליך שוין אַ זכיה און מאַכט מען אונז שוין גליקליך, אַז מען שפּיעלט אונז נישט קיין „שונדשטיק״, נאָר מען שפּיעלט אונז אַזאַ „ליטעראַריש״ שטיק? — ווען איך רעצענזיער אַ „שונדשטיק״ פון דעם שונדשטיקישען שטאַנדפּונקט, וויל איך אַז אַ „ליטעראַריש״ שטיק זאָל רעצענזיערט ווערען פון אַ ליטע־ראַרישען שטאַנדפּונקט.

III

„די שחיטה"

עס איז פֿאַרהאַן אַ סאָרט שטאָדט־מעשיות, וואָס פֿאַר דעם איינהיי־מישען האָבען זיי אַ בעזונדערן ווערטה און אַ בעזונדערן חן און אַ בעזונדער אינטערעסע, און ווען דער פֿרעמדער הערט זיי, הערט ער זיי מיט מאַי־קאַ־משמע־לן־אויגען און ווייס נישט, וואָס דער חידוש איז, און פֿערשטעהט נישט מיט וואָס זענען זיי אַנדערש פֿון אַלע מעשיות פֿון אַ גאַנץ יאָהר, וועלכע ער לייענט טאָג־טעגליך אין די צייטונגען אין יעדער שטאָדט־כראָניק. יעדע שטאָדט האָט זיך איהרע מעשה'לעך, און דער, וואָס ערצעהלט זיי דיר, האָט זיי ענטוועדער געזעהן מיט זיינע אויגען און איז נאָך גאַנץ אונטער זייער איינדרוק, אָדער ער האָט זיי געהערט פֿון זיין טאַטען און פֿון זיין זיידען און ער קען דעם אָרט אָדער דאָס הויז אָדער די פּאַרשוינען, וועלכע האָבען געשפּיעלט דאָביי אַ ראָלע, אין דאַריבער האָט דאָס אַלעס פֿאַר איהם אַ בעזונדערע אינטערעסע. דו געהסט מיט איהם איבער די גאַ־סען, און ער זאָגט דיר פּלוצלינג: „אָט זעהט איהר, דאָ אין אָט דעם הויז האָט געוואָהנט דער קאָוואַל..." דער קאָוואַל? — „יאָ, אָט דער קאָוואַל, וועלכער האָט געהרג'ט זיין צווייטע ווייב"... און ער ערצעהלט דיר אַ מעשה מיט אַ קאָוואַל, אַ יוד, וועלכער האָט געהאַט צוויי ווייבער, איינע אין איין שטאָדט און אַ צווייטע אין אַ צווייטער; איינמאָל אין אַ שעהנעם פֿריה־מאָרגען האָט זיך פֿערבלאָנדזשעט די ערשטע יודינע, די עגונה, און איז געקומען צו פֿאָהרען דאָ אַהער צו אונז, וואו זי האָט דערטאַפּט דעם קאָ־וואַל מיט זיין צווייטער ווייב; דער קאָוואַל איז גראָד געשטאַנען ביי דער קאָוואַדלע און האָט געקאָוועט אַ פֿערד, און איינס צוויי דריי, אָהן אַ וואָרט צו רעדען, האָט ער געכאַפּט דעם האַמער און האָט איהר געפּלעט דעם מוח און זי איז געשטאָרבען אויפֿ'ן אָרט. אָדער: דו געהסט מיט איהם דורכ'ן מאַרק און ער ווייזט דיר פּלוצלינג אָן אויף אַ הויז און זאָגט דיר מיט

גרוים קאָכעניש: „אַט דאָ, זעהט איהר, האָט זי געוואָהנט, אונזער גביר'טע שרה'לע עפרון מיין איך, און דאָ האָט זיך געטראָפען די מעשה נורא, וואָס די גאַנצע וועלט האָט זיך געקאָכט מיט איהר"... און ער דערצעהלט דיר פון דער גביר'טע שרה'לע עפרון, עפּיס אַ טיפּ אַ בעוואוסטער, וועלכען יעדע שטאָדט האָט איהם, אַ בריה נפלאה, אַ חצי־זכר, אַ חצי־למדן, איין עילוי אין אַ ספּאָדניצע, וועלכע האָט געפיהרט דעם גאַנצען רעדעל אין די האַלבע שטאָדט און איז געווען די אמת־יודישע אַריסטאָקראַטקע מיט גמרא־לערנען און מיט פראַנצויזיש רעדען. צום סוף, נאָך דעם ווי זי האָט חתונה געמאַכט די קינדער און האָט איינגעטיילט צווישען זיי איהר גאַנצען פערמעגען. האָט זיך געמאַכט, אַז אַ שלעכטע שנור און אַ שלעכטער איידעם האָבען קעגען איהר מורד געווען און האָבען זי בעהאַנדעלט שלעכט און האָבען זי געלאָזט כמעט הונגערן, אַזוי אַז עס איז נישט איבערגעבליבען דער אַמאָליגער גבירטע ווי נאָר זיך אָבצושטעלען אין אַ הויז פּאַר אַ דיענסט. — אָדער: „זעהט איהר, אין אָט דעם דאָזיגען הויז דאָ האָט געוואַהנט דעם שוחט'ס טאָכטער"... און ער דערצעהלט דיר אַ מעשה מיט אַ שוחט'ס אַ טאָכטער, אַ שעהנע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ גביר עצום, איין אַלמן, וועלכער האָט זי געפּייניגט נישט מענשליך, ביז איינמאָל ביי נאַכט האָט דאָס יונגע ווייבעל געכאַפּט דעם חלף, וועלכען דער פּאָטער האָט געהאַט פערגעסען ביי איהר אין הויז, און האָט געקוילעט דעם מאַן, ווי מען קוילעט איין אָקס... בררר, אַ מעשה נורא!

און ווידער איז פאַרהאַן אַ סאָרט שטאָדט־משכילים, מענשען מיט אַ פּען, וועלכע שרייבען אַ מאָל קאָרעספּאָנדענציעס אין די צייטונגען. געוועהנליך זענען זיי שטונדען־לעהרערס, לייטישע בעל־הבית'שע מענשען, מענשען וועלכע האָבען געלערנט פראַנצויזיש אויס דעם אָלענדאָרף און געבען פראַנצויזישע לעקציעס, מענשען וועלכע האָבען ידיעה אין שילער און אין שעקספּיר און דעקלאַמירען דעם „טויכער" און לייענען מיט זייערע שילער און שילערינס „די זענדונג מאָזעס", מענשען וועלכע קענען אי דעם „כוזרי" און אי קלמן שולמאַן און אי אַלע יודישע חכמות און וויצען און גלייכווערטלעך — און די דאָזיגע מענשען קיצעלט עס אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערען ביסלעכווייז מחברים. און אָט נעהמען די דאָזיגע מענשען אָט יענע טהעמאַ'ס, די מעשה מיט'ן קאָוואַל אָדער מיט דער גביר'טע אָדער מיט דעם

שוחטס טאָכטער, און מאַכען פון זיי חיבורים. פריהער האָבען געפּלעגט פון אַזעלכע מעשות אַרויסצוקומען די „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען״; יעצט, ווי דאָס יודישע טעאַטער איז געוואָרען אַ קראַפט, ווערען פון אַזעלכע מעשות — דראַמען אין 4 אַקטען.

צו דער פאַמיליע פון דעם האָזיגען סאָרט מאַכערס, געהערט, דירעקט אָדער אינדירעקט, שיינט מיר, אויך יעקב גאָרדין, דער פערפאַסער פון „די שחיטה״, אַ דראַמאַ אין 4 אַקטען, וועלכע מען שפּיעלט אין עליזעאום טעאַטער״. הערר גאָרדין איז אַ רוסישער איר, וועלכער לעבט אין אַמעריקאַ און איז דער שפּייזער פון דעם אַמעריקאַנישען יודישען טעאַטער; ער האָט ביז יעצט אָנגעשריבען שוין אַ צוואַנציג, דרייסיג דראַמאַס. דער אופן פון זיין אַרבייטען איז אַזוי: ענטוועדער נעמט ער עפּיס אַ בעקאַנטע וועלט־דראַמאַ, אַ פּויסט, אַ ליר, אַ האַמלעט, און ציהט זי אַראָב אין ענגע נאַרישע יודישע פערהעלטניסע, און עס ווערדט ביי איהם אַ מעשה מיט אַ טליתים־יוד אָדער מיט שטאָדט־גביר אָדער מיט ישיבה־בחור, און ער פיהלט דערביי נישט, אז ביי אַ פּויסט, אָדער ביי אַ האַמלעט־טהעמאַ איז נישט די מעשה דער עיקר, נאָר דער גרויסער געוואַלטיגער „צוג״, וועלכער האָט נאַטור־געמעס ביי זיינע ענגע מעשה׳לעך גאָר קיין אָרט נישט, אָדער ער נעהמט זיך פאַר אַ סיוזשעט איינע פון יענע אויבענדערמאָהנטע שטאָדט־עפּיזאָדען און מאַכט דערפון אַ דראַמאַ. הערר גאָרדין איז ציעמליך געשיקט און פערשטעהט ציעמליך די סצענע־מאַכעריי און ווייס זיך צו בענוצען מיט עפעקטען, וועלכע נעהמען געוועהנליך דעם געוועהנליכען עולם. ענטוועדער קומט פּלוצלינג אַ מאָנאָלאָג מיט שאַרפע עברי, צונויפגעקליבענע פראַזען פון טויזענד ביכער קעגען די רייכע אָדער קעגען די אונטערדריקונג אָדער וועגען די פרייהייט וכדומה, אָדער עס קומט פאַר אויף קאַפּויר, און דאָס פובליקום איז גענומען. איך זאָג נישט, אַז יענע מעשיות זענען נישט קיין שטאָף פאַר אַ דראַמאַ; יעדע מעשה איז שטאָף פאַר אַ דראַמאַ, דער שרייבער פון איהר מוז נאָר זיין איין אמת׳ער דיכטער. אונטער דער האַנד פון אַ דיכטער וועט אויך אַ מעשה פון אַ קאַוואַל און פון אַ שחיטה און פון אַ טלית־יוד ווערען אַ רעכטע זאַך. עס וועט ווערען עפּיס פערזענליכעס, עפּיס אייגענעם, עפּיס קינסטלערישעס. יעקב גאָרדין איז אָבער נישט קיין דיכטער. ביי איהם קומט עס אַרויס אַ מעשה אַ שטייפע, מיט מאָנאָלאָגען און

מיט עפעקטען און אַ מאָל מיט גאַנץ אינטערעסאַנטע שאַרפע ביכער־פּראַזען.

די שחיטה. די ערשטע דריי אַקטען זענען ציעמליך נודנע, כמעט אָהנע האַנדלונג, און אים לעצטען קומט פאָר אַ מעשה נורא בערעכענט אויף עפעקט. די גאַנצע מעשה וואָלט געקענט גאַנץ גוט ערצעהלט ווערען אין איינעם אַ קליינעם אַקטעל: אַ רב מיט אַ רבי'צין האָבען אַ טאָכטער. אין רב'ס שטוב דרעהט זיך אַרום אַ בחור אַ יתום, אַ געשוועסטערקינד, וועלכער לערנט זיך שחיטות און פּרובט חלפים. מילא דער בחור קוקט אויפ'ן מיידעל און דאָס מיידעל אויפ'ן בחור מיט שטום־לשון. דאָס מיידעל האָט חתונה, ווי דער שטייגער איז, מיט איין אלמן, אַ גביר עצום, אַ טיראַן, אַ כלב שבכלבים, וועלכער האָט צו טהון מיט דער שיקסע און מיט דער גובערנאַנטקע, און דער רב מיט דער רבי'צין וויסען דאָס אַלעס און מאַכען פּאָרט דאָס מיידעל חתונה מיט איהם. איהר ווערדט נאַטירליך זעהר שלעכט און איז חצי־משוגע און קיין עצה איז נישט דאָ. איינמאָל איז דאָרט געוועזען ביי איהר דער בחור און האָט פערגעסען דאָס קעסטעל מיט די חלפים אויפ'ן טיש. ביי נאַכט כאַפּט דאָס ווייבעל אַ חלף און קוילעט מיט איהם איהר מאַן — און די מעשה איז אויס. די מעשה האָט נאַטירליך אויך אַ שטיקעל סימבאָליק: אַזוי שחט'ן יודישע פאַנאַטישע עלטערן זייערע קינדער. און נאַטירליך פעהלען אין דעם שטיק אויך נישט די נייטיגע געוועהנליכע נעבען־פּערזאָנען: אַ משרת ביי דעם גביר, וועלכער שפּיעלט די ראָלע פון לוסטיגמאַכער, אַ גובערנאַנטע, אַ דיענסטמעדעל, אַ צוטשעפּעניש פון אַ זוהן מיט אַ טאָכטער — אַלעס לויט די אַלטע בעקאַנטע רעצעפּטען.

און פּאָרט מאַכט דאָס שטיק אויף דער סצענע איין איינדרוק. פאָרציגליך האָט געשפּיעלט מאַדאַם קאַמינסקאַ דעם רב'ס טאָכטער. הערר קאַמינסקי האָט דעם טיפּ פונ'ם גביר אויסגעצייכענט געגעבען און איז געוועזען צוגלייך גוט אין דער מאַסקע ווי אין דער האַלטונג. הערר וויסמאַן, אַלס רעכטע האַנד פון גביר, האָט מיט אמת'ער קאָמיק זעהר אָפט געבראַכט דעם עולם צום לאַכען. אויך אַלע אַנדערע האָבען זיך בעמיהט לויט קרעפטען אויסצופילען זייער פּלאַץ. לעכערליך איז נאָר די מאַסענהאַפטע למדנות, וועלכער הערר גאָרדין לאָזט אונז הערען אָהנע אויפהער דורכ'ן מויל פון זיין רב און זיין גביר, לויטער גמרא־שטיקלעך און לויטער פסוקים, פון דעם

דאָזיגען סאָרט, וועלכען עס קען שוין יעדער יוד, וואָס דאַווענט אין אַ שניי־דערישען קלויז. אַ רב הייסט ביי הערדן גאָרדין אַ קאַריקאַטור, פון וועלכע עס שיטען זיך יענע פסוקים און יענע שטיקלעך. אַ רב טאָר נישט זאָגען דער רבי'צין, זי זאָל איהם דערלאַנגען אַ נאָז־טיכעל, אָהן עפּיס אַ פּסוק אָדער אַ פערטייטשטען גמרא־מאמר.

IV

דער מטורף

דראַמאַ אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין

יעקב גאָרדין איז מיר, פאַר מיין פערזענליך עמפפינדען, אפשר דער אומסימפּאַטישסטער צווישען אַלע אונזערע דראַמען און ביהנען שרייבער. און נישט ווייל אַלע זיינע דראַמען זענען אַזוי שרעקליך באַנאַל און זיינע פיגורען אַזוי אַפּערעטענהאַפט, נאָר ווייל דער דאָזיגער בעל־הבתישער יוד איז שוין געקומען מיט דער שריפטשטעלערישער פּרעטענזיע, אַז ער גיט אונז עפּיס רעכטס—און איז דאַדורך אַ פערפיהרער געוואָרען. און אַ פער־פיהרער איז ער געוואָרען דורך די פיעל מעלות, וואָס ער האָט: ער איז דער ערשטער ביהנען־שרייבער ביי אונז, וועלכער האָט אַ געוויסע געשיקטליכ־קייט אין דעם אויפבויען פון שטיק, ער האָט אַלעמאָל סצענאַרישע פעהיג־קייטען בעוויזען, ווי קיינער נישט פאַר איהם,— און דער עולם האָט פער־וועקסעלט דאָס סצענאַרישע קענען מיט דעם דראַמאַטישען, און גאָרדין איז געוואָרען ביי אונז אַ דראַמאַטורג. אַנשטאָט צו זאָגען: גאָרדין פאַ־בריצירט אַ שטיק גענוי און פּינקטליך לויט רעצעפּט, זאָגט מען: גאָרדין שרייבט דראַמען. וואָס פאַר אַ דראַמאַ איז אָבער דאָס, ווען דער פערפאַסער שטעהט נישט אין קיין שום אינערליך פערהעלטניס צו זיינע פיגורען און ער האָט נאָר שאַבלאָנען און שעמאַס? גאָרדין איז אפשר אַ קלוגער יוד געוועזען און האָט געקענט די וועלט איהם גרויסען און גאַנצען, ער האָט אָבער נישט געקענט דעם יחיד און ער האָט קיינמאָל נישט געפּרובט זיך פערטיע־פען אין דעם בעוועגליכען לעבען פון אַ נשמה. אַלעס איז ביי איהם שטעהנ־דיג: די שטעהענדיגע פראַזע ווי די שטעהענדיגע נשמה. דער שלעכטער איז ביי איהם שלעכט 24 שעה אין מעת־לעת, און דער גוטער איז נאָר גוט.

וואָס ווייס ער פון זעעלען־קעמפפע? וואָס ווייס ער פון יענע אונענדליכע מאַטערנישען, וועלכע לאָזען דעם גוטען טויזענד מאָל אין דער מינוט שלעכט ווערען און לאָזען דעם שלעכטען טויזענד מאָל איידעל ווערען — אַלעס דאָס, וואָס מאַכט דאָס מענשליכע לעבען צום אייגענטליכען דראַמאַ? יעקב גאָרדין איז אַ האַלבער — און פאַר מיין פערזענליך עמפפינדען איז מיר יעדע האַלבקייט דאָס אומערטרעגליכסטע. ער איז פון דאָרף אַרויס, און ביז צו דער שטאָדט איז ער נישט דערפאָהרען. ער גיט שוין כלומרשט נישט קיין שונד, און ביז צו אַ לעבעדיגען בעוועגליכען מענשען האָט ער זיך בפרט נישט דערהויבען. ער האָט אפשר דאָס ליטעראַר־היסטאָרישע פערדיענסט, צו האָבען אַרויסגעשלעפּט דאָס יודישע דראַמאַ פונ'ם רשות פון די לאַטיינער און זייערע חברים — זיין אייגען דראַמאַטיש פערדיענסט האָט ער אָבער נישט. איך זיץ נאָך אַלץ ליעבער ביי אַ נאַרישען פאַרס אָדער ביי אַ שאַפּקע ווי „דאָס פינטעלע יוד", ווייל דאָס איז נאַריש לכתחלה און איך קום דער־צו אָהן שום תביעות; איך זיץ אויך ליעבער — דעם אמת שעם איך זיך נישט צו זאָגען—ביי אַ „נאַרא", ווייל דאָס איז מיין אייגען לעבען און איך זעה מיך דאָרט מיט מיינע טויזענד קעפּ—און האַרץ-צעגריבלענדיגע פראַגען און עס לאָזט מיך דאָן אַ נאַכט נישט שלאָפען—; איך מוז אָבער ביים אָנבליק פון אַ האַלבע זאַך, ביי אַ זאַך, וועלכע איז פאַר אַ באָרשט צו זיס און פאַר אַ יויך צו זויער, אַרויסלויפען פון טעאַטער.

און ווי שאַבלאָנענהאַפט אַלע די דאָזיגע פיגורען זענען און ווי שעמאַטיש די גאַנצע דראַמען־מאַכעריי! מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דער פערפאַסער האָט געמוזט דערביי קנאַקען ניסלעך, ער זיצט און שרייבט צום לעהריונגעל: דערלאַנג מיר נאָר אַראָב פון פּאָליצע דעם „משכיל" — און דער יונגעל דערלאַנגט איהם אַראָב די פאָרם פון אַ משכיל: אַ בחור, אַ האַלבען אידיאָט, וועלכער האָט געקוקט דעם „מורה" און האָט געלייענט דעם „עמק הארזים" און ער ווייס פונ'ם „אהבת־ציון" און ער שרייבט אַ קאָרעספּאָנדענציע וועגען די תלמוד־תורה און זאָגט, אַז ער לערנט רוסיש פון פינף גראַמאַטיקען, און ווען ער הערט די פרעמד־ווערטער „פערפעטואום מאָבילע", לויפט ער און קוקט נאָך אינ'ם ווערטערבוך—און דער משכיל איז פערטיג. דערלאַנג מיר נאָר אַראָב דעם „סוחר"! — און דער יונגעל דער־

לאַנגט איהם די בעקאַנטע פאָרם: דעם פּראַקטישען יוד, איינער, וועלכער לאָזט פון מויל נישט אַרויס דאָס וואָרט „קאָמערציע", ער פערקויפט ווייב און קינד פאַר אַ קאָפּיקע, ער האַנדלט מיט פעל פון געפּגר'טע אָנשטעקענדע בהמות, ער שרייבט אַנאָנימע דאָנאָסען אויף זיין קאָנקורענט— און די פיגור איז פערטיג. און יעצט דערלאַנג מיר די „אַריסטאָקראַטישע באַרישניא"!—און פון דער פּאָליצע ווערט אַראָבגענומען די שטעהענדיגע פיגור: אַ מיידעל, וועלכע שפּיעלט קלאַוויר און רעדט פראַנצויזיש און „ליעבט" דעם איינעם און האָט חתונה מיט'ן צווייטען וכו' וכו', און דער פּערפאַסער קומט צום גרייטען. און יעצט: דערלאַנג דעם פעטער! דערלאַנג די מוהמע! דערלאַנג דאָס דיענסטמיידעל! דערלאַנג די פּיערקאַנטיגע יודינע!— אַלעם מיט דעם ה' הידיעה, אַלעם שטעהענדיגע פיגורען, אָהן אינערליך לעבען— און דער פּערפאַסער נעהמט דאָס אַלעס און גיט צו דערצו עפּיס איין עפּיזאָד און שיסט אַריין אינ'ם שטיק אַ גאַנצע מענגע פון סענטענצען און פון מוסר און פון שטעהענדיגע פילאָזאָפיע־ווערטלעך און זוכט דערצו אויס עפּיס אַ זעלבסט־מאָרד—און די דראַמאַ איז פאַרטיג.

און וואָרענען פאַר יעקב גאָרדין מוז מען גאַנץ בעזונדער יעצט. מען קומט און מען זאָגט מיר: אָט זעה, יעקב גאָרדינס שטיק ווערען געשפּיעלט אויך ביי זיי, ביי די גוים! אויך זיי לעקען די פינגער! — און דאָס דאָזיגע, קוים קען מען זיך נעהמען צו הילף אויך עפּיס אַ ראיה פון אַ „זיי", איז אַלעמאָל פאַר אונז דאָס שטאַרקסטע אַרגומענט. מיר האָבען נאָך אַלץ שטאַרק דרך־ארץ פאַר'ן פרעמדען קנעפּעל. און פערשטעהען ווילען מיר נישט, אַז פאַר זיי איז דאָס רעכט; פאַר זיי איז דאָס עפּעס פרעמדעס און איז דעריבער אַ שטיקעל געשעפט. אגב דאָס, וואָס ביי אונז איז יודישליך, האָט פאַר זיי אַ קליינעם נעבען־תענוג פון אַ ביסעל אַנטיסעמיטיזם...

אויך „דער מטורף" איז אַ שטיק גאַנץ עכט אינ'ם גאָרדינישען גייסט. דער אינהאַלט? כמעט איז גאָר קיין אינהאַלט נישטאָ. מלכיאל גאַרבאַרניקאָוו איז אַ סוחר אין סאָראָקאָ. זעלבסט־פערשטענדליך לויט דעם בעקאַנטען מוסטער: אַ פרומער, אַ גנב, איין אויסגעפרעסען בייכעל מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, ער האַנדעלט מיט פעל פון בהמות, וועלכע זענען געפאַלען אין דער מגפה, און נאָר וויל זיי זענען מיט אַ קאָפּיקע ביליגער, און ער שרייבט אַנאָנים דאָנאָסן צום איספּראַווניק. ווען אַ נישט־יוד, למשל,

וואָלט אַזאַ פיגור אַרויסגעפיהרט אויף דער סצענע, וואָלט מען אודאי ובוד־דאי שפייען קלעקען און שרייען: אָט איז איין אַנטיסעמיט. דערווייל אָבער האָט דער דאָזיגער סוחר צוויי זיהן, יחזקאל און בן־ציון. נאַטירליך איז איינער—יחזקאל—אַ יונג מיט ביינער, אַ מגשום'דיגער, נאָר אַ סוחר וועלכער פערשטעהט איין עסק און בעגנב'עט דעם אייגענעם טאַטען ביי די חשבונות; דאַגעגען איז אָבער דער צווייטער — בן־ציון—איין איידעלער יונגערמאַן, אַ משכיל, אַ פער'חלומ'טער, וואָס טויג נישט קיין קאָץ דעם עק צו פערבינדען. און דעריבער רופט איהם דער טאַטע „דער מטורף". זעלבסטפערשטענדליך האָט דער מטורף אין זין נאָר דעם „מורה נבוכים" און דעם „אהבת ציון„ און די 5 רוסישע גראַמאַטיקען און די אַלגעבראַ און זיין קאָרעספּאָנדענציע אין דער צייטונג, אַז אין דער תלמוד־תורה געהען די קינדער באָרוועס און אַז די יודישע סוחרים האַנדלען מיט פעל פון געפאַלענע בהמות און שרייבען דאָנאָסען. ענדליך יאָגט איהם דער טאַטע אַרויס פאַר זיינע נאַרישע קאָרעספּאָנדענציעס, און ער געהט וואוינען ביי דעם פעטער ישראל־יעקב, אַ זייגער־מאַכער, און ביי דער מוהמע שרה־חוה. און דאָרט בעשעפטיגט ער זיך מיט דער ערפינדונג פון אַ מאַשין, וועלכע זאָל זיך אייביג בעוועגען, אַ „פערפעטואום מאָבילע". בקיצור, „אַ קליינער יודישער האַמלעט", ווי גאָרדין אַליין רופט איהם—עס זאָל דאָ נאָך פעהלען אַ האָר, זעלבסטפערשטענדליך איז פאַרהאַן אין דער פיעסע נאָך אַ צווייטער סוחר, אברהם ראָזענבערג, וועלכער האָט אַ זוהן מישע, איין אינזשעניער־טעכנאָלאָג, און אַ טאָכטער אַ געבילדעטע, ליזאַ. דער טאַטע מיט דעם זוהן צוזאַמען זענען שוין ווידער סוחרים—דאָס הייסט, פערדאָרבענע מענשען ביז אויפ'ן גרונד, דערפאַר אָבער איז די טאָכטער זעהר איידעל: איהר געפעלט אייגענטליך בן־ציון דער מטורף, און זי געפעלט אויך איהם—אַ מין שטילע „ליעבע"—נאָר חתונה האָט זי מיט'ן מגושמ'דיגען, מיט יחזקאל'ן. אַמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען, נאָכדעם ווי די לבנה האָט געשיינט, האָט „דער מטורף" געזאָגט מוסר, אַז די וועלט איז שלעכט און אַלעס איז געגרינדעט אויף מסחר און אויף גנבה און קיינער וויל נישט וויסען, וואָס איז דער תכלית פון דער וועלט, און אַז אַזוי ווי די וועלט בעוועגט זיך אייביג, מוז זיך אויך זיין מאַשין בעוועגען אייביג, און דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער פו ןדער טאַש און האָט זיך פלווצלינג דערשאָסען.

ביי גאָרדינגען ענדיגט זיך כמעט יעדעס שטיק מיט אַ מאָרד אָדער אַ זעלבסט־מאָרד. עס וואָלט אפשר נישט שאַדען, אַז אַזוי ווי אין פּריוואַטען לעבען מוז מען צוערשט האָבען איין עקסטראַ ערלויבניש אויף צו טראָגען אַ רעוואָלווער, אַזוי זאָלען מוזען אויך די העלדען פון אַ דראַמאַ צוערשט נאָכווייזען, אַז דער רעוואָלווער איז זיי נויטווענדיג. איך האָב די נויטווענדיגקייט פונ׳ם זעלבסטמאָרד אינ׳ם דאָזיגען שטיק בשום אופן נישט איינגעזעהן.—די בדחנישע ראָלע אינ׳ם שטיק, אום דעם עולם לוסטיג צו מאַכען, ליגט דאָסמאָל אין די הענד פון אַ דיענסטמיידעל.

געשפּיעלט האָט מען — אַזוי ווייט ווי עס איז מעגליך אין אַזאַ פּיעסע —גאַנץ לעבעדיג. די טיטעל־ראָלע האָט אויסגעפיהרט דער בענעפיסיאַנט, ה׳ ראַפּעל. ער האָט זיך בעמיהט צו געבען דעם „מטורף״ אַ פיזאָנאָמיע, נאָר אַזוי ווי די פיגור איז פאָרט נאָר אַ פּאַפּירענע, פון אַ בוך אַרויס און נישט פון לעבען, האָט שוין געמוזט אַרויסקומען פון איהר אַ מין „קלאַסישע״ געשטאַלט. און דער שוישפּיעלער איז אַריינגעפאַלען אינ׳ם טאָן פון איין אָריאל אַקאָסטאַ. ווענינגער גליק האָט געהאַט ה׳ מעערסאָן (מלכיאל גאַרבאַרניקאָוו); ער האָט נישט געקענט טרעפען נישט די כאַראַקטעריזירונג און נישט דעם טאָן פון אַזאַ מין ווילד משונה׳דיקען סוחר. אָנגענעהם פאַר׳ן אויג און ליעבליך און גראַציעז אין אַלע איהרע בעוועגונגען איז געוועזן פרוי פעני וואַדי עפּשטיין (ליזאַ); נאַטירליך האָט די דאָזיגע אינטעליגענטע שוישפּיעלערין, טראָץ דעם לעבהאַפטען מינען־שפּיעל, גאָר ווענינג געקענט אַרויספּרעסען פון אַזאַ מאָגערע ראָלע. גאַנץ פאָרציגליך איז געוועזן ה׳ פּישעלעוויטש אַלס דער פעטער, דער זייגער־מאַכער: אַ טיפּ אונגעצוואונגען און נאַטירליך אין שפּראַך און האַלטונג. איין אויסגעצייכענטע פאַרטנערין האָט ער געהאַט אין פרוי טרילינג אַלס זיין ווייב. אַלע איבעריגע האָבען זיך בעמיהט לויט קרעפטען פון זייערע ראָלען עפּעס צו מאַכען.

V

אַ בריעף צו אַ פּעטערבורגער דאַמע

געעהרטע פריינדין!

ווי איהר זעהט, זיץ איך שוין דאָ אין וואַרשוי, איך הויב שוין אָן צו פיהלען די וואַרשויער לופט, די לופט פון דער שטאָדט, וואָס איז די ערשטע יודישע קהלה פון דער גאַנצער וועלט, און איך פיהל און שפּיר, ווי מיין האַרץ ווערט ברייטער און ווי עס קומט מיר צו אין יעדער מינוט עטליכע פונט יודישקייט. ווי האָב איך דיך ליעב, גרויסע ברייטע גאַס, וואָס הייסט „נאַלעווקעס", און ווי האָב איך ליעב דיינע יודען און דיינע יודינעס! טיילמאָל קומט מיר אפילו פאָר, אַז דיינע ריח־ניחוח'ס זענען פאָרט נישט געמאַכט פאַר אַ נאָז פון איינעם, וואָס איז, מישטיינס־געזאָגט, נישט מעהר ווי אַ בשר ודם, אָבער איך קען שווערען דערויף, אַז דאָס איז נאָר געווען אין די ערשטע עטליכע טעג. נעכטען בין איך זיך געגאַנגען, גלאַט אַזוי, פון דער פראַנצישקאַנער גאַס אויף די נאַלעווקעס, און האָב אָנגעקוואָלען אָנקוקענדיג מיינע ברידער און מיינע שוועסטערן, און האָב אָנגעקוואָלען אָנשמעקענדיג זיך מיט אַלע ריחות פון דעם דאָזיגען גן עדן התחתון, און צום סוף, אַז איך בין פאַרבייגעקומען פאַר דער אַפּטייק, האָב איך געמוזט, נישט ווילענדיג, זיך צוהאַלטען די נאָז אויף איין רגע, פּראָסט ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל מיר נישט שאַדען און איך זאָל דערפון נישט בעקומען דעם קאַטאַר. איך בין געוואָרען אַ יוד מיט'ן פולען מויל און מיט דער פולער נאָז, און אַ ריח פון אַנ'אָפּטייק קען מיר חלילה שוין מאַכען דעם קאַטאַר!

איהר לאַכט, פריינדין מיינע?

ווי איך זעה, דערמאָהנט איהר זיך אָן ווילנאָ און אייך שטעלען זיך פאָר די בילדער פונ'ם שוהל־הויף—אָבער איהר האָט אַ טעות: ווילנאָ הויבט גאָר נישט אָן צו קומען צו וואַרשוי. — אַלע ווייסען, אַז אַ דיקער

צאַפּ ווערט געמאַכט פון פיעל איינציגע האָר, אָבער איינציגע האָר זענען פּאָרט נישט דאָס, וואָס עס איז אַ גאַנצער צאַפּ, ווארשוי איז טאַקי אַזאַ מין צאַפּ, וואָס איז צונויפגעפלאָכטען פון הונדערטער טויזענדער יודען; ווילנאַ איז נאָר—איינציגע האָר.

שרעקט אייך נישט, געליעבטע פריינדין, איך וויל מיך גאָר נישט נעהמען היינט צו דער מלאכה אויסצוקאַמען דעם דיקען צאַפּ פון די הונדערטער טויזענדער ווארשויער יודען, דען איך ווייס איבערהויפּט נישט, צי האָב איך גאָר אַ טאַלאַנט צו זיין אַ פּאַריקמאַכער; איך וויל היינט נאָר דרעהען אַ קליין וואָנסעלע פון עטליכע האָר.

איך הייב נישט אָן מיט דעם בית־המדרש, מיט דער שוהל—אדרבה, איך הויב גאָר אָן מיט דעם טעאַטער,—אין איינעם פון די לעצטע טעג איז אַ יוד, ווי איך בין, געווען אין דעם טעאַטער.

דען חוץ בלאָטעס, שטויב, פּראָטעסטירטע וועקסלען מקוה־וואַסער און נאָך אַנדערע פערשידענע פּערוויילונגען, האָט ווארשוי יעצט אויך אַ יודיש טעאַטער, און אין דעם טעאַטער געהען אריין אפילו מענשען אויך. אמת, אַז מען פערקוקט זיך אַ ביסעל, קאָן מען מיינען, אַז מען איז גאָר אין פּיל־ווישאַק אויפ'ן יריד, אָבער דאָס שאַדט נישט; עס איז דאָרט פּאָרט פערהאַנען פון אַלע מינים, אפילו אַקטיאָרען און אַקטיאָרקעס אויך, אַלעס עכט און נישט חלילה געמאַכטע: עכטע זכרים און עכטע נקבות, נישט קיין פערשטעלטע; עס איז דאָרט פערהאַנען אפילו אַ סצענע און פּיעסען אויך, און אפילו מוזיק אַ פּובליקום און דאָס גאַנצע איבעריגע קלאַפּערגעצייג, וואָס קלאַפּט אין די הענד און שרייט בראַוואָ, בעשטעלטע קלאַקערס, וואָס שרייען „בים", אַלעס־אַלעס איז פערהאַנען, פּונקט אַזוי ווי ביי זיי ביניהם. און דאָס גרעסטע וואונדער איז, אַז עס איז דאָרט פערהאַנען אויך—טאַלאַנט!

טאַלאַנט־? פון וואַנען? — האָט זיך דער דאָזיגער הימלישער פונק פערבלאָנדזשעט דאָ אַהער? — דאָס איז קיין קשיא נישט! אויף אַנ'אַלטע, מיט שימעל בעדעקטע וואַנד פון אַ חורבה, צווישען שטיינער און סקאַלעס, וואָס ליעגען אין אַ פינסטערן נאַסען אָרט, זעהט מען אָפט ארויסשפּראָצען וואונדערליך שענע געוויקסען און פּראַכטפאָל געפאָרמטע גראָזען, וואָס די נאַטור אַליין האָט זיי פאַבריצירט — און עס וואונדערט מיך גאָר נישט,

אַז מען זעהט צווישען שטיינער און סקאַלעס אין אַנ׳אַלטער חורבה אַמאָל אַ טאַלאַנט אַרויסשפּראָצען; די נאַטור פרעגט מען קיין קשיות נישט.

עס פערשטעהט זיך פון זעלבער, אַז מען טאָר זיך צו אַזאַ מין טעאַטער גאָר נישט צוטראָגען מיט שאלות און מיט קריטישע פראַגען, מען טאָר עס גאָר נישט וועלען בעזעהן ביי דעם ליכט. עס איז נאָר איין כלל פערהאַנגען: נישט פרעגען, נישט פערלאַנגען, נישט וועלען; מען טאָר נישט פרעגען אפילו אויף דעם צוועק און דעם ציעל פון אַ יודיש טעאַטער, מען טאָר נישט פרעגען איבערהויפּט, וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער פערהאַנען צו זיין, אָדער, ווי עס הייסט ביי זיי להבדיל, וואָס איז דער raison détre פון דעם דאָזיגען טעאַטער. פרעגען און פערלאַנגען און מיינונג זאָגען קען מען נאָר דאָ, וואו עס איז שוין אַ שטיקעל פובליקום פאַרהאַנען, וואָס ווייסט און פערשטעהט עטוואָס. דאָ, וואו דאָס פובליקום האָט עפּיס אַ וואונש, אַ פערלאַנג, און דער אַקטיאָר איז נישט אימשטאַנד דאָס דאָזיגע פערלאַנגען צו ערפילען — אָט דאָ העלפט אַ מיינונג זאָגען. אָבער דאָ, וואו דאָס פובליקום איז נאָך, מיט רעספּעקט צו מעלדען, אַ מין לייהמענער גולם, דאָ זאָל מען נישט רעדען, דאָ זאָל מען אַמאָל נאָר עפּיס אַ בעמערקונג מאַכען, איינציגווייז, איינציגווייז, און וואַרטען ביז דאָס פובליקום וועט איינציגווייז, איינציגווייז שוין ווערען אַ ביסעל רייפער און וועט שוין וויסען עפּיס צו פערלאַנגען און צו פערדעקען. יעצט דערווייל האַלט עס מיט דעם פובליקום נאָך גאָר אַנדערש. יעצט, אַז מען שפּיעלט, למשל, אַ טרויער־שפּיעל, מוז מען אויף דער אַפישע מיט גרויסע אותיות דרוקען לאָזען: „האָט מען געלאָזט דאָס געעהרטע פובליקום אַז עס זאָל היינט חס והלילה נישט לאַכען, דען מען שפּיעלט היינט אַ טרויער־שפּיעל”, און אומגעקעהרט, ביי אַ לוסט־שפּיעל מוז מען מודיע זיין: „דאָס געעהרטע פובליקום וועט אַזוי גוט זיין און היינט נישט וויינען און נישט טרויעריג זיין, דען היינט איז דאָס שפּיעל אַ לוסט־שפּיעל”. — דאָס איז דאָס פובליקום! און דעריבער טאָקי טאָר מען אויך דעם אַקטיאָר צו פיעל נישט מוסר׳ן; ווי הייסט, ר׳ יוד, ר׳ גוי, איהר שפּיעלט מיר אַזוי און אַזוי, איהר מאַכט מיר אַזוי און אַזוי אַ תנועה, איהר רעדט מיר אַזוי און אַזוי, איהר דערלאַנגט מיר אַזאַ און אַזאַ קוק, און ווייסט איהר דען נישט אַז אַזאַ שפּיעלעניש, אַזאַ מאַכעניש, אַזאַ רעדעניש און אַזאַ קוקעניש איז גאָר נישט לויט דעם געזעץ פון דער

„שענער קונסט”? ווייסט איהר דען נישט, אַז דאָס גאַנצע סטיסיוועט זיך גאָר נישט מיט די בעקאַנטסטע געזעצען פון דער עסטעטיק? ווייסט איהר דען נישט, אַז קוים האָט איהר געמאַכט אַזוי און נישט אַזוי, דריקט איהר דערמיט גאָר נישט מעהר אויס דעם כאַראַקטער פון דער פּערזאָן, וואָס איהר האָט געוואָלט אָדער געזאָלט פאַרשטעלען? — ניין, דאָס טאָר מען גאָר נישט פרעגען, גאָר נישט זאָגען; דען קוים זאָל טאַקי עפּיס ווערען אַ רעכ־טער קינסטלער, דאָ וועט דאָס דאָזיגע פּובליקום מיט דעם דאָזיגען געשמאַק איהם און זיין שפּיעלען גאָר נישט פערשטעהן. — דעריבער טאַקי טאָר דער קריטיקער ביי אַזאַ מין טעאַטער זיך גאָר נישט נעהמען ערנסט צו זיין מל־אכה! ער מוז בעטראַכטען די אַקטיאָרען עפּיס גאָר אַזוי ווי כהנים ביים דוכנ’ען, וואָס מען טאָר זיך צו זיי גאָר נישט צוקוקען; קוקט מען זיך צו צו זיי צום ערשטען מאָל, ווערט מען בלינד אויף איין אויג, קוקט מען זיך צו צום צווייטען מאָל, ווערט מען בלינד אויף דעם צווייטען אויג א. אז. וו. — אויך איך, ליעבע פריינדין, האָב מיך אַמאָל פערגלוסט און האָב זיך צוגעקוקט צו די דאָזיגע כהנים, בעת זיי האָבען גע̇דוכנט אויף דער סצענע, און בין מסתמא אויף איין אויג בלינד געוואָרען — זייט דענסטמאָל קוק איך אויף זיי מעהר נישט ווי מיט איין אויג. און אויך מיט דעם איינעם אויג זעה איך, דאַכט זיך, גענוג און איבעריג.

אויך דאָ פאַר עטליכע טאָג האָב איך מיט איין אויג אַ „נייע” פּיעסע אָנגעקוקט; די פּיעסע הייסט „דער בעטלער” און דער פערפאַסער הייסט י. פּ. אדלער.

אַז די פּיעסע הייסט „דער בעטלער”, דאָס האָב איך אַרויסגעזעהן פון דעם שטיק אַליין, וואָס אין איהם קומט פאָר אַ מין בעטלער אָדער אַ לומ־פען־זאַמלער; נאָר דאָס ‏דער פערפאַסער הייסט אדלער, דאָס האָב איך אַרויסגעזעהן נאָר פון דער אפישע, וואָס אויף איהר שטעהט אַזוי געשריע־בען, און איך, וואָס איך בין אַ עהרליכע כשר’ע נשמה, גלויב דאָס אויף נאמנות. וואָס אמת, איז אמת, אַז איך וואָלט נישט זיין אַזאַ מין עהרלי־כע כשר’ע נשמה, וואָס גלויבט אַלעמען אַזוי שטאַרק, וואָלט איך בודאי גע־פרעגט עטליכע קשיות; איך וואָלט, למשל, געפרעגט: ווי קומט עס, דאָס די פּיעסע זאָל הייסען אַ „נייע” און עס איז דאָך שוין אפשר דרייסיג יאָהר, ווי מען האָט דאָסזעלבע אין אַלע לשונות פון אייראָפּאַ אויפגעהערט צו

שפּיעלען? ווי קומט עס, אַז זי זאָל הייסען „דער בעטלער" און זי איז דאָך בעקאַנט אין גאַנץ אייראָפּאַ מיט דעם נאָמען „דער לומפּען־זאַמלער"? און דאַן נאָך: ווי קומט עס, אַז דער מחבר זאָל הייסען אַדלער און מיר אַלע ווייסען דאָך, אַז דער מחבר איז גאָר אַ פראַנצויזישער שריפטשטעלער? — וואָס אמת, איז אמת, עס איז אפילו נישט אַזאַ שענע זאַך, מיט געוואַלד זיך וועלען אַריינדרעהען צווישען מחברים און וועלען געניסען אַ כבוד, וואָס מען האָט איהם גאָר נישט פערדיענט; נאָר ווי מיר זעהען, האָט דער־זעלביגער הערר אַדלער שוין אַזאַ אַלטען מנהג; ער האָט דעם וואַרשויער פּובליקום פאַר עטליכע וואָכען אַ פּיעסע געגעבען, וואָס הייסט „די לוסטי־גע קאַוואַליערען", און מיר ווייסען, אַז דער מחבר הייסט דוקא נישט אַדלער, הגם אויף דער אַפישע שטעהט אַזוי געשריבען, און אַ צווייטע פּיעסע האָט ער זיי געגעבען, וואָס הייסט „די משוגענע אויס ליעבע", און, בעונותינו הרבים, קען מען אויך זי און מען ווייסט, אַז איהר פערפאַסער הייסט אויף להכעיס נישט אַדלער, הגם אויף דער אַפישע זעהט מען ווידער דעם דרוק־פעהלער: „אַדלער". — פאַרוואָס, פאַרוואָס זאָל אַ מענש קענען אַזוי גלייכ־גילטיג טון די דאָזיגע עבירה, וואָס האָט עפּיס אין דער וועלט נישט אַזאַ שענעם נאָמען? — איך, מיין ליעבע פריינדין, זאָג אייך דעם אמת, אַז דאָס גאַנצע וואָלט מיך אפילו נישט אָנגעהויבען צו אַרען, נאָר אַזוי ווי איך אַליין בין דאָך אַ שטיקעל מחבר, מוז איך דאָך זיין איין ערב אויך פאַר אַלע מיי־נע קאָלעגען, און דעריבער טאַקי, אַז עס קומט מיר צו צו אונזער משפּחה פון מחברים אַ ניי מין קאָלעגעלע, מוז איך איהם קוקען שטאַרק אויף די הענד. די מחברים פון פּיעסען, וואָס האָבען דעם דאָזיגען מנהג פון צונעה־מען און נישט אויסזאָגען, וואָלטען אפשר גוט געטון, ווען זיי וואָלטען אויף דער אַפישע דרוקען לאָזען: „אַ פּיעסע אין אַזוי און אַזויפיל אַקטען, פער־פאַסט פון דעם און דעם, און שטילינקערהייט צוגעלאַקחענט פון דעם און דעם". — די מעשה איז אייגענטליך גאָר פּראָסט: זייט די דאַמען האָבען אויפגעבראַכט די מאָדע צו שמוקען זיך מיט פרעמדע פעדערן, האָבען אויך עטליכע הערען אָנגעהויבען די מאָדע נאָכצוטאַנצען, און דער חילוק איז נאָר, אַז יענע שטעקען אָן די פרעמדע פעדערן אויף דעם קאָפּ, און אונזער חברה ברענגען זיי אַרויף אויף דעם פּאַפּיר, — עס איז אַ קראַנקהייט צו וועלען זיך שמוקען מיט פרעמדע פעדערן!

נאָר, מישטיינס־געזאָגט, וואָס פאַר אַ שמוק דאָס איז! וואָלטען ווע־ניגסטענס די דאָזיגע הערךען געוועזען אַ ביסעלע מבינים און וואָלטען זיי כאָטש פערשטאַנען אַ רעכטע זאַך. אַ שמוק, צו נעהמען!

איהר הערט, פריינדין מיינע, די מעשה פון דעם דאָזיגען שטיק?

די מעשה האָט זיך פערלאָפען אין אָדעסאַ. — אַ יונגער בעטלער, בעריל שטאַם, קומט אויף די סצענע און וויל לויפען טרענקען זיך, ווייל דאָס לעבען איז איהם נמאס. דאָ שיקט איהם דער גוטער רבונו של עולם אַ מענשען צו, וואָס הייסט הערצבערג, און דער דאָזיגער, אפנים אַ גרויסער פלוידערזאַק, דערצעהלט דעם פובליקום, וואָס פרעגט ביי איהם גאָר־נישט, דאָס ער טראָגט ביי זיך פופציג טויזענד רובל. עס פערשטעהט זיך, דאָס פון פובליקום, וואָס זענען לויטער יודען מיט גוטע ווייבע הערצער, לויפט קיינער נישט אַרויף צו איהם, איהם צו דערהרג'ענען, און נאָר בע־ריל שטאַם, וואָס איז בודאי אויך אַ יוד און מוז בודאי נישט זיין אַזאַ שטאַר־קער בקי ורגיל אין שפיכת דמים, ער לויפט צו איהם צו און קוילעט איהם, און לויפט אַוועק מיט דעם געלד און ווערט שפעטער דער באַנקיר האָפמאַן. דערווייל אָבער קומט צו, צו דעם דערקוילעטען, איין אַנדערער בעטלער, דער אַלטער שלמה, און געפינט דעם דערקוילעטען ביי דער גסיסה, און פאָרשט איהם אויס, ווי אַזוי הייסט ער, און ווערט געוואָהר, אַז ער האָט איינאונאיינציג קינד, אַ מיידעל, וואָס בלייבט איבער ווי אויף דעם ווינד. עס איז אפילו אין פלוג אַ קשיא, ווי קומט עס, דאָס אַ מענש, וואָס קען טראָ־גען ביי זיך פופציג טויזענד רובל מיט אַמאָל, זאָל איבערלאָזען אַ קינד אַזוי גלאַט אויף דעם ווינד און קיינער נעהמט זיך נישט אָן פאַר זיין קינד, אַ חוץ איין אַלטער בעטלער? — נאָר מן־הסתם איז דאָס אַזאַ מין גזרה פון דעם מחבר אַליין. דעריבער מוז מען פערשטעהן ממילא, אַז דער דאָזי־גער שלמה בעטלער געפינט עפיס דורך נסים דאָס איבערגעבליבענע יתומה־לע, און ער האָדעוועט זי אויס, און האָדעוועט זי אַזוי שטאַרק און אַזוי לאַנג, ביז עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג פון דעם צווייטען אַקט און מיר דערזעהען איין אויסגעהאָדעוועטעם פריילין, וואָס נייהט אַ קלייד פאַר אַ באַנקירס אַ טאָכטער און דאַרף דאָס באַלד אָבטראָגען. אָט דאָ הייבט זיך אָן די טראַגעדיע, וואָס שניידט איינעם פשוט דאָס האַרץ. שטעלט אייך נאָר פאָר: רייזעלע די יתומה האָט פאַרטיג געמאַכט דאָס קלייד, און דער

יצר־הרע האָט זי געכאַפּט דאָס אָנצומעסטען, און דאָ קומט אַריין איהרע אַ חבר'טע, איין אויסגעלאַסענע, מיט צוויי יונגעליט, וואָס ווילען זי פערפיהרען צו אַ באַל, און איינער פון די יונגעליט, אַ שאַרלאַטאַן, הייבט אָן צו קנייפּען דער אומשולדיגער יתומה אין די בעקעלעך (דאָס אייגענטליך, איז נאָך נישט אַזוי טיעף טראַגעדיש!) און דאָ האָט ער איהר אומגערן אָבגעריסען אַ שלייף פון דעם קלייד — אָט דאָס איז די רעכטע טראַגעדיע! די יתומה איז אומגליקליך, די אויסגעלאַסענע פריילין לויפט אַוועק, די צוויי יונגעליט צווערטלען זיך און וועלען מסתמא באַלד געהן אויף אַ דועל, און רייזעלע די יתומה האָט קיין אַנדער עצה נישט, נאָכדעם ווי ס'האָט זיך איהר געטראָפען דאָס גרויסע אומגליק מיט דער שלייף, ווי זיך אויפצוכאַפּען און צו האַלטען אַ מאָנאָלאָג אַ לאַ האַמלעט און צו געהן פערגיפטען זיך. און דעם אמת גערעדט, ווי קען דאָס אַ מענש נאָך וועלען לעבען, נאָכדעם ווען עס האָט זיך אָבגעריסען אַ שלייף פון אַ קלייד? דאָס איז כמעט נאָך ערגער, ווי עס רייסט זיך אַראָב אַ קנעפּעל פון די הויזען! — דערמיט איז אָבער די דראַמע נאָך נישט געענדיגט; ערשטענס, ווייל עס איז נאָך צו פריה אַהיימצוגעהן, און, צווייטענס, ווייל דער העלד פון דעם שטיק, שלמה דער בעטלער, האָט נאָך ווייניג וואָס געטון. דאָ גיט זיך דער פערפאַסער אַזאַ מין עצה: עפּיס אַ פּרוי, איין אַקושערין, וואָס הייסט בערמאַן, קומט אַריינצוגעהן שטילינקערהייט אין דאָס צימער פון רייזעלע דער יתומה, און וואַרפט איהר אונטער אַ פּיצעלע קינד און לויפט אַרויס; אַרויסלויפענדיג, פערשטעהט דאָך אַ יעדער קלוגער מענש, מוז זי פערלירען נישט וועניגער ווי טויזענד רובל באַנק־בילעטען הינטער דער טיר. דערווייל אָבער האָט רייזעלע די יתומה דערזעהען דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד, און עס האָט זי געהאַפּט דער חשק צום לעבען, און זי וויל דאָס קינד אויפהאָדעווען און ברענגט זיך אַ וויגעלע צושלעפּען און ווערט גאָר אַ גאַנצע מאַמע. ביי מיר איז אפילו. אַ שטאַרקע קשיא, פון וואַנען וועט דאָס קינד נעמען צו זויגען? אַז אַנ'אַם זעהט זיך נישט אויף דער סצענע, און אַ יתומה אַ בתולה, אַזוי פיעל ווי איך ווייס, קען נישט זויגען אַ קינד, און לעבען מוז דאָך אַ קינד פאָרט — נאָר אויף אַ דראַמע אין פינף אַקטען פרעגט מען קיין קשיות נישט! רייזעל די יתומה איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ מינוט פון דער שטוב, און שלמה דער בעטלער איז אַריינגעקומען און האָט מיטגעבראַכט טויזענד

רובל, וואָס ער האָט געפונען. נאָר אַזוי ווי ער איז אַנ'עהרליכער מאַן, וויל ער אויפזוכען דעם מענשען, וואָס האָט דאָס געלד פערלאָרען, און וויל עס איהם צוריקגעבען. דערווייל אָבער דערשמעקט ער דאָס קינד, און הייבט אָן שטאַרק חושד צו זיין רייזעלע די יתומה, און ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט מאַכען מיט איהר, ווען דער פאָרהאַנג וואָלט נישט פאַלען אויף אַנ'-עצה זיך דאָ אַראָבצולאָזען און צו מאַכען אַ סוף מיט דעם גאַנצען אַקט.

נאָר ווער איז פאָרט דאָס קינד? — אָט הערט אַנ'אינטערעס: דער באַנקיר האָפמאַן (דער געוועזענער בעריל שטאַם) האָט אַ טאָכטער אַ כלה-מויד, און די דאָזיגע כלה-מויד האָט פון דער הוילער הויט אַ קינד געהאַט! דאָ האָט איהר פאָטער געגעבען דער אַקושערין טויזענד רובל, אַז זי זאָל דאָס קינד אומברענגען, נאָר אַזוי ווי די אַקושערין איז אַ גרויסע בעל-רחמנות, האָט זי דאָס קינד נישט אומגעבראַכט, נאָר האָט עס אַוועקגעטראָגען צו שלמה דעם בעטלער אין שטוב אַריין. ווי אַזוי זי איז געפאַלען אויף דעם שכל דאָס קינד אַריינצוטראָגען דוקא צו דעם דאָזיגען ביינער-קלויבער און האָט אין אָדעסאַ זיך נישט געקענט אויסזוכען אַ גרעסערען נגיד — דאָס ווייס איך נישט; דאָס האָט מסתמא דער מחבר אַזוי געוואָלט און האָט זיך איינגעעקשנט, און געוועהנגיך פאָלגען די אַלע בעשעפענישען אַלעס, וואָס זייער מחבר הייסט זיי טון, דערווייל אָבער מוז מען וויסען, אַז די דאָזיגע כלה-מויד האָט אַ חתן, און דער דאָזיגער חתן איז איינער פון די צוויי יונגעלייט, וואָס זענען אַריינגעקומען פריהער צו שלמה דעם בעטלער פערפיהרען זיין רייזעלע אויף אַ באַל; דאָ, פערשטעהט מען דאָך, אַז מען דאַרף אַ גנב, שניידט מען איהם אָב פון דער תליה, און אַז אַ מחבר האָט נייטיג אַ יונגענמאַן, וואָס זאָל קענען זיך פערליעבען, נעהמט ער אבי ווער עס קומט איהם אין האַנד אַריין, און אַזוי ווי דערזעלביגער יונגערמאַן איז געווען דענסמאָל ביי רייזעלע דער יתומה אין דער שטוב, דאָ איז ער פּלוצים געוואָרען פון אַ שאַרלאַטאַן — אַ בעל-תשובה און האָט זיך תיכף ומיד אין דעם מיידעל פערליעבט, און זי האָט איהם נאָכגעטון די קונץ און האָט זיך ווידער תיכף ומיד אין איהם פערליעבט; ובכן האָבען מיר שוין אַ פערליעבניש אויך אין אונזער דראַמאַ. נאָר דאָ הייבט זיך ווידער אָן די מעשה מיט דעם קינד; פון וועמן די כלה-מויד, דעם באַנקירס טאָכטער, האָט אַ קינד געהאַט, האָב איך בשום אופן נישט געקענט דערגעהן ביז צום היינ-

טיגען טאָג, — אפשר פון אַ פערקיהלעניש? דאָ אָבער מאַכט זיך אַ גע־שיכטע, אַז רייזעל נייהט קליידעל גראַדע פאַר דעם באַנקירס טאָכטער, און זי קומט גראַדע בעטען געלד פאַר איהרע ארבייט, און רעדט זיך גראַדע אויס, אַז זי מוז אַ קינד דערנעהרען, וואָס מען האָט איהר אונטערגעוואָר־פען; אָט דאָ, פערשטעהט זיך, קריגט די כלה־מויד בועז'ס דערשרעקעניש אויף דער מינוט. און זי מיט איהר פאָטער בעשליסען שפּעטער צו שיקען נאָך דער אַקושערין און דאָ עפּיס צו מאַכען אַ מין מאַכעניש. די אַקושערין קומט און דערצעהלט, אַז זי האָט די טויזענד רובל פערלאָרען, און דער באַנקיר גיט איהר פון דאָס ניי טויזענד רובל, בתנאי, אַז זי זאָל צוריק אַרויסגנב'ענען פון שלמה'ס הויז דאָס קינד און זאָל עס אומברענגען. און טאַקי אין אַ מזל־דיגער שעה, בעת דער אַלטער שלמה האָט זיך, מיט רעס־פּעקט צו מעלדען, פערדרעהט אַנצוצינדען זיך אַ לולקע טאַבאַק, כדי צי קענען דאָס קינד רוהיג פערוויגען, קומט אַריין די אַקושערין מיט דעם באַנ־קיר, און מען גנב'עט דאָס קינד אַרויס כדת משה וישראל, כדי צו קאָנען עס אין דרויסען קוילען, שוין אפילו נישט כדת משה וישראל.—דאָס אָבער איז נאָך אַלעס נישט גענוג, ערשטענס, ווייל עס איז אַלץ נאָך צו פריה אהיים צוגעהן פונ'ם טעאַטער, און, צווייטענס, ווייל דער העלד, שלמה דער בעטלער, האָט נאָך ווענינ וואָס געהעלדעוועט. דאָ גיט זיך אַ מחבר, אַ קלוגער יונג, אַזאַ עצה: דער חתן פון דער כלה־מויד, וואָס זאָל אויף מאָר־גען מיט איהר חתונה האָבען, וויל פּלוצים בשום אופן די כלה מעהר נישט נעהמען, און אַלץ איבער אַ קלייניגקייט, ווייל ער האָט זיך פערליעבט אין די יתומה, און דאָס דערשמעקט דער באַנקיר האָפמאַן, מן הסתם גלאַט דורך אַ מין כשוף, און בעשליסט זיך, די דאָזיגע יתומה אַוועקצורוימען אוים דעם וועג, כדי דער חתן זאָל זיך קענען צוריק פערליעבען אין זיין טאָכטער; און איבער דעם טאַקי שיקט ער באַלד אונטער צו שלמה דעם בעטלער עטליכע פּאָליציסטען, וואָס שרייען אין איין געוואַלט, אַז מען האָט געפונען אין דרויסען אַ גע'הרג'עט קינד און רייזעל איז די מאַמע דערפון, וואָס האָט עס אומגעבראַכט. דאָ הויבט אָן אַלעס צו פאַלען: רייזעלע פאַלט אין חלשות, דער אַלטער שלמה פאַלט אויף אַנ'עצה, און דער פאָרהאַנג פאַלט אויך, — וואָס טהוט מען אָבער ווייטער? ווייטער געהט עס אַזוי: שלמה דער ביינערקלייבער האָט אויפגעקליבען פון מיסט אַ שטיקעל צייר־

טונג־פּאַפּיר, פון וועלכען ער האָט געלעזען, אַז אַ געוויסע אַקושערין, וואָס הייסט בערמאַן, האָט פערלאָרען טויזענד רובל, און אַזוי ווי ער האָט דאָך געפונען די טויזענד רובל, איז ער אַהינגעלאָפען צו איהר. און באַלד איז איהם געוואָרען קשה, פון וואַנען האָט דאָס אַזאַ מין יודענע אַזויפיעל געלד? און על פּי גרויס חכמה איז ער דערגאַנגען, אַז זי וויים פון אַלעם און זי קען די אמת'ע מאַמע פון'ם דערהרג'עטען קינד. אָט דאָ פאַלט ער אויף דעם שכל, איהר די טויזענד רובל נישט וועלען צוריקגעבען, ביז זי וועט איהם אַלעס אויסזאָגען. זי, נאַטירליך, וויל נישט, ער, נאַטירליך, וויל יאָ. און דאָ הייבט ער שוין אָן אַריינצוואַרפען אין אַ ברענענדיגען אויוועז דעם ערשטען און דעם צווייטען הונדערטער פון די טויזענד רובל, און אַז די אַקושערין דערזעהט דאָס, קען זי עס לענגער נישט אויסהאַלטען און זאָגט איהם אַלעס אויס, און גיט איהם נאָך דערצו אַ בריעף, וואָס דעם קאַנקירס טאָכטער האָט צו איהר געשריבען. יעצט געהט שוין אַלעס ווי געשמירט: דער בעטלער לויפט אַריין צום באַנקיר און דערצעהלט איהם מיט גרויס חכמה, אַז ער האָט ביי זיך עפּיס אַ וויכטיגען בריעף. דער באַנקיר דערמאָהנט זיך, אַז דאָס איז שלמה, וואָס ער קען איהם, פון די צייטען, וואָס ער אַליין איז נאָך געווען אַ בעטלער, און דאָ שכור'ט דער באַנקיר דעם בעטלער אָן (מיך וואונדערט, פאַרוואָס דערלאַנגט ער איהם נישט גיפט אויס דעם מחבר'ס אַפּטייק?) און רייסט איהם אַרויס דעם בריעף און וויל איהם דערווערגען. נאָר אַזוי פיעל נפשות זאָל איין אייציגער מחבר דערקוילען אין איין אָווענט, איז דאָך עפּיס קיין יושר נישט. דעריבער טאַקי בלייבט שלמה ביים לעבען, און לאָזט זיך איינשב'ען אין אָסטראָג אַריין, בכדי צו קענען דערנאָך דעם סליעדאָוואַטעל איבעררעדען, אַז ער זאָל זיך פערשטעלען און זאָל מיטנעהמען מיט זיך דריי טויזענד רובל און זאָל מיט איהם געהן צו דער אַקושערין. פערשטעהט מען דאָך פון זעלבסט, אַז די אַקושערין איז אַ קלוגע און מיינט, אַז מען וויל איהר טאַקי גאָר פון דאָס ניי שענקען דריי טויזענד רובל, און זי זאָגט אַלעס אויס, וואָס זי ווייסט! אָט דאָ קריכט אַרויס דער סליעדאָוואַטעל, און יעדערער קלוגער פערשטעהט פון זעלבסט, אַז מען אַרעסטירט די אַקושערין, און דערנאָך פערשטעהט מען שוין ווידער פון זעלבסט, אַז מען אַרעסטירט דעם באַנקיר, און דערנאָך אַרעסטירט מען די טאָכטער, וואָס געהט אָנגעטון אין חופּה־קלייד, און דערנאָך לאָזט מען

אַרוים פריי רייזעלע די יתומה, און דערנאָך האָט זי חתונה, און אומעטום איז שמחה וששון. און די דראַמאַ אין פינף אַקטען קען רוהיג איינגעהמען אַ סוף.

פריינדין מיינע! ווי געפעלט אייך אַזאַ מין דראַמאַ?

איהר מוזט מסתמא נאָך געדענקען בערקע דעם פעלדשער, וואָס איז געוועזן אין אונזער שטעדטעל. געלערנט האָט ער אפילו וועניג, נאָר גלאַט אַזוי האָט ער געקענט אַלע מינים, וואָס אַ פעלדשער דאַרף קענען: ריצין־אייל איינגעבען, פיאַווקעס זעצען, אַ צאָהן רייסען, גאָלען, אַ קליסטיר מאַכען, אַ שפּאַנישע פליג שטעלען. און אַמאָל איז ער געקומען צו אַ קראַנקען און האָט נעביך נישט געוואוסט, וועלכע רפואה ער דאַרף גראָד דאָסמאָל פאַר דעם חולה; דאָ האָט ער זיך מישב געווען און האָט איהם אַלעם צוזאַמען געמאַכט, די אַלע מיטלען, וואָס ער האָט נאָר געוואוסט. וואָס אויס דעם קראַנקען האָט זיך אויסגעלאָזען, וויים איך נישט, נאָר דאָס וויים איך, דאָס דער פּערפאַסער פון אונזער דראַמאַ האָט אויך אַלץ איינ־איינעם אין זיין פּיעסע אַריינגעלעגט, פון וואָס ער האָט נאָר געוואוסט און געהערט: ריצין־אייל און פּיאַווקעס און אַ צאָהן רייסען און גאָלען און אַ קליסטיר און אַ שפּאַנישע פליג: אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: אי אַ מענשען שטעכען, אי פערגיפטען, אי אַ קינד הרג'ענען, אי הונדערטער פערברענען, אי אַ מענשען ווערגען און דערשטיקען א. אַז. וו. א. אַז. וו. — איז דאָס דאָזיגע טאַקי אַ שטיק, וואָס איז גענומען פון דעם לעבען? טרעפט זיך איהם לעבען טאַקי יעדען טאָג אַזעלכע ווילד־משונה'דיגע מעשיות?

און גאַנץ בעזונדער מוז איך פרעגען: וואָס האָט דאָס אַלעם פאָרט מיט אונז, יודען? וואָס וויל מען נעביך פון אונז האָבען? — האָט דאָס שטיק אין זיך אפילו איין איינציג פּיצעלע וואָס איך זאָל קענען זאָגען, אַז דאָס איז פון יודישען לעבען? ווייסט דער יוד טאַקי פון אַזויפיעל הרג'ענען און דערשטיקען און פערגיפטען זיך און דעסגלייכען? דאַכט זיך, מיר ווייסען אומגעקעהרט: דער יוד איז גאָר אַ שטיקעלע טרוס, און אַז ער שטעכט זיך, חלילה, מיט אַ נאָדעל אין פינגער אַריין, ווייסט ער, אַז „אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אא"כ מכריזין עליו מלמעלה", דאָס הייסט, ער ווייסט, אַז נישט ער חלילה, האָט זיך די מעשה רע געטון, נאָר דאָס דער השי"ת האָט אַזוי גוזר געווען—אָבער ווי קאָן מען זאָגען, דאָס ער, דער

דאָזיגער יוד, קען גאָר וויסען אין טעגליכען לעבען פון אזעלכע ווילד־משונה־דיגע מעשיות?

אזעלכע מעשיות זענען נאָר געמאַכט, די פאַנטאַזיע פון א מענשען צו דערהיצען, און דאָס איז דאָס שעדליכסטע פאַר דעם מענשען. — איך וויל זיך מודה זיין, איך האָב זעהר פיעל אויסצוזעצען קעגען גאָלדפאַדענס פיעסען, אָבער וועניגסטענס זענען זיי נישט שעדליך, וועניגסטענס האָבען זיי אין זיך פיעל יודישקייט, אמאָל רעיעל פונ׳ם יודישען לעבען און אמאָל אלס קאַריקאַטור. אמאָל אוים דער יודישער היסטאָריע און אמאָל גלאַט אזוי א פאַנטאַזיע, וואָס איז גאַנץ יודישליך; און חוץ דעם האָט אויך די מוזיק אין זיינע פיעסען פיעל גוטס. דען א יעדע זאַך, וואָס האָט אין זיך עטוואָס פון־דער „שענער קונסט", פיינט אוים דעם גייסט פון דעם מענשען און בילדעט זיין הארץ. — אָבער וואָס וויל מען מיט א פיעסע ווי „דער בעטלער"? ווי קומט אזעלכעס פון יודען וועגען? וואָס ווייסט א יוד פון אזעלכע פוסטע זאַכען, וואָס אפילו ביי אונזערע שכנים איז עס נאָר אַנ׳אויסנאַהמע, און וואָס פערברענטע מוחות האָבען עס געקענט אויפשרייבען? —אז מען נעהמט שוין עפּעס פון א פרעמדער ליטעראַטור, צו וואָס דאַרף מען נאָך נעהמען גראָד דאָס ערגסטע?...

איך וויל נישט רעדען דערפון, ווי פאַלש דאָס שטיק איז איבערהויפּט צונויפגעשטעלט; איך וויל נישט רעדען דערפון, ווי נישט ריכטיג די קאָמ־פּאָזיציע איז, אז מען נעהמט און מען שטעלט אין א פיעסע נישט מעהר אַרוים ווי נאָר איינאיינציגע פערזאָן און אלע אַנדערע מעגען געהן זיך לע־גען שלאָפען; איך רעד נישט דערפון, וואָס פאַר א פיעסע דאָס מוז זיין, אז אפילו דער „ליעבהאָבער" און די „ליעבהאָבערין" האָבען דעריין כמעט גאָר־נישט וואָס צו טון, — ניין, איך רעד פון דעם אַליין גאָרנישט, דען איך האָב שוין אויבען געזאָגט, אַז א יודישע פיעסע טאָר מען גאָר נישט ערנסט רעצענזירען; איך רעד נאָר דאָס איינציגע וואָרט: ווי טרויעריג און ווי א שאָד דאָס איז, אַז מען זעהט, ווי ווייט א יודישער מחבר קען נישט און וויל נישט פערשטעהן, אַז א ביהנע קען זיין א מין חדר, וואָס טויזענדער יודען וואָלטען קענען אין איהם לערנען, און וואָלטען קענען עפּים רעכטס אויסלערנען.—ניין, ניין, מיינע הערען, א פורים־שפּיעל און פורים־שפּיע־לער דאַרפען מיר גאָר נישט!

אויך וואס עס געהערט זיך צו דעם שפּיעלען פון די אקטיארען, טאר איך מיך נישט מיט פּרטים בעשעפטיגען, דען סוף כל סוף איז עס דאך נאר א „יודיש„ שפּיעלעריי. מען זעהט עס אויף דעם ערשטען קוק, אז מיר האבען דא צו טון מיט מענשען, וואס נישט א דראמאטישע שולע און נאר דאס טעאטער אליין האט זיי אויסגעבילדעט אדער האלט זיי נאך אין בילדען מען טרעפט דארט אפט א טאלאנט אן — אבער נישט מעהר ווי טאלאנט אליין, און גאר קיין „שולע" נישט; יעדער האט זיך זיין אייגענע בויך־סברא און שפּיעלט נאך זיין אייגענער סברא—און טוט איהם עפּים דערפאר־ און דא, וואו מען זעהט ארויס א טאלאנט, דא טוט דעם אויפריכטיגען קריטיקער דאס הארץ וועה, צוזעהענדיג, ווי עס געהט פערלארען, דען „פאר א בארשט איז עס צו זים און פאר א יויך צו זויער"—פאר א יודיש טעאטער צו גוט, און דערפאר טויג עס נישט, און פאר אנ'אייראפּעאישע סצענע צו רויה, און דערפאר טויג עס נישט.—

זענט איהר בייז אויף מיר, ליעבע פריינדין, וואס איך האב אייך אזוי דעם קאפּ פערדרעהט? רעכענט איהר, אז דאס יודישע טעאטער איז גאר נישט ווערט אזויפיעל דעריבער צו רעדען? — און פּארט מוז איך אייך זאגען, אז דאס איז א חדר, וואס יודען וואלטען קענען אין איהם פיעל, זעהר פיעל, לערנען...

אויף ווידערזעהן, ליעבע פריינדין! לשנה הבאה וכו'.

וואָס איז טעאַטער ? — „טעאַטער איז, פערשטעהט איהר מיך, בילדונג". וואָס איז בילדונג ! — „בילדונג איז, דאָס ווייסט יעדערער. קולטור". וואָס איז קולטור ? — „קולטור, זעהט איהר, דאָס איז קונסט". וואָס איז קונסט ? — „קונסט איז..." און אָט דאָ הייבט עס ערשט רעכט אָן צו שוויבלען און צו וויבלען פון ווערטער און פראַזען און אויסגעבלאָזענע מליצות, אַז עס הייבט אַזש אָן צו שווינדלען פאַר די אויגען. אָט אַזוי ווייט זענען מיר געקומען דורך די אַלע מענשען און נישט־מענשען, וועלכע שרייבען אונז יעצט מאַמרים וועגען טעאַטער און וועלכע האַלטען דרשות אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג וועגען קונסט.

עס זענען דיזעלביגע יודען, וועלכע האָבען זיך מפלפל געווען אַמאָל וועגען „עובר ירך אמו" ; עס זענען דיזעלביגע, וועלכע האָבען זיך מפלפל געווען דאַן וועגן „די השכלה, די טאָכטער פון הימעל" ; עס זענען דיזעלביגע, וועלכע זענען געקומען נאַכהער מיט די אונענדליכע פלפולים וועגען דעם „רעיון הקדוש" ; און דיזעלביגע זענען עס, וועלכע האָבען ערשט דאָ פאַר עטליכע יאָהר אַריינגעטייטשט מיט'ן גראָבען פינגער אין מאַרקסען און אין די פרייהייט. עס זענען מענשען, וועלכע קענען אָהן פלפול און אָהן זיך מפלפל־זיין נישט עטעמען. זייערע זיידעס האָבען געהאַט צו טון מיט'ן „ויש לישב„, זייערע טאַטעס—מיט דער „השכלה" און מיט'ן „רעיון", און זיי—מיט דער „קונסט". אַזוי איז עס געקומען, אַז וואו אַ שרייבער, אַ טעמאַזוכער, דאָרט אַ קריטיקער ; וואו אַ קריטיקער, דאָרט אַ מאמר וועגען קונסט; וואו אַ זאַל, דאָרט אַ פאָרטראַג וועגען קונסט און טעאַטער.

און זאָגען זאָג איך דאָס אַלעס צו זייער פערטיידיגונג—אום נישט צו מוזען זאָגען, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי האָט דערביי נאָך זיינע פריוואַט־אינטערעסען און זיינע פריוואַט־פערהעלטענישען. דערפון אָבער וויל איך שווייגען !

איז קונסט אַ געגענשטאַנד פאַר טינטלערס און פלאַפלערס ? איז קונסט

נישט, אומגעקעהרט, א געגענשטאַנד נאָר פאַר יחידים און פאַר צעהן־צוואַנציג אויסדערוויילטע? און דער דאָזיגער, וועלכער האָט דעם געטליכען פונק אין זיין נשמה, קען דער דען וועלען און קען ער דען צוזעהען, ווי מען טראָגט זיין הייליגסטעס אַרויס אין גאַס אריין צו דער מאַסע, וואָס ווייסט דערפון גאָרנישט?

איך וויל מיך נישט אריינלאָזען אין די אַלטע מחלוקה, צי איז ראַהאָן אויך „א קונסט פאַר'ן פאָלק", צי ניין? איך וויל פאָרלויפיג בלייבען ביים בעגריף „קונסט", פון וועלכען די דאָזיגע העררען ביי אונז רעדען אַזוי פיעל.

און כאַפּ איך אַמאָל אַזא הערר און דריק איהם צו צו דער וואַנד און זאָג צו איהם: דו געהסט נישט אַרויס פון דאַנען אַזוי לאַנג, ווי דו וועסט מיר נישט זאָגען אויף קלאָר און אָהן ציגיינערישע העויות, וואָס דו ווילסט? ענטפערט ער מיר: „קולטור איז נישט קיין באַלעט־טענצערין (הגם אויך באַלעט איז, דאַכט זיך, קונסט!), זי מאַכט נישט קיין ווילדע שפּרונגען, זי בייט נישט יעדען אויגענבליק איהר געשטאַלט; זי איז נישט קיין צירק־פערד וכו', מיט א בייטש קען מען נישט צווינגען וכו' איהרע טריט הערט מען נישט וכו' שטיל בויעט זי וכו' מען דאַרף רייניגען דעם וועג פון שטרויכלונגען און שטערענישען וכו'"—און איך בלייב אַזוי קלוג ווי פריהער. איך ווייס נאָך אַלץ נישט, וואָס איך האָב צו טון מאָרגען, מאָרגען פריה, ווען איך וועל מיך זעהן מיט'ן טעאַטער־דירעקטאָר און וועל איהם האָבען צו געבען אינסטרוקציעס וועגען דעם, וואָס ער זאָל מאַכען אויפ'ן אָוועגד. עס בלייבט מיר גאָר איבריג צו טעלעפאָנירען דעם העררן ראַפּעל, „ער זאָל נישט לאָזען בייטען יעדען אויגענבליק די געשטאַלט", און דעם העררן קאָמפּאָניעץ, „ער זאָל נישט צווינגען מיט א בייטש", און דער פעראייניגטער טרופּע, „זי זאָל רייניגען דעם וועג פון שטרויכלונגען און שטערענישען".

איז דאָס נאָך גוט. קומט א צווייטער און הייבט אָן צו בעלעבעטשען וועגען „קונסט": קונסט איז א גרויסע זאַך. קונסט איז א הויכע זאַך. קונסט איז א הייליגע זאַך. קונסט מוז זיין למען־השם קונסט. אָהן קונסט איז קונסט קיין קונסט נישט. קונסט פון פאָרענט, קונסט פון הינטען, קונסט פון דער

מיט— און איך שטעה שוין און דער קאָפּ הייבט מיר אָן צו דרעהען. רבונו של עולם, וואָס וויל ער? וויל ער דאָס? ניין! וויל ער יענץ? ניין! נישט ביפשטעקס, נישט קאָטלעטס, נישט רינדערנס, נישט קעלבערנס — פלייש וויל ער. נאַ, געב איהם קונסט, קונסט אַלס „דינג אַן זיך״!

קונסט און יודיש טעאַטער. האָבען די מענשען פערשלאָפען די צייט? ווייסען זיי גאָר נישט, וואָס דרויסען, אין אייראָפּאַ, טוט זיך? און אַז מען זוכט דרויסען אין איירָאָפּאַ זינט יאָהרען און יאָהרצעהנטען די מיטלען צו פערבינדען קונסט מיט טעאַטער און צו האָבען דערביי אַ פּובליקום און עס געהט נישט? און דאָס, וואָס זיי דרויסען קענען נישט, דאָס וויל מען פּלוצ־לונג זאָל קענען אַ יודיש טעאַטער?

איך לייען היינט אין דער „פראַנקפורטער צייטונג״ אַ קאָרעספּאָנדענ־ציע פון קריסטיאַניאַ, די שטאָדט, וואו איבסען האָט געלעבט: זינט צעהן יאָהר האָט מען דאָרט נישט געשפּיעלט דעם „בוימייסטער סאָלנעס„, און די פאָריגע וואָך, מאָנטאָג, האָט מען איהם געשפּיעלט, דאָס טעאַטער איז געוועזען שוואַך בעזעצט. דינסטאָג איז עס שוין געוועזען כמעט ליידיג, און מיט־וואָך האָט מען געשפּיעלט שוין אינגאַנצען פאַר ליידיגע בענק. און דער גרונד? דאָס פּובליקום איז נאָך נישט „דערוואַקסען״ פאַר איבסענען! און דער קריטיקער ווערדענסגאַנג מאַכט געוואַלטען און שרייט, עס איז נישט גענוג צו זיין „איבסענס לאַנדסמאַן״ און זיך דערמיט צו בעריהמען, מען מוז אויך געהן אין טעאַטער אַריין צו זיינע שטיק—און דאָס אַלעס נוצט ניט. קונסט איז נישט פאַר די מאַסע; קונסט איז נאָר פאַר יחידים, פאַר צעהן קינסטלער און פאַר צוואַנציג עסטעטען און שענגייסטער... און דאָס, וואָס זיי קענען נישט, זאָלען מיר פּלוצלונג קענען?

אָ, איך בין נישט צופרידען מיט'ן יודישען טעאַטער. און אפשר נאָך מעהר נישט ווי פיעלע פון די שרייערס. אָבער נישט, אַז איך וועל קומען און שרייען קונסט! דאָס טעאַטער עליזעאום און דאָס טעאַטער ערמיטאַזש און דאָס טעאַטער אַלעקסאַנדריאַ זאָלען מיר געבען קונסט. אָ. אַזוי נאַריש בין איך נאָך נישט. קונסט וועל איך נישט פערלאַנגען אפילו פון אייך אַליין, וואָס איהר רעדט אַזוי פיעל וועגען קונסט, ווען איהר, אם ירצה השם, וועט דיריגירען אַ טעאַטער. נאָך מעהר: פערלאַנג איך דען קונסט פון די היגע

פוילישע טעאטערס? געבען זיי דען קונסט? און קענען זיי געבען? שטעהט נישט זייער וואדעוויל און זייער מעלאדראמא און זייער אפערעטע אינהאלט־ליך (איך זאג: אינהאלטליך!) נישט אויף דערזעלביגער שטופע, ווי ביי אונז אונזערע שטיק? און געבען זיי אמאל אין א יובל א דראמא פון א גרויסען, איז עס נישט נאר פאר יחידים און די מאסע קומט נישט? — נאטירליך, וואלט איך וועלען האבען אויך ביי אונז איינמאל אדער צוויימאל א וואך אזעלכע אווענדען פאר יחידים—ווען מיר וואלטען נאר האבען מיט וואס צו פייפען. דערווייל האבען מיר קיין רעפערטואר נישט, און דאס, וואס איהר, מיינע הערען, רופט אן „ליטעראריש", איז פאר מיינעטוועגען נאך לאנג נישט קיין קונסט. איך וויים, ווי אזא טייג ווערט געקנעטען און פון וואנען איהר נעהמט דאס מעהל!

ווען איך זאג: איך בין נישט צופרידען מיט'ן יודישען טעאטער, מיין איך: בין נישט צופ־ידען דערמיט, אז דאס וואס זיי געבען דארט, געבען זיי אזוי ווי זיי געבען עס און נישט אנדערש. איך מיין, אז אויף דעם דא־זיגען געביט אליין האבען זיי געקענט אויפטון און זיך ווייזען בעסער—פאר זייער אייגענער טובה און פאר די טובה פונ'ם פובליקום. און דעריבער פערלאנג איך קריטיק.

קריטיק אבער הייסט נישט בעלעבעטשען אין דער וועלט אריין וועגען קונסט, קונסט אהער, קונסט אהין, קונסט פון פארענט, קונסט פון הינ־טען, אזוי אז נישט דער ארטיסט ווייסט, וואס איהר פערלאנגט פון איהם, און נישט דאס פובליקום ווייסט, וואס עס זאל פערלאנגען; ניין, איך מיין: מען מוז אלעמאל אנווייזען, געננוי און דייטליך, אהן מליצות און אהן פראזען, אויף דאס, וואס מען וויל. איך פערלאנג, אז דער דאזיגער וואדע־וויל אדער די אפערעטע אדער די מעלאדראמא, וועלכע ווערען דארט גע־שפיעלט, זאלען נישט געשפיעלט ווערען אזוי, אז דער, וועלכער האט גע־שמאק, זאל נישט קענען דערביי איינזיצען.

איך וועל פרובען אין א סעריע ארטיקלען ארויסצוזאגען פון צייט צו צייט מיין מיינונג וועגען דעם, וואס געהט פאר אינ'ם יודישען טעאטער.

בעטראַכט איך אַמאָל, גלאַט אַזוי, אין אַ שטילע איינזאַמע שעה, די פאַרשוויינען, וועלכע רעדען איצט אַזוי וועגען טעאַטער און רייבען זיך טאָג־און־נאַכט אַרום קונסט און טאַנצען טאָג־און־נאַכט אַרום דראַמאַטישע חברות, פאַלט מיך אָן אַ טרויעריגקייט. עס קומען מיר ספקות, אויב ס'איז גאָר פאַרהאַן ביי אונז פאָרשריט און ענטוויקלונג, און אויב די דאָזיגע קנאַקעדיגע ווערטער זענען נישט סוף־כל־סוף נאָר קנאַקעדיגע ווערטער אַליין. עפּעס קומט אויס, אַז די קולטור פון די לעצטע דרייסיג־פערציג יאָהר האָט זיי אַלעמען געלאָזען אין אַ זייט און האָט זיי אינערליך גאָר נישט אָנגעריהרט.

פאָרטשריט! פאָרטשרייטען! הייסט דאָס נישט, ווערטליך גענומען, אַז אַ מענש מאַכט אַ שריט פון זיין אָרט פאָרוועדטס? ענטוויקלונג! ענטוויקלען זיך! הייסט דאָס נישט, ווערטליך גענומען, אַז אַ מענש וויקעלט זיך אין זיין אינערליכען מהות ווייטער און קומט דאַדורך צו איין אַנדערע גייסטיגע לאַגע? אַלזאָ: נישט בלויז אַז די פאָרם ווערט איין אַנדערע, נאָר דער אינערליכער מענש. אונזערע לייט אָבער האָבען נייע פאָרמען אָנגענומען, זיי זענען געוואָרען מאָדערנער; אים גרונד אָבער זענען זיי געבליבען די אַלטע: דער אַלטער פאַרצייטיגער קליינשטעטעלדיגער בע־הבית, דער אַלטער פאַרצייטיגער בטלן אָדער חקרן אָדער משכיל מיט זיינע שבע חכמות. די קולטור אָבער, פון וועלכע זיי רעדען אַלעמאָל אַזוי קנאַקעדיג, האָט זייער אינערליכען „איך" גאָר נישט אָנגעריהרט...

צו וואָס שפּיעלען זיך אין „בלינדע קוה"? איך וויל אָנרופען נעמען און זאַכען: איך רעד פון העררן פּרץ.

פּרץ, דאָס איז קיין סוד נישט, האָט ליעב פון תמיד אָן צו מאַכען חברות. ווען ער וואָלט עס נאָר געקאָנט אויספיהרען, וואָלט ער אַזוי מאַכען חברות אַ 300 שטיקלעך אַ יאָהר; אין איין עיבור־יאָהר, נאַטירליך, מעהר. פון תמיד אָן האָט ער עס ליעב, זינט יאָהרען טוט ער עס, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג גרינדעט ער עפּעס אַ „גרינדעניש" און ווערט דאָרט אַלע־

מאָל אויפסניי דער פּאַרזיצענדער און האַלט דאָרט אַלעמאָל אויפסניי עפּעס א רעדע און כאַפּט דאָרט אַלעמאָל אויפסניי די הונדערט יונגלעך. עס איז א מענשליכע זאַך: ער האָט הנאה דערפון — און דערביי איז דאָס קיין יונגעל נישט מעהר, דערביי איז דאָס א יוד שוין א זעכציגער, לויט מענש־ליכער בערעכנונג.

און זאָג איך צו איהם: צו וואָס זאָל דאָס דיר? ווי קען א מענש, וואָס האָט זיין טאַלאַנט, פערברענגען צייט און געהירן אויף אַזעלכע פּוסטע נאַרישע זאַכען? און איז דיר דען נישט ליעבער דיין שטילער ווינקעל פאַר דיין שרייב־טיש טייזענד מאָל מעהר פון אַלע די דאָזיגע חברות מיט אַלע די דאָזיגע יונגלעך און אפילו מיט אַלע דאָזיגע פּאַטשערייען? — זאָג איך צו איהם אַזוי, דאַן וויים איך, איך האָב מיך געקויפט א שונא; ער מיידט מיך אוים און—גרינדעט עפּעס א נייע חברה, זעלבספערשטענדליך מוז עס שוין זיין אַזעלכע, וואו קיינער זאָל נישט זיין אומשטאַנד, איהם צו זאָגען א דעה. ער וויל ליעבער זיין דער ערשטער אין א דאָרף...

אים גרונד אָבער איז עס דאָס זעלביגע, וואָס אונזערע טאַטענס טאַ־טעס האָבען געפּלעגט טון פאַר זיבעציג יאָהר.

איהר געדענקט?... זאַמאָשטש אָדער איין אַנדערע קהלה קדושה בשנת ת"ר לבריאת העולם. אין דער שטאָדט א גרויס קאַבעניש. דער זיידע איז פּלוצלינג ברוגז געוואָרען און איז אַרוים פון דער חברה קדישא. ער מאַכט זיך א נייע חברה און לאָזט יענע חברה זיך נישט מתעסק זיין. יענערס מתים זענען גאָר קיין מתים נישט, און נאָר זיינע זענען די עכטע. ער גיט אָן מעשים בייטאָג און ביינאַכט. און אין א ווינטער־נאַכט שטעהט ער אַליין אויפ'ן בית־עלמין ביז אין גאַרטעל אין שניי און גראָבט. א נצחון איז א גוטער ביסען. — רבונו של עולם! זענען מיר דען היינט גייסטיג ווייטער געקומען?

דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס פּרץ שטעלט אין דעם דינסט פון אַזא זאַך אויך זיין טאַלאַנט: ער הייבט אָן צו שרייבען דראַמעס און טעאַטער־שטיק און סצענקעס. ער פערלאָזט זיינע הסידישע מעשה'לעך און שרייבט „שוועסטערס" און „שאַמפּאַניערס" און „אַלטע קייטען אויפ'ן מאַרק". נאַ־טירליך טויגען זיי נישט; א מענש, וועלכער פיהלט און זעהט און פאָרמט ליריש, ווערט נישט איבער נאַכט איינער, וועלכער קען געבען פּלאַסטישע

פיגורען; אַ מענש, וועלכער חלומט אומקלאָר און פערנעפּעלט, האָט נישט אין זיך יענעם בעשטימטע, וועלכעם עס האָט דער דראַמאַטיקער. פרץ אָבער שרעקט זיך נישט איבער; ער בעסערט אוים זיינע שטיק. נאַטירליך טויגען זיי אויך דאַן נישט; ער בעסערט זיי אָבער אוים צום צווייטען מאָל און אַזוי בעסערט ער און בעסערט ער יאָהר־אוים. יאָהר־איין. מעקט און שרייבט, מעקט און שרייבט—און זיך אַליין וויל ער אַלץ נישט מודה זיין, אַז איהם פעהלט דאָס דראַמאַטישע, און קומט ער דאַן מיט אַזאַ דראַמאַ צום טעאַטער, און דאָס טעאַטער נעהמט עס נישט אָן, ווערט ער מלא כעס לויפט און מאַכט זיך—אַ חברה קדישא אַליין.

און רעד איך אַזוי פון אַ פרץ, וואָס זאָל איך ערשט רעדען פון אַ מוק־דוני?

פרץ — פרעג דעם לעצטען בחור, וועלכער לייענט נאָר עפּעס, וועט ער דיר זאָגען, ווער פרץ איז; מוקדוני — פרעג היינט, פרעג מאָרגען, קיי־נער ווייסט איהם נישט. און פאָרט איז געגוג, אַז איינער זאָל קומען און זאָל שרייבען אַ האַלב טוץ מאמרים אין אַ צייטונג און זאָל שרייען געוואַלט: „אוי, קונסט! אוי, קונסט! קונסט איז נישט קיין פערד, קונסט איז נישט קיין בייטש, קונסט איז נישט קיין באַלעט־טענצערין (מילא וואָס קונסט איז נישט, דאָס האָט גאָר קיין שיעור נישט אויסצורעכענען!) אוי, קונסט! אוי, קונסט!" — עס איז גענוג,—זאָג איך, אַז אַ מענש זאָל שרייבען אַ האַלב טוץ אַזעלכע מאמרים מיט די קורצע שורה'לעך און מיט אַזאַ רייכ־טום, קיין עין הרע פון געדאַנקען, אום צו האָבען באַלד דאָס רעכט זיך אָנצורופען אין אַ מודעה: „דער בעוואוסטער טעאַטער־קריטיקער". פאַר־צייטען, זעהט איהר, איז דאָס פאָרט געווען אַ ביסעל שווערער. פאַרצייטענס האָט דער בחור, וועלכער האָט געשריבען וועגען די השכלה: „אוי, השכלה, השכלה! השכלה איז נישט קיין בייטש, השכלה איז נישט קיין פערד, השכלה איז נישט קיין וואָגען!", פאַרצייטענס, זאָג איך, האָט אַזאַ בחור געמוזט נעביך זיך אָבשרייבען די פינגער אַ יאָהר צעהן־צוואַנציג, ביז ער האָט געקענט וואַגען צו האָפען, אַז ער איז אַ „בעוואוסטער". היינט געהט עס לייכטער; היינט בייזערט מען זיך אַ האַלב טוץ מאָל און מען שרייבט זיך אונטער „ד"ר„ און מען זאָגט אויף זיך, אַז מען איז דער טעאַטער־קריטי־קער—און מען איז עס. אייגענע ליטעראַרישע פערדינסטען, עפּעס אַ ליטע־

ראַרישע קוואַליפיקאַציע פון עטליכע יאָהרען האָט מען שוין גאָר נישט נייטיג!

און אַזוי ווי דער בחור דענסטמאָל מיט זיינע שבע חכמות און מיט זיינע שרעקליכע ידיעות קיין עין־הרע, וועלכע ער האָט גענומען פון דער „גאַרטענגלויבע”, האָט געמיינט, ער איז נישט יוצא, אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט אָנגעשריבען אין „המגיד” א מאמר וועגען אסטראָנאָמיע און זאָאָלאָגיע, אַזוי מיינט דער היינטיקער בחור, ער איז נישט יוצא, ביז ער וועט נישט האָבען אָנגעשריבען עפּעס אַ מאמר וועגען בילדער און סקולפּטור— און עס געהט איהם גאָר נישט קיין פּחד אונטער די אויגען, אז גראָד קען דאָס לייענען אַ מענש, וועלכער ווייסט עפּעס פון די דאָזיגע ענינים און וועט זעהן, אז דער דאָזיגער האַר ווייסט גאָר נישט, וואָס ער דבר'ט.

ניין, מיינע העררען! אַזוי געהט עס ווירקליך נישט. ווייטער קען מען דאָס אַזוי נישט לאָזען. עס מוז פאָרט ווערען געמאַכט אַ שטיקעל ווירטשאַפט. מען וועט מוזען, ווי עס איז, איינפיהרען אַ שטיקעל קאָנטראָלע און אָנהויבען רעווידירען די גייסטיגע פּאַספּאָרטען.

וועגען יודיש טעאַטער האָב איך געוואָלט רעדען — אָבער גענוג פּוהרען מיסט וועלען פריער נאָך מוזען אָפּגערוימט און אַוועקגעפיהרט ווערען פאַר דעם דאָזיגען בנין, ביז מען וועט קענען צוקומען צום בנין אַליין! אוי, וואָס די דאָזיגע לייט, די מיט די ציגיינערישע העויות און מיט די יום־טוב'דיגע דרשות און מיט די געקרייזעלטע יראת־שמים־פּנימער לשם יחוד „קונסט", האָבען אָנגעמאַכט!

קלאָרע דבורים וועל איך היינט רעדען און וועל אָנרופען יעדעס קינד מיט'ן נאָמען. רמזים ברענגען קיין נוצען נישט, און דערפאַר האָב איך זיי פיינט. איך וועל די מאַסקעס זיי אַראָברייסען און וועל ווייזען, ווער זיי זענען. איך וועל ווייזען די „גדולים", וועט מען שוין ממילא פערשטעהן, ווי גרויס, מישטיינס־געזאָגט, עס זענען די קליינע און די פּיצעלעך. איך פערשטעה נישט קיין שפּאַם אין אַזעלכע זאַכען. האָט איהר מיך אַרויסגערופען, וועל איך שוין רעדען.

איז עס אפשר נישט געוועזן הערר פּרץ אַליין, וועלכער האָט דער ערשטער איו אַ ציטונגס־אַרטיקעל גערעדט אין בעצוג אויף אַ יודישע אַרטיסטין פון אַ „יודישע דוזע"? האָט אפשר נישט ער געשריבען אַמאָל אין אַ יודישער צייטונג אַרטיקלען כסדר וועגען דעם „מייסטערהאַפטען" שפּיעלען פון די יודישע אַרטיסטען? און ווען אַ מענש האָט גערעדט דענסטמאָל אַזוי און היינט רעדט ער פונקט דעם היפּך, וואָס איז ער? און ווייל איך געדענק דאָס אַלעס, און ווייל מיך אַרט דער דאָזיגער „ורמינהו", און ווייל דאָס דאָזיגע ברענגט מיך צו קוקען אַ ביסעל טיעפער אַריין אין די פערהעלטענישען, דערפאַר בין איך דער חייב און די אַנדערע זענען, די גערעכטע?

איבריגענס, איז דאָס אַ רעכט ביסעל אומקלוג פון די דאָזיגע הערען, אַז אַלס פערטיידיגער פון זייער „גוטער זאַך" האָבען זיי אַרויסגעשטעלט דוקא דעם הערן נאָמבערג. אַלעמען, זעהט איהר, אַלעמען האָבען זיי געמעגט אַרויסשטעלען, נאָר דעם נישט, דעם נישט. איז זיי גאָר נישט איינ־

געפאַלען, אַז אין אַ חודש אַרום קען איך אפשר ווידער אַרויסגעבען דעם „הבוקר" און טאָמער וועל איך גאָר וועלען, וועט דער דאָזיגער הערר ווידער זיין אין מיין לאַגער און וועט מאַכען די שורות פאַר מיינעטוועגען און וועט צושאָקלען מיר? איהר קענט איהם אַלע פונקט ווי איך. איהר מיינט, דאָס איז טעלער־לעקעריי? אָ, ניין! דאָס איז נישט טעלער־לעקעריי, נאָר אַ פי־לאָזאָפיע אַזעלכע איז עס, אַ גאַנצע וועלטאָנשויאונג. דער הערר נאָמבערג האָט נעמליך אַ וועלט־אָנשויאונג. אַ מאָדערנער פילאָזאָף: דער מהיכי־תיתי, מען רעדט מהיכי־תיתי־שטאַנדפונקט. מען שרייבט מהיכי־תיתי, מען רעדט מהיכי־תיתי, מען טוט מהיכי־תיתי, דער מענש טאָר זיך נישט נעהמען צום האַרצען, און די זיבעציג יאָהר מוז מען שוין ווי עס איז אַריבערשטופען. מהיכי־תיתי איז מען געבוירען, מהיכי־תיתי וועט מען שטאַרבען. אפשר אַ נאַציאָנאַל־יודענטום?—„מהיכי־תיתי, זאָל זיין נאַציאָנאַל—האָט איהר נישט אַ פאַפּיראָס?" אפשר גאָר טשערנאָוויץ?—„מהיכי־תיתי, זאָל זיין טשערנאָוויץ—האָט איהר נישט 42 קאָפּעקס אַ גמילת־חסד?" אָפשר הבו־קר"?—מהיכי־תיתי, זאָל זיין „הבוקר".—געהען מיר נישט אויף אַ גלעזעל קאַווע?" אפשר איין אַרטיקעל קעגען פרישמאַנען?—„מהיכי־תיתי, זאָל זיין קעגען פרישמאַנען—אָבער אַ סוף איין עק, אַ שאָד צייט—ווילט איהר אויף אַ פּאַרטיע ביליאַרד?" אפשר איין אַרטיקעל קעגען פרץ?—„מהיכי־תיתי, זאָל זיין קעגען פרץ—פטור, אויך מיר איין עסק—אַ גרויסע נפקא־מינה איז מיר דער גאַנצער טאַראַראַם!" און וויל ער גאָר, געהט ער מיט דעמ־זעלביגען אָטעם און מיט דערזעלביגער קדושה און מיט דערזעלביגער וועלט־אָנשויאונג און שרייבט אויך ערצעהלונגען. ער איז נעמליך אויך „קינסטלער". עפּעס אַ מהיכי־תיתי־מענש מיט מהיכי־תיתי־אַנזיכטען הייסט פליגעלמאַן—און אָט איז איין ערצעהלונג. עפּעס איין אַנדערער מהיכי־תיתי־ניק מיט מהיכי־תיתי־השגות הייסט בענדער און געהט איינמאָל אַהין און איינמאָל אַהער, און שטעהט איינמאָל אויף און איינמאָל לעגט ער זיך, און רעדט איינמאָל און איינמאָל שוויגט ער — און אָט איז שוין ווידער אַ קונסט־ווערק. עפּעס אַ דריטער אַזעלכער הייסט שקר אָדער שלימזל—און אָט איז די אייביגע שעפונג. העבער געהט דאָס נישט, ווייטער פון אַזאַ טיפּ זעהט דאָס נישט, מעהר פון אַזאַ קיי־און־שפּיי־וועלטעל בעגרייפט דאָס נישט—און פאָרט שטעקט דאָס אַריין זיין מהיכי־תיתי־נעזעל אין אַלע טעפּ און

וואו מען זייעט דאָס ניט, וואַקסט עס. „איהר זאָגט, די ערצעהלונג טויג ניט? מהיכי־תיתי, זאָל זי נישט טויגען—ווייסט איהר נישט, וואָס עס קאָסט וועש־געלד פון אַ קראַגען?"

ניין, דעם הערר גראָד האָבען זיי נישט בעדאַרפט אַרויסשטעלען. עס ווירקט פּראָסט קאָמיש. דער מענש מיט דער קדושה אין הארצען און מיט דער זאַפּאַלקע־התלהבות און מיט דעם טינט־גרימצאָרן, ער דאָס שרייט וועגען „ביטול„, וואָס די שלעכטע מענשען מיט זייער געמיינהייט זענען אַלסדינג מבטל, און ער דאָס נעהמט זיך אָן פאַר'ן כבוד התורה! דעם פּאַר־שוין געהט עס פּראָסט אין לעבען, ווייל מען האָט „אַנידערגעשטעלט די פיגור פון י. ל. פּרץ אין מיטען דער גאַס". וואָס דאָס איז אַזעלכעס, ווייס איך נישט, נאָר איך פערשטעה, אַז אַ שרעקלעכע מעשה האָט געמוזט גע־שעהן. עס האָט עפּעס גענומען איינער די פיגור פון דעם שריפטשטעלער י. ל. פּרץ און האָט זי אַנידערגעשטעלט סאַמע אין מיטען דער גאַס, און אַז יענער הערר נעהמט זיך דאָס אומגליק שטאַרק צום האַרץ. „וואָס קאָסט אַ פּאַרציע זראַזי אַ לאַ נעלסאָן?"

פוי! עס ווערט נישט גוט ביי די דאָזיגע בייזע העוויות. און איז מען מוזיקאַליש, קען די פאַלשקייט פון יעדען טאָן אַ מענשען נערוועז מאַכען. און צווישען די דאָזיגע מענשען און פאַר די דאָזיגע מענשען האָב איך געאַרבייט עטליכע און צוואַנציג יאָהר. וואָס האָט עס גענוצט? וואָס האָב איך דערגרייכט? דערזועלביגער „תהו ובהו", וואָס איז געווען פאַר דרייסיג יאָהר, איז אויך היינט. דיזעלביגע חניפה, דיזעלביגע „ידידי"־ווירטשאַפט, דיזעלביגע חסידות און דאָסזעלביגע אַרומטאַנצען פון חסידים אַרום דעם רבין. און נישט חסידים, וועלכע מיינען עהרליך. ניין, עס איז פונ'ם סאָרט, וועכער רויכערט שבת דעם פּאַפּיראָס בעהאַלטענערהייט און דאַן דערצעהלט ער מיט אויגען־פערדרעהעניש די מופתים פונ'ם רבין. וואָס האָב איך גע־נוצט? וואָס האָב איך דערגרייכט? עס קומט אַ נאָמבערג און זאָגט מיר: „די געמיינהייט געהט!" דאָס איז אַלעס, וואָס איך האָב דערגרייכט. פוי, איבער אַזעלכעס! ווירקליך ווילט זיך אַמאָל אויסשטרעקען די האַנד און דאָס אַלעס צופּאַטשען, אַז ס'זאָל נישט איבערבלייבען קיין שריד ופליט!

אָ, די געמיינהייט געהט. עס וועט אָבער זיין מיין געמיינהייט—און איך בין אייך מבטיח, אַז עס וועט אייך קיין געלעכטער נישט אָנגעהן. איהר

וועט וואָס דערלעבען. איך האָב פּאַר עטלעכע און צוואַנציג יאָהר צובראָ־
כען געטער און געצען און האָב נישט גערוהט, ביז אַ ניי ווינטעל האָט נישט
געבלאָזען. יעצט אָבער וועל איך די נייע געטער און געצען איינס נאָכ'ן
צווייטען, איינס נאָכ'ן צווייטען צופּיצלען, און דער עולם וועט זעהן, ווער
איהר זענט און וואָס איהר זענט. אַזוי בלייבען קען עס נישט.
דאָס איז קיין ליטעראַטור נישט, און איך וויל האָבען, אַז ס'זאָל וועניגס־
טענס געשאַפען ווערען די מעגליכקייט, ס'זאָל קענען זיין אַ ליטעראַטור
שפּעטער. יעצט האָבען מיר קיין טאַלאַנט נישט—איך וויל אָבער האָבען,
אַז ס'זאָל וועניגסטענס געשאַפען ווערען די מעגליכקייט, ס'זאָל קענען זיין
אַ טאַלאַנט שפּעטער.

האָט איהר מיך אַרויסגערופען, וועל איך שוין אין איין וועגס רע־
דען.

איך מוז צוערשט מיין שטאַנדפּונקט קלאָר מאַכען. עס איז קיין סוד נישט: זינט אַ סך צעהנדליגער יאָהרען געפינט זיך די קונסט אין גאַנץ איירָאָפּאַ — נישט נאָר בנוגע צו ליטעראַטור, נאָר אויך אויף אַלע אַנדערע געביטען—אין דער העכסטעד קריזיס. קיין רעכט טאַלאַנט ווערט נישט געבוירען. עפּעס רויעט זיך, עפּעס נישטערט מען, עפּעס זוכט מען, עפּעס געהט עס, עפּעס קומט — עס און די ערשיינונג זעהט זיך אַלץ נישט. עס איז ווי ס'וואָלט זיין עפּעס אַן אייביג געזעץ: נאָך דער עפּאָכע פון די גרויסע און שטאַרקע און אייביגע האָט געמוזט קומען דער שטילשטאַנד. די ערד גיט נישט מעהר איהר קראַפט און עס איז שמיטה. עס מוז זיך ערשט ווידער אָנזאַמלען. נאָך יענער גרויסער ליכטיקער צייט פון די קלאַסיקער איז געקומען די צייט פון די עפּיגאָנען, די נאָכטענצער. עס איז אַ דור פון קאַרליקעס, פון האַלבע און פערטעלדיגע און האַלבפערטעלדיגע. יעדען טאָג ווערט איינער געקרוינט, און אַ טאָג שפּעטער ווערט ער פערוואָרפען. גאַנץ בעזונדערס טרויעריג איז עס איז די ליטעראַטורען. איז הויפּטמאַן אַ גרויסער?— יאָ! — נאָך אַ געוויסער צייט אָבער קוקט מען זיך אַרום און די קריטיק האָט שטאַרק חרטה אויף איהר „יאָ". איז זודערמאַן אַ טאַלאַנט? —יאָ, געזאָגט האָט מען עס אַמאָל, יעצט אָבער וועט מען זיך שעמען אין איין אָרענטליכער געזעלשאַפט דעם נאָמען צו דערמאַנען. איז אַרטור שניצלער עפּעס ווערט?—אַ געוויסע צייט רעדט מען פון זיין אַרטיזם, און דאַן הויבט מען אָן רחמנות'דיג צו שמייכלען, אַז מען נעהמט איהם ערנסט. איז פּרעוואָ אַ טאַלאַנט? איז עס ראָסטאַן? אַ נעכטיגער טאָג—מאָדע־העלדען! —אפשר איז בערנאַר שאָ אַ גרויסער? נאַטירליך, אַ געוואַלטיג גייסטרייכער מענש איז דאָס, דאָס איבעריגע אָבער האָט די רעקלאַמע געמאַכט! —און אַזוי איז עס אויך וועגען אַ גאָרקי און וועגען איין אַנדרעיעוו. רעדט עפּעס איינער מיט אַ שטיקעל התלהבות פון זיי און דערזעהט פּלוצלונג דעם שמייכעל אויף די ליפּען פון'ם צווייטען, שטאַרבט איהם דאָס וואָרט

אויף די צונג און ער פערשעמט זיך און זאָגט באַלד: נאַטירליך, ער האָט עס גאָר נישט אַזוי געמיינט; נאַטירליך, פון גרויס קען מען נישט רעדען; נאַטירליך, „בעז ריבי אי ראַק ריבאַ"—און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

ווי אָבער זיי אַלע זאָלען נישט שטעהן נידעריג אין פערגלייך מיט די גרויסע און די געוואַלטיגע, שטעהט נאָך אַלץ דער לעצטער פון זיי העכער פון אונזער גרעסטען. און עס איז אויך גאַנץ נאַטירליך. יענע האָבען ווע־ניגסטענס די טראַדיציע, זיי האָבען אַ ליכטיגע צייט פון גרויסע הינטער זיך. ביי אונז אָבער האָט עס זיך אָנגעהויבען ביי די פיצעלעך. בהורימלעך, וואָס האָבען אָט וואָס ערשט אויפגעהערט צו טראָגען די הייזלעך צוגעשפּיעלט פון הינטען, דרוקען פלוצלונג „שריפטען", אַלע אַלע האָבען זיי פלוצלונג „זעמטליכע שריפטען", און, נאַטירליך, מיט'ן פּאָרטרעט פונ'ם מחבר פון פּאָרענט, ביי אונז זענען דאָס די גרויסע. וואָס פאַר אַ פּנים קענען האָבען די דאָזיגע—און אפילו נישט די די דאָזיגע, נאָר שוין אונזערע גרעסטע—צווישען יענע דאָרט אין יענע ליטעראַטורען? העכסטענס קענען די דאָזיגע גרעסטע זיין אַמאָל סחורה ביי יענע דאָרט פאַר אַ ספּריטנעם פערלעגער, וועלכער ווייסט, אַז ביי אַ געשיקטע רעקלאַמע און ביי דעם טרויעריגען צושטאַנד פון די היינטיגע ליטעראַטורען קען מען פאַר עפּעס איין עקזאָ־טישע פלאַנצע אָדער איין אויסלענדישע חיה אַמאָל אַ רעכטען גראָשען איינ־נעהמען.

יאָ, נאָך אַ פאַל איז פאַרהאַן. מען האָט ליעב זיין פאָלק און מען ווינטש פאַר זיין פאָלק אַ צוקונפט און מען וויל בעשאַפען אַ נאַציאָנאַל־שטאָלץ־זיין אויף נאַציאָנאַלע אייגענטימער, גענהמט מען זיינע שריפשטעלער, ווי גרויס אָדער ווי קליין זיי זאָלען נישט זיין, און מען מאַכט פאַר זיי אַ גרויסע וואַרע און מען מאַכט פון זיי אַ גאַנצען יאַ־טעביע־דאַם און מען שרייט גע־וואַלד אין די גאַסען „לא קם כמוהם"— און אייגענטליך אין דאָס גאַנצע בלויז איין אַגיטאַציאָנס־מיטעל. עס איז נאָך אַ ביסעל געפעהרליך, וואָס די דאָזיגע אַגיטאַציאָנס־אָביעקטען זענען קליין און פערשטעהען דאָס נישט און רעדען זיך באַלד, איין, אַז מען מיינט זיי אויף צו דער אמת'ען.

דאָס איז מיין שטאַנדפּונקט. און דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט האָב איך מיר געגרינדעט אין לויף פון אַ רייהע יאָהרען, דאַדורך וואָס איך ווייס, ווי עס זעהט אויס אין די פערשידענסטע געביטען פון קונסט אין גאַנץ אייראָ־

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל

פּאַ און ווי עס זעהט אויס ביי אונז. וואָס פאַר אַ פּנים קען האָבען אין מיי־נע אויגען דער, וועלכער האָט אויף זיין גאַנץ לעבען קוים זיין האַלב טוץ ביכער געלייענט און זיינע גאַנצע ידיעות זענען קאָפּע־הויז־שמועסען פון׳ם גוטען סאָרט, ווען ער לויפט מיר אַרום צווישען די פיס און מאַכט מיר די העויות: אוי, אונזער גרעסטער נאַציאָנאַל־דיכטער, אוי, אונזער גייסטי־גער ברענפּונקט, אוי, אונזער בעקרענצטער פון גאַנצען פאָלק, אוי, אונזער פאָלקס־כבוד און פאָלקס־שטאָלץ—און דערצו ווען ער מיינט עס עהרליך אפילו אויך נישט?

איך וויל אָבער אָננעהמען פאַר איין אויגענבליק, אַז דאָס רעדט איין עהרליכער מאַן און מיינט עס אַזוי אויף דעם רעכטען אמת—

דאַן האָב איך דעסגלייכען די זעלביגע פעראַכטונג פאַר דעם דאָזיגען פערזאָנען־קולט. איך האָב פיינט דאָס רבי׳טום אין אַלע זיינע ערשיינונגען. דאָס ריהר־מיך־נישט־אָן זאָלען זיי זיך מאַכען אויף דער לבנה, אָבער נישט אויף מיין ערד. אַ ליטעראַט איז נישט קיין גלאָזוואַרג, וואָס פאַלט צונויף אין שטיקלעך ביי דעם קלענסטען טאַפּ. און פאַלט ער יאָ צונויף, דאַן איז ער עפּעס בעסערס נישט ווערט. איך האָב פיינט נאַרישע העויות.

ווי? איך האָב „נישט געשוינט דעם קאָפּ, וואָס איז בעקרענצט מיט דער אָנערקענונג פון גאַנצען פאָלק" — דעם קאָפּ פון דעם שריפטשטעלער פּרץ, הייסט עס? די ערשטע העלפט פון׳ם זאַץ איז אַ ליגענד, די צווייטע איז נאַריש! איך האָב איהם געשוינט, ווי אַ שריפטשטעלער אַ מבין שוינט אַ צווייטען שריפטשטעלער, וועלכער איז איהם בדרך־כלל סימפּאַטיש. נאַ־טירליך, האָב איך נישט געהאַט יענע קעלבערנע, נאַרישע, ליגנערישע התפּע־לות, און אַ שריפטשטעלער, ווי איך איז שוין לענגסט אַרויס פון די מליצה־ווינדערלעך, ווי „בעקרענצט" און ווי דאָס „גאַנצע פאָלק". זאָגט, קען און זאָל אַ מענש, ווי איך, רעדען פון אַ „גייסטיגען ברענפּונקט" און פון „אַ טייל פון פאָלקס־כבוד" און פון נאָך אַזעלכע געמאַכטע ווערטער, וועלכע מיר אַליין האָבען זיי פאַבריצירט צו געוויסע צוועקען?

און דאַן קומט מען און מען זאָגט מיר: „ווען איהר אַלע וועט שוין אויסשטאַרבען וכו׳, ווען איהר אַלע וועט שוין פערגעסען זיין וכו׳ וועט נאָך זיצען ערגעץ אויף דער ברייטער וועלט וכו׳ און 50 אָדער 100 יאָהר

אַרום אַ מאַן צי אַ פרוי פון אייביגען פאָלק ישראל און וועט זיך פערטיעפען אין דער אַלטער פאָלקס־נשמה, לייענענדיג די „פאָלקסטימליכע געשיכטען", און וועט מיט שטאָלץ דערמאָהנען דעם דיכטער"... ניין, דאָס גלויב איך איינפאַך נישט. נישט איז פרץ אַזוי עווינגליך און נישט בין איך אַזוי פער־געסענהייטס־שטערבליך. דאָס איז אַ באַרג מיט מליצה־ווערטער, רעכט סענ־טימענטאַל פאָרגעטראַגען. פרץ'עס „פאָלקסטימליכע געשיכטען", ווען מען זאָל צוויי דריטעל פון זיי אָוועקוואַרפען, און זיינע חסידישע מעשה'לעך און אַ גרויסער טייל פון זיינע ספּורים'לעך איהם אַלגעמיין זענען גאַנץ נעטע זאַכען; זיי זענען נישט מי יודע וואָס, נאָר נעט און ניעדלעך זענען זיי; אָבער פון אייביגקייטען און אונשטערבליכקייטען זאָלט איהר מיר אויפהערען צו רעדען. אוי זייערע אייביגקייטען און אונשטערבליכקייטען! און זייערע חשנות פון אייביגקייט און אונשטערבליכקייט! דאָס איז דאָך דאָס, וואָס מאַכט מיר עקלעדיג די גאַנצע באַנדע, ווען איך זעה זייערע השגות! מיט געשוואָלענע מליצות אַליין מאַכט מען עס נישט. זיי מיי־נען אַלץ, אַז ווען זיי זאָגען, דער און דער איז בעקרענצט פון גאַנצען פאָלק, איז ער עס; אַז דער און דער וועט זיין אונשטערבליך, ווערט ער עס. ניין, אין 50 און אין 100 יאָהר אַרום, ווען עס וועט נאָר זיין אַ יודישע ליטע־ראַטור, וועט זי זיין נאָר, ווייל דערוויילע וועלען זיין געבוירען געוואָרען אין אמת'ען גרויסע, אמת'ע דיכטער, און דאַן וועט דער מאַן אָדער די פרוי נישט רעדען פון די היינטיגע פאָרלויפער און וועג־אויסטרעטער, נאָר פון יענע אמת'ע. פאָרלויפער און וועג־אויסטרעטער לעבען אַזוי לאַנג, ווי דער געשריי און דאָס בראַוואָ־פּאַטשען אַרום זיי לעבט, און ווייל אַזעלכעס בדרך־הטבע שטאַרבט באַלד, שטאַרבען אויך זיי. יאָ, אין אַ ליטעראַטור־געשיכטע קומען אַריין אַזעלכע נעמען — און ווען יענער מאַן אָדער יענע פרוי וועלען גראָד לייענען אַזאַ בוך, וועלען זיי געפינען אויך דעם נאָמען פרץ.

און וועלען געפינען אויך מיין נאָמען — אויב איהר ווילט אָדער ווילט נישט. ווי גרויס ענו איך זאָל נישט זיין און ווי וועניג איך זאָל נישט האַלטען פון מיר, גרעסער פון אַזאַ גאַנצע באַנדע האַלט איך מיך פאָרט. דען וועניגסטענס האָב איך געהאַט איין עהרליך שטרעבען. וואו עס איז געוועזען אַ ליגענד און אין וועלכער געשטאַלט זי איז געקומען, אין דער לי־טעראַטור אָדער אין דער געזעלשאַפט, אַלע מאָל האָב איך מיך געשטעלט

אַנטגעקעגן. און האָט זי זיך בעהאַלטען אין אַ פּראָזע, האָב איך איהר די מאַסקע אַראָבגעריסען, און האָט זי זיך פערשאַנצט און האָט אַרום זיך גע־זאַמעלט אַ חברה, האָב איך אַ ליטעראַרישען פּאָגראָם געמאַכט. אַז איך בין די „געמיינהיינט" און אַ „ע־בע־מע־בטלן" האָב איך ערשט היינט צום ערש־טען מאָל געהערט און פון אַ מענש ווי נאָמבערג האָב איך עס געהערט.

איך בין פּאַר עטליכע און צוואַנציג יאָהר אויפגעטרעטען מיט אַ „תהו ובהו" קעגען אַלטע בטלנות אין אַ העברעאישער ליטעראַטור. איך וועל יעצט אויפטרעטען מיט אַ נייעם „תהו ובהו" קעגען דער מאָדערנער בטלנות אין דער יודישער ליטעראַטור—קעגען בטלנות און טאַלאַנטלאָזיגקייט און חניפה און פּראָזע־מאַכעריי. איך האָב גענוג לאַנג געשוויגען. איך וויל, עס זאָל זיין אַ סוף מיט דער קאָמעדיע!

אַ שענער יושר. מיט עטליכע יאָהרען צוריק. וועהרענד אַנדערע האָבען געהאַלטען אין איין געוואַלטעווען, אַז מיר האָבען גאָט זיין דאַנק אַ דווזע און מיר שפּיעלען ברוך־השם מייסטערהאַפט און מיר שרייבען מיט מזל ליטעראַרישע פּיעסען האָב איך מיר ערלויבט אין אַ רייהע אַרטיקלען אַרויסצוטרעטען, דאַכט זיך גענוג שאַרף, קעגען די דאָזיגע נאַרישקייטען און ליגענס — און פּאָרט האָט יעצט איינער דעם מוט, עפענטליך צו בעהויפּטען, אַז אַלס פערטיידיגער פון דער געמיינהייט בין איך אויפגעטרעטען און שענע פיינע מענשען זענען יענע געווען. זאָגט, איז דאָס אַ יושר? און דאַן: יענע זענען געקומען און האָבען גע'דרשנ'ט אין די פילהאַרמאָניעס און אין אַנדערע ערטער די קלוגע דרשות וועגען די זאַך, וואָס הייסט ביי זיי „קונסט", און האָבען געשריבען וועגען איהר די פיינע מליצות אַז קונסט איז נישט קיין טראַמוויי און נישט קיין צירק־פערד און נישט קיין וויזעלטיר וכו' וכו' ביז אַזש ס'האָט אָנגעהויבען צו נעפּלען ביי אַלעמען אין קאָפּ, אַזוי אַז נישט דאָס פּובליקום און נישט דער שוישפּיעלער האָט געוואוסט, וואָס אייגענטליך מען וויל פון איהם; דאַגעגען האָב איך מיר ערלויבט צו זאָגען, דאַכט זיך גענוג קלאָר, אַז מען פערלאַנגט נישט קונסט פון אַ „עליזעאום" אָדער „ערמיטאַזש" און אַ יודיש טעאַטער קען נישט געבען דאָס, וואָס הונדערט אַנדערע און בעסערע קונסט־אינסטיטוציעס קענען נישט געבען, און פערלאַנגען זאָל מען נאָר, זיי זאָלען דאָס ביי־סעל, וואָס זיי געבען אונז, געבען אַזוי, אַז אַ מענש מיט אַ געשמאַק זאָל נישט מוזען דערביי אַרויסלויפען פון טעאַטער; אין אַלעם איבעריגען אָבער האָב איך געזאָגט, אַז „איך בין אפשר נאָך מעהר נישט צופרידען מיט'ן יודישען טעאַטער ווי פיעל פון די שרייערס"—און פּאָרט האָט איינער געהאַט די דרייסטיגקייט, עפענטליך צו שרייבען, אַז איך האָב מיך געהיט צו זאָגען, צי בין איך פאַר'ן יודישען טעאַטער, צי ניין, און האָב נישט געזאָגט, צי זענען נייטיג רעפאָרמען, צי ניין, און קומענדיג צו דער אייגענט־

ליבער טעאַטער־פּראַגע, האָב איך מיך פון איהר אויסגעדרעהט און מיך געכאַפּט צו איין אַנדער טעמאַ. זאָגט, איז דאָס אמת?

מילא, יענע עהרליכע נשמות צו וועלען דורכאויס איבערצייגען און בעלעהרען—דערצו האָב איך גאָר נישט דעם עהרגייץ; זיי וויסען אַליין דעם אמת אפשר נישט וועניגער פון מיר. פאַר מיר איז גענוג, ווען מיין איינפאַכער לעזער וועט בעגרייפען און איינזעהן.

ביז מיר וועלען האָבען אַ רעפּערטואַר האָטש פון צוויי־דריי שטיק מיט לייטען גלייך און ביז מען וועט זיי קענען ביי אונז שפּיעלען כאָטש פאַר געצעהלטע יחידים, וועלען נאָך אַ סך פעסלעך זאַלץ אויפגעגעסען ווערען. ווער ווייסט, אויב מיר וועלען איבערהויפּט דערצו קומען. נישט אונזערע לעבענס־בעדינגונגען זענען אַזעלכע, וועלכע ערלויבען אונז אַזעלכעס צו האָפען, און נישט איז די צוקונפט פונ׳ם זשאַרגאָן אַזוי פעלזענפעסט, אַז מיר זאָלען קענען אונבעדינגט אָפּעריערען. שוין אין צוואַנציג יאָהר אַרום, צו דער צייט פון אונזערע קינדער, ווייס איך נישט, ווער די בעזוכער פונ׳ם יודישען טעאַטער וועלען זיין, און נאָך פיעל וועניגער ווייס איך, ווי עס וועט זיין אין פופציג יאָהר אַרום, צו דער צייט פון אונזערע אייניקלעך און אוראייניקלעך. שטעלט אייך פאָר, אַז פאַר הונדערט יאָהר, צו דער צייט, ווען מען האָט נאָך גערעדט אין דייטשלאַנד זשאַרגאָן, האָט מען דאָרט געהאַט אַזעלכע טעאַטערס, און שטעלט אייך פאָר, ווי עס וואָלט אויסזעהן, ווען מען זאָל זיי דאָרט האָבען נאָך היינט, וואָס היינט האָט מען שוין דאָרט די דאָזיגע שפּראַך כמעט איינגאַנצען פערגעסען. איך ווייס גאַנץ איינפאַך נישט, אויב די קינדער פון די דאָזיגע העררען, וועלכע שרייבען ביי אונז די פּיעסען, פערשטעהען נאָך דאָס, וואָס זייערע טאַטעס שרייבען; איך ווייס נאָר, אַז זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלען שוין גאַנץ בעשטימט קיין איינציג וואָרט דערפון נישט פערשטעהן. די הערדען פערגעסען, אַז סוף כל סוף און טראָץ דעם גאַנצען גערודער און טראָץ דער „רענעסאַנס פון יודיש", האָט מען עס דאָ מיט אַ שפּראַך צו טון, וועלכע האַלט אין אָפּשטאַרבען. איך וויל אָבער נישט בעריהרען דעם דאָזיגען אונאַנגענעמען פונקט. איך וויל רעדען נאָר פון דער געגענוואַרט. אַ יודיש טעאַטער עקזיסטירט און יודען געהען אַהין, אום זיך—צו פערווייל̇ען. מוז איך דען באַלד פעראַנגען, אַז דאָס זאָל זיין אַ מין סטאַניסלאַווסקישער „כור־

דאָזשעסטווענני טעאַטער״ ? קענען מיר זיך אפשר בענוגענען מיט אַ טראָ־פּעלע ווענינער ?

איך בין אין איינעם פון די לעצטע אָווענדען געווען אין „נאָוואָשצי״־טעאַטער און האָב מיר אָנגעקוקט די אָפּערעטע „ראָזוואודקאַ״ (די גרושה), און איין אָווענד שפּעטער בין איך געווען אין „עליזעאום״ און האָב מיר אָנגעקוקט „אַ מענש זאָל מען זיין״. שטעהט דען „ראָזוואודקאַ״, וואָס ס׳בעטרעפט דעם אינהאַלט, העכער פון „אַ מענש זאָל מען זיין!״ ? און שטעהען דען די אַנדרע אונטערהאַלטונגס־שטוקאָס ביי אַנדערע העכער פון דעם אונטערהאַלטונגס־מאַטעריאַל ביי אונז ? און נישט בלויז אינהאַלטליך — זעהר האָפט שטעהט אפילו דער מוזיקאַלישער טייל נישט פיעל העכער. און פּאָרט איז עס טאַט־זאַך, אַז דאָרט אין נאָוואָשצי־טעאַטער, טראָץ אַלע נאַרישקייטען, וועלכע ווערען מיר אויפגעטישט, זיץ איך און האָב איין עסטעטישען גענוס, און דאָ אין יודישען טעאַטער פעהלט מיר וואָס. וואָס איז דאָס דאָזיגע „וואָס״ ?

אפשר איז שולדיג אין דעם הויפּטזעכליך די רעזשי. נאָך האָט נישט דאָס יודישע טעאַטער דעם רעזשיסער, וועלכער זאָל מיט אַ פעסטער האַנד באַהערשען די סצענע און זאָל אויף רעכטס און אויף לינקס אַרויסגעבען זיינע בעפעהלען, און די דאָזיגע בעפעהלען זאָלען מוזען פון גרויס און פון קליין געהאָרכט ווערען, אַזוי, אַז אָהן איהם זאָל אַ קאָסטיום נישט זיין קאָסטיום און אַ גרים זאָל נישט זיין גרים און אַ וואָרט, אויף וועלכעם ער האָט נישט מסכים געווען, זאָל נישט גערעדט ווערען, און זעלבסטפער־שטענדליך זאָל אַ דעקאָראַציע אָהן איהם גאָר נישט מעגליך זיין. איך פער־לאַנג קודם כל אַ שטרענגע דיסציפּלין. יעדער שוישפּיעלער מוז זיך אונט־לערגען האָרכען דעם רעזשיסער; ער מעג זיך זיין גרויס, וואָס גרויס הייסט, אָבער דעם רעזשיסער מוז ער האָרכען. דאַן פערלאַנג איך, אַז דאָס מייַ־דעל אָדער דער יונגערמאַן, וועלכע געהען אַרויס אויף די סצענע, זאָלען געדענקען, אַז זיי געהען אַרויס פאַר אַ פּובליקום און זיינען נישט ביי זיך אינ׳ם שלאָפצימער; זיי מוזען געדענקען, אַז איין אונטעררעק מוז זיין פריש און ווייס און אַ זאָק מוז זיין אָהן אַ לאָך און אַ קנעפּעל טאָר נישט פעהלען; דער רעזשיסער מוז אַכטונג געבען דערויף, אַז אפילו אַ סטאַטיסט

זאָל נישט אַרויסקומען אויף דער סצענע מיט אַ באָרד פון פּאַקוליעס, צו־געקלעפּט מיט אַ שפּייעכץ אָדער צוגעבונדן מיט אַ גומי. די סטאַטיסטען מוז מען חוץ דעם נאָך לערנען גיין און שטיין, אַז זיי זאָלן האָבן אַ פּנים פון לעבעדיקע מענטשן; מען מוז זיי ווייזן, וואו מען שטעלט אַוועק אַ פוס און וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט די הענט, אַז זיי זאָלן נישט אויס־קומען ביי זיי איבעריק. די דעקאָראַציע, מוז מען זען, זאָל זיין עפּעס פּאַס־טער און געשלאָסענער און זאָל נישט האָבן אַ פּנים ווי עפּעס אַ פּרוכת'ל אויף דערוויי'ל. אַלעס צוזאַמען מוז אויסקומען, אַז עס זאָל זיין אַ גאַנצעס. ערשט דאַן וועט מען קענען אָנהויבן צו רעדן פון עפּעס איין עסטעטישען גענוס, און עס וועט נישט אַרויסטרייבן פון דאָרט אויך דעם מענטשן, וועלכער האָט אַ שטיקל געשמאַק.

דאָס איז קודם כל. וועגן אַלעס אַנדערע וועלן מיר נאָך רעדן.

אונזער טעאטער אין ווארשוי האָט געסט: הערר פּרץ הירשביין מיט זיין טרופּע איז געקומען אויף זיבען גאַסטראָלען. הער הירשביין איז אַ שריפטשטעלער, וועלכער שרייבט אַליין דראַמען. די טרופּע בעשטעהט צום גרעסטען טייל פון אַמאַטאָרען. דער רעפּערטואַר איז אַ ריין „ליטעראַרישער". אַזוי ווי פּראָפעסיאָנס־שוישפּיעלער, ווי בעוואוסט, פערשטעהען גאָרנישט פון קונסט, ווילען אַמאַטאָרען מאַכען די פּראָבע און אונז ווייזען, וואָס קונסט מוז אייגענטליך געבען; אַזוי ווי דער געוועהנליכער רעפּערטואַר איז, ווי בעוואוסט, לויטער שונד, ווילען מענשען מיט געשמאַק מאַכען די פּראָבע און אונז ווייזען, וואָס ליטעראַטור קען און וואָס ליטעראַטור מוז אייגענטליך געבען—אַזוי איז צו פערשטעהען די אויפגאַבע, וועלכע עס האָט זיך געשטעלט די מאָדערנע טרופּע.

איך בין דער דאָזיגער טרופּע אין אַ געוויסען זין זעהר דאַנקבאַר; זי האָט מיר מיטגעהאָלפען. בעווייזען דאָס, וואָס איך האָט געפּרובט שוין אונצעהליגע מאָל צו בעווייזען: אַז די ענטוויקלונג פון טעאַטער הייבט זיך נישט אָן מיט'ן אַמאַטאָר און אַז אונזערע „ליטעראַרישע" פּיעסען געהערען זיך מיט דער ביהנע כלל וכלל נישט אָן.

איך בין פון איין זייט אַ טויט־שונא פון מענשען אויף דער ביהנע מיט גראָבע קינסטלער־אינסטינקטען—דאָס, וואָס מען וואַרפט־פאָר געוועהנליך אונזערע פּראָפעסיאָנעלע שפּיעלער; איך בין אויך אַ טויט־שונא פון יעדער אַרט פון שונד—דאָס, וואָס מען וואַרפט־פאָר געוועהנליך אונזער רעפּערטואַר; איך בין אָבער פון דער אַנדערער זייט אַ פיעל גרעסערער שונא פון אַלעם האַלבען, ווען עס האָט די פּרעטענזיע צו ווייזען זיך דורכאויס אַלס גאַנצעס, און פון יעדען טאַלאַנט, וועלכעס איז נאָר כמו טאַלאַנט, און פון יעדער אַרט ליטעראַטור, ווען זי איז נאָר כמו ליטעראַטור. דאָרט, ביי די ערשטע, ווייס איך ווייניגסטענס, אַז איך האָב פאַר זיך אַ נאַרישקייט, און מיין גאַנצע שטעלונג דערצו איז ווי צו אַזעלכער; דאָ אָבער ביי די לעצטע האָב איך שוין אַ מין פליכט צו זיצען מיט קנייטשען אויפ'ן

שטערן, און ערשט דאַן פרעג איך מיך, פאַרוואָס אייגענטליך האָב איך מיך געקנייטשט. דאָס, וואָס איך בין מוחל אַ כינקע־פּינקע־שפּיעלער, דאָס קען איך נישט מוחל זיין איין אינטעליגענטען אַמאַטאָר, איך האַלט איבעריגענס דאָס האַלבע און דאָס געמאַכטע פאַר פיעל געפעהרליכער—בין־השמשות־ליכט איז בעקאַנטליך דאָס געפעהרליכסטע ליכט פאַר די אויגען—און איך וועהל פון צוויי געפאַהרען די קלענערע. נאַטירליך, זענען זיך מאַנכע אויך נוהג, אַז מיט „האַלבעס״ און „כמו׳ס״ זענען זיי מיטיב; מען בעטראַכט ער פאַר אַ פליכט מיטצוהעלפען, אַז פון דעם האַלבען זאָל ווערען אַמאָל אַ גאַנצעס און פון דעם כמו זאָל ווערען מיט דער צייט איין עכטעס. זאָל טון אַזוי דער, וועלכער קען עס; איך נישט. איך סימפּאַטיזיר מיט׳ן גאַנצען האַרצען יונגע מענשען, וועלכע האָבען איין עהרליך שטרעבען און איין עהרליכען ווילען; מעהר קאָן איך נישט, מעהר טאָר מען אויך נישט.

אמת, דאָס שפּיעלען פון דער דאָזיגער טרופּע ווייזט אַרום און אַרום אַ געוויסע אינטעליגענץ—דערפאַר אָבער האָבען די אַנדערע, די פּראָפעסיאָנעלע, אָפט דאָס, וואָס מיר רופען טעמפּעראַמענט; די מיטגליעדער פון דער דאָזיגע טרופּע האָבען אפשר אויך אַ געוויסענס ביסען און מאַנכע קענטניסע—דערפאַר אָבער האָבען די אַנדערע די רגילות פון דער ביהנע, די „רוטינע״. די דאָזיגע אַמאַטאָרען האָבען אַרום און אַרום אַ געוויסען זין פאַר אַ פיינערען שטריך—דערפאַר אָבער בעזיצען די אַנדערע אָפט די נייטיגע קראַפט. פון איין אייגענטליכען טאַלענט וויל איך ביי ביידע צדדים נישט רעדען. ביהנען־קונסט בעשטעהט אָבער אין ערשטער ליניע אין קראַפט און טעמפּעראַמענט. עס איז מערקווירדיג גענוג, מיט וועלכע פּרימיטיווע מיטלען עס אַרבייט דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון דער דאָזיגע טרופּע. שטימונג מאַכען—דאָס, מיינען זיי, ערדייכט מען דאַדורך, וואָס מען מאַכט זעהר לאַנגע פויזען, אַזוי אַז ווען מען זאָל צעהלען אויפ׳ן זייגער די מינור־ זעהר לאַנגע פויזען...

מען געוועהנטליך דעם אַמאַטאָר. דאָס רייכט אַמאָל אויס אויף איין אָוועגד פּאַר אַ ליעבהאָבער־פאָרשטעלונג; פון אַ ביהנען־קינסטלער פערלאַנגט מען אָבער נאָך גאָר עפּעס אַנדערש. מען פערלאַנגט דאָס, וואָס מען רופט „קינסטלער־בלום”. איין עהרליך שטרעבען און איין עהרליך ווילען אַליין איז וועניג.

אפשר האָט אַ סך גורם געווען אויך דער אומגליקליכער רעפּערטואַר, אזא „ליטעראַרישער” אווטאָר ברענגט אַמאָל אַ שוישפּיעלער אין אַ סיטואַציע, אַז איין גאָט מעג זיך אויף איהם מרחם זיין. מילא פראַזען, אַזוי לאַנג ווי זיי זענען נאָר געשריבענע אַליין אָדער אפילו אָבגעדרוקטע, קענען דאָך בלייבען גאַנץ פיינע פּראַזען עד עולם ועד; דאָס אומגליק הייבט זיך נאָר אָן, אַז דאָס אַלעס מוז ווערען גערעדט דורך לעבעדיגע מענשען און דער שאַטען מוז ווערען פערוואַנדעלט אין פלייש און בלוט. אַ רב׳ס איין איידעם (אין „מיט׳ן שטראָם” פון שלום אַש) האָט פערלאָרען גאָט און געהט זוכען אַ נייעם; ער זאָגט דאָס זיין ווייב, און זי, נאַטירליך, פערשטעהט נישט; ער זאָגט עס גאַנץ שטיל, פון וועגען דער שטימונג און זי פערשטעהט ווייטער נישט; ער מאַכט מיט די אויגען און דריקט מיט זיי איינמאָל אַזוי און איינמאָל אזוי, און זי פערשטעהט אַלץ ווייטער נישט. זי ווידער ווייזט איהם, ווי ער האָט ביינאַכט געוויינט אויף איהר האַרץ, און ער, נאַטירליך, פערשטעהט נישט; זי לאָזט ווערען פינסטער אויף דער ביהנע, פון וועגען דער שטימונג, און ער פערשטעהט ווייטער נישט; זי לעגט אַרויף איהר קאָפּ אויף איהם איינמאַל רעכטס און איינמאָל לינקס, איינמאָל אויף די וואַנד און איינמאָל אין אַ ווינקעלע, און ער פערשטעהט אַלץ ווייטער נישט. דאַן קומט דער שוועהר, דער רב, צו תקון־חצות. ער זיצט אויף אַ קליין בענקעלע, און בינדט אויף די בריל און בינדט צו די בריל, פון וועגען דער קונסט־פּויזע, און וויינט פון תהלים אַרויס; דאָ קומט דער איידעם און דערצעהלט איהם גאַנץ שטיל, פון וועגען דער שטימונג, אַז ער האָט פערלאָרען גאָט, און מאַכט מיט די אויגען און דריקט מיט זיי איינמאָל אַזוי און איינמאָל אַזוי, פון וועגען דער שטימונג, און דערצעהלט דעם אַלטען, אַז אָט געהט ער אַוועקפאָהרען, אום צו זוכען אַ נייעם גאָט פאַר זיך און פאַר זיין חאַצקעלען, ווייל יענער גאָט איז טויט, און ווייל די תורה איז געשטאָר־

בען וכו׳ וכו׳ — און וואָס מיינט איהר, געשעהט דאָ? מיינט איהר נישט, דער אַלטער כאַפּט זיך אויף כאַפּט אַ שטוהל און וואַרפט דעם „יונגאַטש" אין קאָפּ אַריין און גט איהם אָב און יאָגט איהם אַרויס פון שטוב? ניין, ביי הערן אַש קומט אויס, אַז דער אַלטער רב מוז אָנהייבען צו רעדען מיט׳ן איידעם וועגען די „געפיהלען", און אויב ס׳איז מעגליך, ער זאָל געפינען אַ נייעם גאָט, און אויב אין אַ גאָט־פערלוסט איז זיך דער מענש נישט אַליין שולדיג; און ערשט דאַן כאַפּט ער די טאָכטער און הייסט איהר קריעה רייסען. זאָגט, קען אפילו אַ שוישפּיעלער פונ׳ם הימעל אַראָב אַזאַ סצענע „ראַטעווען"? דאָס איינציגע, וואָס אַ שוישפּיעלער האָט געקענט טון, אום די סצענע וועניגער לעכערליך צו מאַכען, איז נישט לאָזען וועניגסטענס־ זאָגען דעם רב דאָס קאַפּיטעל קל״ז תהלים אויף זשאַרגאָן מיט׳ן ניגון פון שרה בת טובים. פונ׳ם מויל פון אַ רב רייצט אַזעלכעס צום לאַכען און צו־ שטערט אין דער אמת׳ן יעדע שטימונג.

נישט בעסער איז עס געגאַנגען אויך אין אַ צווייטען „ליטעראַרישען" שטיק, אין אַ דראַמאַ פון דריי אַקטען („דער יחוס" פון שלום אש). פיגור־ רען, וועלכע דער פּערפאַסער האָט זיי נישט געזעהן, קען דער שוישפּיעלער נישט ווייזען. עס זענען געשריבענע פיגורען. אַ יודישער אַריסטאָקראַט מיט „אַהנען־בילדער" און מיט אַ „טויטען־צימער". איין אַריסטאָקראַט אַ זוהן מיט דער אייביקער פראַזע, אַז באַלד וועט ער אם־ירצה־השם פאָהרען קיין בערלין און וועט עסען מיטאָג ביי קעמפּינסקין און וועט זיין אין קאַפּע „מאָנאָפּאָל"—כמעט ווי אַש אַליין. אַ געשפּרעך אַ־לאַ־האַמלעט מיט האָ־ ראַציאָ, אויב עס האָבען זיך געהערט ביידערנאַכט די טריט פונ׳ם טויטען גייסט. אַ טאַטע בענטש אַ זוהן ביים פערלאָזען זיין הויז און האַלט איהם אַ רעדע ווי פּאָלאָניוס זיין זוהן לאַערט—און דאָס אַלעס, ווייל דער זוהן געהט וואוינען אין דעם הויז אַקעגענאיבער. וואָס זאָל אַ שוישפּיעלער, און אפילו דער בעסטער, אָנהייבען צו טון מיט אַזעלכע ראָלען? עס בלייבען נאָר איבריג די עטליכע שאַרזשראָלען און די עטליכע ראָלען פון די אַלטעגליכע פיגורען.

דאָס בעסטע, אין וואָס די דאָזיגע טרופּע האָט געקענט ביז יעצט ווייזען איהר קראַפט, איז געווען שלום־עליכמס איינאַקטער „מענשען", אפשר ווייל דאָס איז נישט קיין „ליטעראַריש" שטיק.

גאָר נישט קיין קליינער שאָדען פאַר די נאַטירליכע ענטוויקלונג פון אַ יודיש טעאַטער זענען אויך געווען — און זענען נאָך — אונזערע לאַנד־לויפיגע, געשוואָרענע, ספּעציעלע טעאַטער־קריטיקער, צו וועלכע מיר האָבען פּלוצלונג זוכה געווען אוי, די דאָזיגע, „פּאַך־קענער"! שטעלט אייך נאָר פאָר דאָס לעכערליכע פון דער גאַנצער זאַך: פון דער איינער זייט „בינקע־פּינקע", „וועלוועל עסט קאָמפּאָט" אָדער אפילו גאָרדינס אַ זעהר טיעפע חכמה, ווי למשל „חאַשע די יתומה" אָדער „אַ יודישער קעניג ליר", און פון דער אַנדערער זייט דער טעאַטער־ספּעציאַליסט, דער, וועלכער האָט זיך מסתם דירעקט ספּעציאַליזירט פאַר די דאָזיגע „וויסענשאַפט" אין די אויסלענדישע הויכשולען. און אָט קומט אַזאַ ספּעציאַליסט גאַנץ ערנסט און אָהן דעם מינדעסטען שמייכעל אויף די ליפּען און פייערט מיט זיינע מליצות וועגען „קונסט" און לערנט ווי „וועלוועל עסט קאָמפּאָט" אָדער „חאַשע די יתומה" מוז געשפּיעלט ווערען על פּי חכמת ה„קונסט" ועל פּי חכמת ה„וויסענשאַפט„ פון טעאַטער. עס פעהלט גאָר נאָך, אַז אַזאַ ספּעציאַליסט זאָל אין זיין ספּעציפיקאַציע געהן נאָך אַ טריט ווייטער, און כדי נישט צו פערברענגען אַ לעבען אויף נאַרישקייטען, זאָל ער זיך ווידמענען גאָר אינגאַנצען נאָר צו איין איינציגען דיכטער. למאי האָט אַ דייטשער פאָרשער געווידמעט זיין גאַנץ לעבען איינציג און אַליין דעם דיכטער געטהע? נישקשה, אַ יודישער ספּעציאַל־קריטיקער מעג ווידמענען זיין לעבען דעם דיכטער פון „וועלוועל" דאַן, נאַטירליך, קען די ספּעציפיקאַציע געהן ווידער אַ טריט ווייטער. אַזאַ ספּעציאַליסט קען ווידמענען זיין גאַנצע לעבענס־טעטיגקייט נאָר צו איין איינציג שטיק. למאי האָט אַ דייטשער פאָרשער אָנגעגעבען זיין גאַנץ לעבען צו דער ערפאָרשונג פון „פויסט", עס וואָלט, למשל, זיין גאַנץ שען, ווען אַזאַ ד"ר מוקדוני, „דער בעריהמטער טעאַטער־קריטיקער", וואָלט אויסקלויבען פאַר זיך פונ'ם יודישען רעפּערטואַר נאָר איין שטיק—אַ מענש קען זיך דאָך נישט צורייסען—און וואָלט זיין לעבען איהם מקדיש זיין. ער וואָלט, למשל, לייענען אַ ווינטער־סעמעס־

טער לעקציעס וועגען „חאַשע די יתומה„ און וואָלט קענען לאָזען דרוקען
דאַן אויף זיינע וויזיטען־קאַרטען: ד"ר מוקדוני, ספּעציאַליסט פון „חאַשע
די יתומה" און „בעריהמטער טעאַטער־קריטיקער". קריטיקער־שטונדען,
ספּעציעל פאַר מענער צווישען 6—5, פאַר פרויען מיט דעמאָנסטראַציעס
צווישען 8—7 וכו'. מיר, אַנדערע, למשל, וועלכע שרייבען אַמאָל נאָר צו־
פעליג, מיר פערשטעהען נישט פיעל פון די דאָזיגע זאַכען; ד"ר מוקדוני
אַליין האָט געזאָגט פון אונז, בנוגע צו טעאַטער, אַז מיר פערשטעהען נישט
טיעף; „קיין טיעפעס פערשטענדניס—שרייבט ער—קאָנען מיר נישט פאָ־
דערן (פון זיי), דאָס איז שוין אַ גאָט־זאַך". ער אָבער איז דאָך געטליך—ע־
וואָלט, כ'לעבען, שוין מעגען אַוועקלעגען זיין לעבען פאַר חאַשען!

מילא, אַז בחורים זענען געקומען פאַר צעהנדליגער יאָהרען און האָ־
בען געהאַט צו טון טאָג און נאַכט מיט דער השכלה און האָבען געשאָטען
מיט די גוטע מליצות און האָבען גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און
איין וואָרט איז נישט געקומען צום צווייטען—ווער ווייסט דאַגה איז דאָס
געווען? השכלה איז איין אַבסטראַקטע זאַך, און די נאַרישקייטען האָבען
נישט געקענט האָבען קיין שום פּראַקטישען ווערט. די זון איז אויפגע־
גאַנגען און איז אונטערגעגאַנגען, דאָס לעבען איז זיך געגאַנגען זיין גאַנג,
און דו, משכיל, רעד צו דער וואַנד, רעד, ביז עס וועט דיר מאוס ונמאס
ווערען און דיין מויל וועט זיך דיר ממילא פערמאַכען. אַנדערש אָבער איז
עס מיט'ן טעאַטער. טעאַטער איז שוין אַ קאָנקרעטער געגענשטאַנד, איין
אינסטיטוט, וועלכעס אַרבייט נישט אין דער לופט, נאָר בפועל; מען קען
דאָס זעהען און מען קען דאָס אָנריהרען; יעדען אָווענד אינ'ם לויף פון אַ
דריי פיער שעה ווערט עפּעס טאַטזעכליכעס אָפּגעטון, און ווען דאָ כאַפּט
זיך אַרויס עפּעס אַ מליצה־בחור, אַ „ספּעציאַליסט", און באַמבעלט זיך
אַלעמאָל צווישען די פיס פון די דערוואַקסענע און האָט אַלעמאָל עפּעס אַ
דעה צו זאָגען על פּי חכמת „טיעפעס פערשטענדניס"—דאָס קען שוין שטע־
רען דעם נאַטירליכען גאַנג פון אַ זאַך. ביי זיי ביניהם קען מען שוין די
דאָזיגע לייט און מען ווייסט זייער ווערט. מען קען די צוויי־דריי אמת'ע קרי־
טיקער, וועלכע מישען זיך געוועהנליך נישט אַריין אין די טאָג־ערשיינונגען,
און מען קען די מחנות פון די הונדערטער טאָג־רעצענזענטען און וואָס

זייער „יאָ” און „ניין” קאָסט. ביי אונז אָבער איז דאָס עפּעס אַ נייעס, די גאַנצע אינסטיטוציע פון׳ם טעאַטער איז צו יונג און איהרע פאָרשטעהער זענען צו וועניג אינטעליגענט, אום צו זיין מבינים אויף די דאָזיגע סחורות. אַ בחור האָט אָנגעשריבען עטליכע מליצות מכח טעאַטער, דאָס טעאַטער־מיידעל אָדער דער טעאַטער־מענש מיינט, אַז זיין לעבען איז דערפון אָפּהענגיג. זי אָדער ער קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלען, ווי מען קוקט אין בעסערע ליטעראַרישע קרייזען אויף אַזעלכע פאַרשוינען און אויף זייער מבינות און אויף זייערע דעות. זי אָדער ער קען גאָר נישט בעגרייפען, אַז דאָס איז אַ פּראָסטער פּלוידערזאַק, איינער, וועלכער האָט זיך ארומגעקוקט, אַז אַלע אַנדערע פעכער זענען מעהר אָדער וועניג שוין פערכאַפּט, איז ער געפאַלען אויף די המצאה, זיך צו מאַכען אַ ספּעציעל־פאַך: דאָס יודישע טעאַטער. נאַרישקייט שיצט פאַר המצאות נישט. און אָט ווערט געמאַכט פאַר אַזוי איינעם אַ וואָרע: האָ, דער טעאַטער־קריטיקער שטעהט ־ דער טעאַטער־קריטיקער זיצט! דער טעאַטער־קריטיקער שרייבט שוין! דער טעאַטער־קריטיקקער גענעצט שוין מיט מזל!—אָט דאָס איז עס, וואָס איך מיין, אַז אַזאַ טעאַטער־ספּעציאַליסט שטערט דעם נאַטירליכען גאַנג פון׳ם יודישען טעאַטער און ברענגט נישט קיין קליינעם שאָדען דער גאַנצער ענטוויקלונג פון דער זאַך.

אום צו בעגרייפען, וואָס עס טוט זיך אָב אין׳ם קאָפּ פון אַזאַ טעאַטער־ספּעציאַליסט, וועלכען גאָט האָט בעגאַבט מיט אַ טיעפען פערשטענדניס, איז אפשר גענוג, ווען מען זאָל איהם בעטראַכטען דריי־פיער מאָל הינטעראיינאַנד ביי זיין אַרבייט. עס קומט אַ נייע טרופּע, וועגען וועלכער עס איז געוואָרען אַ רעכט ביסעל רעקלאַמע געמאַכט. דער הערר ספּעציאַליסט שרייבט וועגען איהר אונזיכער, און דרעהט מיט דער צונג איינמאָל אַהין און איינמאָל אַהער. די טרופּע איז אַ טרופּע, נאָר די טרופּע איז פאָרט נישט קיין טרופּע; זייער קונסט איז אַ קונסט, נאָר זייער קונסט איז איז פאָרט נישט קיין קונסט. אַ טאָג שפּעטער קוקט מען זיך ארום, אַז דאָס זענען קיין ווערטער נישט, קומט מען און מען פאַלט אַריין אין׳ם טאָן פון התפעלות און מליצות: געזעסען זענען מיר אין אַ טעאַטער וכו׳, קודש־קדשים איז עס געוועזן וכו׳, צניעות איז עס געוועזן וכו׳, אַ הייליגער גייסט

האָט געשוועבט איבער אַלעמען וכו׳, די נייע תקופה פון א יודיש טעאַטער הייבט זיך אָן. א טאָג שפּעטער זעהט מען ווידער, אז מען איז א ביסעל אריינגעפאַלען, שרייבט מען: די רעזשי טויג אויף כפרות, דאָס שפּיעלען טויג אויף כפרות, דאָס שטיק טויג אויף כפרות, אַלעס און אַלע טויגען אויף כפרות,— און, דאַכט זיך, איז דאָך א סוף. קומט מען אָבער א טאָג שפּעטער, און עס איז שוין ווידער עפּעס גרויסעס און מען שיט שוין ווי־דער פעך און שוועבעל אויף אַלע, וועלכע האָבען געוואגט איין אַנדערע מיינונג צו האָבען, און מען זאָגט זיי שוין, אז זיי האָבען נישט קיין טיפעס פערשטענדינס און זענען „נישט עהרליך” וכו׳. קאצען, זאָגט ברעהם אין זיין נאַטורגעשיכטע, געדענקען בשום אופן נישט, וואָס האָט זיך מיט זיי געטון נעכטען. איך רעד שוין נישט פון דעם לעבערליכען, אז דוקא אזא פּאַרשוין רעדט וועגען פערשטענדינס און וועגען טיפעם פערשטענדינגס און וועגען עהרליכקייט, איך רעד נאָר פונ׳ם שאָדען, וואָס אזא איינער ברענגט.

אום צו האָבען א פּאָרשטעלונג, ווי דער דענק־אפּאַראַט פון אזא טעאַ־טער־ספּעציאַליסט אַרבייט, וועט אפשר גענוג זיין, ווען איך וועל ציטירען צוויי־דריי פראַזען פון א טעאַטער־רעצענזיע. „די פּערזאָנען (אין א געווי־סער פּיעסע) זענען נאַטירליך אפילו, ווען זיי זענען איבערטריבען געוואָ־רען”, „קליין, גרוי און נישטיג זענען די פּאַרשוינען פון דער דראַמע וכו׳ נאָר גרויס, קאָלאָסאַל איז די דראַמא אליין”. „זיי לעבען און בעוועגען זיך אויף דער ערד, אפילו ווען זיי ווילען כּאַפּען שטערען”. קאַצען, זאָגט ברעהם אין זיין נאַטורגעשיכטע, געדענקען אָפט נישט א מינוט שפּעטער, וואָס זיי האָבען געטראַכט א מינוט פריהער. און מערקווירדיג, אז דוקא אזעלכע הער־רען רעדען וועגען א טיפעם פערשטענדנים. גראָד די, וועלכע האָבען דאָס פּולווער נישט ערפונדען, ווערען שיסער.

די דאָזיגע הערען האָבען א האַרטע הויט. עס דויערט לאַנג, ביז זיי פערשטעהען, אז מען מיינט זיי. איך האָב מורא, אז איך וועל נאָך מוזען א שענע עטליכע מאָל רעדען, ביז אזא הערר וועט איינזעהען, אז דוקא אָט דאָס פאַך איז נישט פאַר זיינעטוועגען און וועט ענדליך דאָס טעאַטער און זיינע מענשען און דאָס פּובליקום לאָזען צו רוה. די ערשטע רעפאָרם, וואָס א טעאַטער בעדאַרף, איז—אַלע שעדליכע שטערונגען צו בעזייטיגען.

פערלאנג איך דען פון אונזער אָרעמען יודישען טעאטער גרויסע זאַ־כען? קום איך דען צו אזא פרימיטיווער אינסטיטוציע, ווי אונזער פּאָלקס־ביהנע איז, מיט די נארישע הימעל־הויכע תביעות וועגען „קונסט" ? רעד איך אפשר צו אייך מליצות און פראזען, וועלכע אייער שכל קען נישט תופס זיין? זאָג איך דען: איהר האָט די פליכט אונז דורכאויס צו געבען א ליטעראריש רעפערטואר, דאַן ווען איך וויים, אז מיר האָבען נישט דער־צו נישט די נויטיגע שריפטשטעלער און נישט דאָס נויטיגע פובליקום און נישט די נויטיגע שוישפּיעלער? אָה, ניין, איך פארלאנג דאָך נאָך דאָס איינפאַכסטע פון דער וועלט, אזעלכעס, וועלכעס ליגט אין דער מענשען־מעגליכקייט, היינט אָדער מאָרגען שוין פערווירקליכט און אויסגעפיהרט צו ווערען.

מיר האָבען אונזער אָרעם ביסעל האָב־און־גוטס: עטליכע אָפּערעטקעס, עטליכע מעלאָדראַמען, עטליכע פרימיטיווע דראמאטישע פּראָבען—איז גאָר ניט מעגליך, איהר זאָלט זיך א ביסעל אָנשטרענגען, אז פארלויפיג זאָל דאָס דאָזיגע ביסעל געגעבען ווערען אזוי, אַז ס'זאָל נישט שטעכען ווי מיט שפּילקעס אין די אויגען, און אז א מענש, וואָס האָט שוין עפּעס געזען אין דער וועלט, זאָל קענען דערביי איינזיצען?

ווען איך וואָלט זיין דער אָנפיהרער אָדער דירעקטאָר פון א יודיש טעאטער, וואָלט איך מיר די נויטיגע רעפאָרמען איינפיהרען אויף דעם איינ־פאַכסטען וועג. איך וואָלט עס אפשר מאַכען אזוי: ראשית, וואָלט איך נעה־מען אַלע רעצענזיעס, וועלכע ווערען אָנגעשריבען וועגען יודיש טעאטער, און וואָלט זיי אַרויסווארפען אויפען מיסט. זיי ברענגען קיין שום נוצען נישט און פערדרעהען נאָר דעם קאָפּ. איך וואָלט מיר איין מאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר געמאַכט, אז אין בעסטען פאַל איז א שרייבער פון אזעלכע רעצענ־זיעס א בחור מיט אייגענע סברות, וועלכער זאָגט איינמאָל אזוי, און פער־געסט על־פי־רוב היינט, וואָס ער האָט געזאָגט נעכטען. אזא בחור איז נאָר

על־פי צופאַל אַריינגעפאַלען אין דאָס דאָזיגע געביט, און ביי איהם אַליין אין קאָפּ איז אַלעס אונקלאָר און פערדרעהט, און ער ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וויל. אַזאַ איינעם מוז מען מבטל זיין לכתחלה, איהם און זיין מבי־גות און זיין דעה־זאָגען, און פּטור.

דאָן וואָלט איך מיר מתקן זיין אַ תקנה, אַז מיינע אַרטיסטען זאָלען אָפט געהן אין די נישט־יודישע טעאַטערס און זאָלען זיך אַ ביסעל איינהער־רען און איינקוקען. נישקשה, מיינע אַרטיסטען זענען טאַקי גדולים, יעדער פון זיי פערמאָגט אין זיין קלענסטן פינגערל מעהר פון אַלע בעריהמטע צו־זאַמען אין זייער גאַנץ לייב און לעבען; שאַדטען וואָלט עס אפשר דאָך נישט. מיר האָבען טאַקי דוזעס, ווי מיסט און זאָנענטהאַלס האָבען מיר אין יעדען וועסטען־טעשעל, אָבער זיך איינקוקען ווי אַזאַ גוי'איש שקצ'ל אָדער אַזאַ גוי'אישע שיקסע שטעהט און געהט און דרעהט זיך אויף דער סצענע, און זיך איינהערען, ווי זיי רעדען און שווייגען—דאָס וואָלט בנאַ־מנות נישט געשאַדט. עס וואָלט גאָר נישט שאַדטען, ווען מיין „ליעבהאָבער" זאָל פון צייט צו צייט געבען אַ קוק מן־הצד, ווי יענער דאָרט האַלט זיין „געליעבטע" און ווי ער קוקט אויף איהר. עס וואָלט אויך נישט זיין קיין עולה, ווען מיין „קאָמיקער" וואָלט זיך בעמיהען אהין. איך רעד גאַנץ ערנסט: דער יודישער קאָמיקער—אַ סעם שילינג, אַ וויסמאַן, אַ וויענער—שטעהען בשום אופן נישט נידעריגער פונ'ם קאָמיקער אין יענע טעאַטערס, און אפשר שטעהען זיי גאָר העכער; זיי האָבען, אַלס קינדער פון דער יו־דישער ראַסע, אַ נאַטירליכען וויץ און נאַטירליכען קאָמיזם. פון יענע אָבער וואָלטען זיי קענען לערנען אַ ביסעל סאַלאָן־שליף. זיי וואָלטען לערנען, אַ ביסעל ווייניגער צו מאַכען באַלאַגאַנעס און אַ ביסעל מעהר צו זיין אמת־קאָמיש. זיי וואָלטען זיך אפשר דאָן איבערצייגען, אַז אויך דאָס פּובליקום וואָלט דאדורך נישט ווייניגער לאַכען און וואָלט נישט זיין מיט זיי ווייניגער צופרידען. איך געדענק, ווי איך האָב אַמאָל געזעהן העררן וויענער אויף דער ביהנע אין אַ זעהר קאָמישע סצענע, אַלעס וואָלט געגאַנגען צימליך גוט; ווי אָבער הערר וויענער האָט אָנגעהויבען צו שלאָגען אַ שטרוי־זאַק אַ האַלבע שעה הינטעראייגאַנד, האָב איך געמוזט אויפשטעהן און אַרויס־געהן.

די נעכסטע רעפאָרם, וואָס איך וואָלט איינפיהרען, וואָלט זיין, אַז די

„דאַמען" זאָלען זיך געבען אַ ביסעל מעהר מיה, צו ערשיינען אין צוגע־פּאַסטע מואָלעטען און פריזורען, זויבער און ציכטיג און אנגענעהם פאר'ן אויג, אזוי אַז ס'זאָל נישט מאַכען דעם איינדרוק פון אבי אָב־פּטר'ן. אמת, די „דאַמע" קומט אַרויס נאָר אויף דריי מינוט און עס לוינט אפשר נישט ערשט צו מאַכען דערפון אַ גאַנץ געבראַטענס—אינ'ם טעאַטער אָבער זיצט אַ פּובליקום, וועלכעס האָט דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז עס זאָל זיך נישט אַ חלשות אָנגעהן אַ קוק צו געבען אַהין צו דער ביהנע. דעסגלייכען וואָלט איך איינפיהרען, אַז עטליכע הערען זאָלען אין געוויסע ראָלען האָבען די פּליכט, אַרויסצוטרעטען פריש ראַזירט און עטוואָס עלעגאַנט. פאַרוקען און בערד וואָלט איך נישט זשאַלעווען, אבי די הערען פון כאָר זאָלען נישט מוזען ערשיינען מיט די צוגעקלעבטע בערד און וואָנסעס. אַזאַ סצענע, ווי למשל די „הושטאַווקאַ" אין „אַ מענש זאָל מען זיין", ווען אַ גוטער בעל־הבית זאָל אכטונג געבען אויף די עלעגאַנץ פון דער אויספיהרונג, וואָלט אודאי ובודאי צוגעצויגען צו זיך אויך דאָס בעסערע פּובליקום.

הויפּטזעכליך וואָלט איך אָבער אַריינגעלעגט מיין אַרבייט דערין, אויס־צוזוכען און אויסצוזויבערן די עטליכע שטיק, וועלכע ווערען געשפּיעלט ביי אונז, אַזוי אַז זיי זאָלען אויסקומען אַ ביסעל פיינער. איך וואָלט מיר, ראשית, גענומען צו הילף עפּעס אַ ליטעראַט, אויף וועלכען איך קען זיך פערלאָזען, און וואָלט אָנהייבען מעקען און שרייבען פון די אַלטע שטיק. איך נעהם, למשל, אַזאַ „שולמית". אַזוי ווי אַזאַ „שולמית" איז דאָך נישט קיין הלכה למשה מסיני, און איהר מחבר, גאָלדפאַדען, עליו השלום, איז דאָך נישט געווען קיין רבי רב שבח, אַזוי אַז מען טאָר ביי איהם נישט משנה זיין קיין קוצו של יוד, וואָלט איך אַוועקגעזעצט דעם דאָזיגען ליטעראַט און וואָלט לאָזען די אָפּערעטע אַ ביסעל אויסרייניגען. אַ דריטעל וואָלט איך אַרויסגעוואָרפען, אַ דריטעל געענדערט און אַ דריטעל צוגעשריבען. אַזוי ווי דאָס שטיק איז געשריבען אין ריפּמען, וואָלט איך קודם־כל מעקען, ווי ווייט מעגליך, די ריפּמען, כדי עס זאָל אַרויסקומען אַ מענשליכע שפּראַך; אַזוי ווי עס דרעהט זיך אַרום אויף דער ביהנע אַ ציגנאַטאַנג און האָט נישט וואָס צו רעדען אָדער צו טון, און דעריבער טוט ער און רעדט ער נאַריש־קייטען ביז צום עקעל, וואָלט איך לאָזען אָנשרייבען פאַר איהם אַ שטיקעל ראָלע, און באופן זה וואָלט אויך דער קאָמיקער האָבען וואָס צו טון אין

דער דאָזיגער אָפּערעטע. דעסגלייכען וואָלט איך מאַכען אַזעלכעס אויך מיט אַ פּאַפּוס און מיט אַ רוימישען צעזאַר אין דער אָפּערעטע „בר־כוכבא" אָדער מיט אַ חשורוש און אַ ויזתא אין דער אָפּערע „אחשורוש". ביסלעכ־ווייז וואָלט איך אַזוי לאָזען פּעראַיידלען און פעררפיינערן דעם גאַנצען רע־פּערטואַר, ביז ענדליך אַ מענש מן הישוב וואָלט קענען איינזיצען אין טעאַ־טעי ביים שפּיעלען פון די דאָזיגע לייכטע זאַכען. אפשר וואָלט דאָס זיין דער אָנפאַנג און דער איבערגאַנג צו עפּעס בעסערס.

איבערהויפּט איז די הילף פון אַ געשיקטען ליטעראַט אַ זאַך, וואָס איז איינגעפיהרט אומעטום. איך קען קיין איינציגען „ליטעראַרישען יועץ" מיט עטליכע וואָכען צוריק האָב איך געלייענט אין אַ יודישע צייטונג איין אָפּע־נעם בריעף פון אונזערע אַרטיסטען, אין וועלכען זיי פאַלען אָן אויף די ליטעראַטען, ווייל זיי האָבען געוואָלט נעהמען אונטער זייער אויפזיכט די ליטעראַרישע לייטונג פונ'ם טעאַטער. דאָס איז איין אונרעכט. אפשר איז דאָס, דאָס איינציגע גוטע, וואָס ליטעראַטען האָבען געוואָלט טון פאַר'ן יודישען טעאַטער. אפשר איז דאָס, דאָס גרעסטע אונרעכט, וואָס די אַר־טיסטען האָבען געטון די יודישע ליטעראַטען. נאַטירליך מוז אַזאַ „ליטעראַ־רישע לייטונג" נישט וועלען בעשעפטיגען זיך מיט נאַרישקייטען און מיט פאַנטאַזיעס און מיט „קונסט". אין דעם זין אָבער, ווי איך האָב אויבען גע־זאָגט, איז יעדענפאַלס אַ ליטעראַרישער העלפער אַ זעהר נוצליכע רעפאָרם.

צום סוף וואָלט איך מיך אויך נעהמען דערצו, בעליעבטע אָפּערעטען און טעאַטער־שטיק צו לאָזען איבערזעצען און בעאַרבייטען פאַר מיין יודי־שע ביהנע—דעריבער אָבער וועל איך מוזען רעדען בעזונדער איין אַנ־דערש מאָל.

איך וויל אמאל צוליעב א שינוי פּרובען רעדען נישט וועגען טעאַטער און אַרום טעאַטער און איבער טעאַטער, נאָר פון עטוואָס מעהר בעשטימ־טעס: פון דעם שפּיעלען, וואָס ווערט דאָרט געשפּיעלט.

אין טעאַטער „עליזעאום" ווייזען זיך אויף דער סצענע זינט עטליכע וואָכען צוויי געסט: פרוי ראָזא בריה און הערר סעם שיללינג. פאַרביידע איז געמאַכט געוואָרען א גרויסע ווארע און וועגען ביידע איז פערשפּרייט געוואָרען די מיינונג, אַז דאָס זענען גרויסע, וועלט־בעקאַנטע און גאַנץ אומגעוועהנליכע אַרטיסטען. נאַטירליך, קען מען נישט וויסען ביי היינטיגע צייטען, ווי ווייט אַזעלכעס איז רעקלאַמע און ווי ווייט אמת. נישט איינ־מאָל שוין איז א פּובליקום און די קריטיק פערפיהרט געוואָרען. מיר האָבען דאָך געזעהן, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען זאָגאַר פון א „ליטעראַרישער וועלט־בעריהמטער טרופּע"; בעסער וואָלט זיין, אַז מיר וואָלטען דאָס נישט זעהן און מיר וואָלטען קענען ווייטער גלויבען. און אָט זענען געקומען ענד־ליך די געסט פונ'ם „עליזעיום". פרוי ראָזא בריה האָב איך, ליידער, נאָך נישט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן אין בעדייטענדע ראָלען, און וויס אויך יעצט וועגען איהר ווייניג צו זאָגען. זי איז, ווייזט אויס, א גאַנץ גוטע סובּרעטע מיט א גרויסער געניטקייט אויף דער ביהנע—אפשר שוין מיט א צו גרויסער—און אויך א רעכט ביסעל שטום־מיטלען בעזיצט זי. אפשר וועל איך נאָך האָבען די געלעגענהייט מיך אומצוקעהרען צו איהר. בנוגע אָבער צו הערר סעם שיללינג, פערדיענט דער דאָזיגער שוישפּיעלער יעדענ־פאַלס, אַז מען זאָל זיך אויף איהם אָפּשטעלען.

הער סעם שילינג איז קאָמיקער און כאַראַקטער־ראַליסט. אין צוויי ראָלען האָב איך איהם ביז יעצט געזעהן, און אין ביידע האָט ער איבער־ראַשט. אין איינער האָט ער געגעבען א טיפּ: א גאַליציאַנישען יוד. טוי־זענד מאָל האָב איך געזעהן אַזעלכען אין קראָקוי, אין לעמבערג, אין טאַר־נאָפּאָל און אין קאָלאָמעא—און די קאָפּיע איז לעבעדיג. מאַסקע און גע־

שטאַלט און דאָס רעדען און דער טאָן, אַלעס—איז געטראָפען. הערר שיל־לינג איז יעדענפאַלס אַ פּאַרציגליכער בעאָבאַכטער. ער קאָפּירט טויזענד קליינינקייטען און בעוועגונגען, וואָס איין אַנדערער וועט אפשר גאָר נישט האָבען געזעהן. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס אַ שוישפּיעלער, וועלכער אַר־בייט, מיט אַזאַ פערשטענדניש, געהט ניט נאָך אַ טריט ווייטער און בילדעט אויס זיין געשמאַק. דער דאָזיגער גאַליצישער יוד, למשל, קומט פאָר אינ׳ם שטיק „שבת קודש". דאָס שטיק שפּיעלט אין שפּאַניען און האָט עפּעס אַ גראַף אַלפאָנזאָ אָדער אַלקאָנזאָ און אַ גרעפין איזאַבעלאַ אָדער כדומה אַזא נאָמען, און אויך די קאָסטיומען זענען שפּאַנישע, און אויך דאָס גאַנצע זאָל זיין כביכול שפּאַניש: אַ מעשה פון 15־טען אָדער 16־טען יאָהרהונ־דערט—און פּלוצלונג באַוויוזט זיך דאָס קראָקויער יודעל. האָט זיך הערר שיללינג נישט געשטעלט די פראגע, ווי קומט אַ גאַליציש יודעל פונ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט אַהין קיין שפּאַניען אין יענער צייט, און ווי פּאַסט ער דאָרט אריין? עס איז נישט געגוג פון אַ גוטען שוישפּיעלער, ווען ער שאַפט אַ פיגור; ער מוז אויך וויסען, אויב די פיגור פּאַסט אינ׳ם שטיק אריין.

אַ פיעל בעדייטענדערע פיגור האָט הערר סעם שיללינג בעשאַפען פון זיין „זיידעניו" אינ׳ם שטיק אַ „סמאַטשאַרזש". איך האָב די דאָזיגע ראָלע געזעהן פאַר אַ סך יאָהרען אויף דער יודישער סצענע געשפּיעלט פונ׳ם „גרויסען" יעקב אַדלער. דער „גרויסער" יעקב אַדלער מעג יעדענפאַלס געהן אין די לעהר צו דעם דאָזיגען סעם שיללינג. סעם שיללינג׳ס „זיידע" איז אַ כאַראַקטער־פיגור, מיט וועלכער קיין שום שוישפּיעלער דאַרף זיך נישט שעמען. מען דערקענט דעם דענקענדען שוישפּיעלער אין יעדען פּי־צעלע: ווי ער זיצט ווי ער זאָגט, ווי ער שטעהט, ווי ער פאַלט און ווי ער שי־כור׳ט. אפשר נאָר ביים שיכור׳ן אַליין זעהט מען אַ קליינע איבערטרייבונג, וועלכע מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטיקעל שאַרזש, און צוואַר דאַדורך, וואָס ער איבער׳חזר׳ט אַ צעהן־פופצעהן מאָל דאָס וואָרט „דו וועסט דיר שוואַרץ יאָהר אויסרעכטען". עס קען שוין זיין, אַז הערר סעם שיללינג האָט געמאַכט אינ׳ם לעבען די בעאָבאַכטונג, דאָס אַ שיכור איבער׳חזר׳ט אָפט אַ וואָרט ביז צום עקעל; מען מוז אָבער האָבען געשמאַק און וויסען די לי־

ניע און די גרעניץ. דורך איין מאָל צופיעל ווערט דאָס גאַנצע אַ שטיק שאַרזש —און עס איז אַ שאָד קאָליע צו מאַכען אַזאַ שענע סצענע.

אחרי כל אלה ווערט אָבער טרויעריג אין דער נשמה, ווען מען בע־טראַכט, אין וואָס פאַר אַ שטיק אַ טאַלאַנטפולער שוישפּיעלער מוז אויפ־טרעטען. דער „סמאַטשאַרזש" איז דאָס נאַרישסטע שטיק, וואָס איך האָב ביז יעצט געזעהן אויף דער יודישער ביהנע. אייגענטליך, ווען איך זאָג „וואָס איך האָב געזעהן", איז דאָס נישט ריכטיג, דען איך האָב געזעהן נאָר עטליכע סצענעס און איך בין אַרויסגעלאָפען פונ'ם טעאַטער; איך האָב פּראָבירט נישט געקענט לענגער אויסהאַלטען. עס איז גאָר נישט צו בעגרייפען, ווי אַ שוישפּיעלער ווי סעם שיללינג קען עס אויסהאַלטען אין אַזאַ שטיק און ווי אין דעם דאָזיגען שטיק דוקא האָט ער איינע פון זיינע בעסטע ראָלען. איז עס מעגליך, אַז אַ מענש מיט אַ טאַלאַנט זאָל זיין אַזוי ווייניג אַ מפונק? ווי קאָן אַ מענש מיט טאַלאַנט זיך גאָר ענטשליסען צו נעהמען אַנטייל אין אַזאַ שטיק און דאָרט גאָר בעשאַפען איינע פון זיינע בעסטע פיגורען?

איך וויל שוין וואַרטען, ביז איך וועל האָבען די געלעגענהייט צו זעהן דעם דאָזיגען שוישפּיעלער אין אַ בעסער שטיק. איך וועל אפשר גאָר מוזען אָנקומען צו די „ליטעראַטען". זאָל שוין זיין ווענינגסטענס אין אַ שטיק פון יעקב גאָרדין.

יודישע ליטעראַטור

I

איך האָב נישט קיין צו גרויסע מיינונג פון דעם, וואָס ס'ווערט אויפ־געטון זינט יאָהרען אין די ליטעראַטורען אייראָפּאַס אומעטום; ווען אָבער איך קוק מיך צו צו דעם, וואָס עס טוט זיך ביי אונז יאָהר אויס, יאָהר איין, און וואָס ביי אונז הייסט גרויס און וואָס ביי אונז הייסט דאָס גרעסטע מיין איך אַלץ, אַז יעדער פון אונז מוז אראָבלאָזען די אויגען פאר חרפה. די צרה איז נישט אזוי דאָס קליינע און ווינציגע, וועלכעס מיר בעשאַפען—אָרימ־קייט איז נישט קיין שאַנדע!—ווי די קליינע און ווינציגע השגות, וואָס מיר האָבען. אוי, אונזערע השגות פון גרויס! מיר זענען מיט איינמאָל אזוי בעגנוגזאַם געוואָרען. מיר ווערען אזוי גיך נתפעל פון דער מינדסטער קליינינקייט, וועלכע האָט זיך ביי אונז פיעל אָדער וועניג איינגעגעבען, און מיר זאָגען באַגד, אַז דאָס איז דאָס העכסטע. נאַטירליך, אויך דאָס איז נאָך נישט די גרעסטע צרה; די צרה הייבט זיך ערשט אָן דערמיט, ווען מען בעקלערט, ווי די דאָזיגע ערשיינונג איז אַ סימן פון ירידה, פון גענצליכער ירידה...

און פאַרט איז עס אַ פאָלק, וועלכעס איז אמאָל געווען גאָר נישט אזוי בעגנוגזאַם און ביי וועלכען ליטעראַטור האָט געהייסען נישט וועניגער ווי אזאַ ביכעל ווי די ביבעל! און פאַרט האָט אמאָל ביי אונז אַ שריפטשטעלער געמוזט זיין אַן ערשטקלאַסיגער, ווען ער האָט געוואָלט דערגרייכען דעם טיטעל גאון. יעצט אָבער ווייסען מיר גאָר נישט, אויף וועלכע יום־טוב'דיגע פּאַליצע מיר זאָלען אוועקזעצען איינעם, וואָס האָט אונז אָנגעשריבען צוויי־דריי פראַגמענטארישע סקיצעלעך, דריי און פיערזייטיגע די גרויס, וועלכע לאָזען זיך נישקשה'דיג לעזען. גאון און זשעני איז דער קלענסטער טיטעל, וועלכען מיר האָבען היינט פאַר יעדען בחור. אַ ביסעל ווייטער ארויף, מוז ער שוין הייסען „ברענפּונקט פונ'ם גאַנצען פאָלק". נאָך אַ ביסעל וויי־טער, וועט מען זיך שוין מיט אַ פּונקט אליין אויך נישט מעהר בעגנוגענען און עס וועט באַלד מוזען זיין כאָטש אַ „ברענענדיגע זייל". דאַן, נאַטיר־

ליך, וועט עס קומען ביז צום אונשולדיגען טיטעל פון א „ליטעראַרישען וועזוף פאר די גאַנצע אומה". עס הייבט זיך ווידער אָן די גוטע אַלטע צייט פון „עמוד הימיני" און „פטיש החזק" און „בוצינא קדישא" פאר יעדען ליטעראַטור־רב'ל און יעדען קונסט-מורה־הוראה'לע...

פערלאַנג איך דען ביי אונז אַ דאָסטאָיעווסקי און אַ טאָלסטאָי? אַ ניצשע אָדער איין איבסען? — ניין, אַזוי הויך פערקריך איך מיר נישט, און אַזעלכע ריזען קען איך נישט פערלאַנגען, אַז עס זאָל קענען אַרויסקומען פון אַ פאָלק, וועלכעס איז צובראָכען און צושעדיגט און איז אַ בעל־מום אין יעדען ווינקעלע פון זיין נשמה און זיין געמיט. איך וויל שוין רעדען פון טויזענד מאָל קלענערע.

ווען עס זאָל קומען אַ מין סדום־ועמורה־אומגליק אָדער איין ערד־ציטערניש ווי אין מעסינאַ, אָדער ווען עס זאָל קומען דער העלי־קאָמעט און זאָל, חס־ושלום, אַראָבקעהרען פון דער ערד אַ גאַנצע אומה, למשל די פוילישע אומה, אַזוי אַז ס'זאָל נישט איבריג בלייבען פון איהר קיין שריד ופליט און קיינער זאָל נישט מעהר וויסען, וואָס פאַר איין אומה דאָס איז געווען, און נאַר בדרך־נס זאָל איבעריג בלייבען דאָס איינאיינציגע פוילישע ביכעל „פאַן טאַדעאוש" פונ'ם פוילישען דיכטער מיצקעוויטש—דאַן, זעהט איהר, וועט עס וועט נעהמען דאָס ביכעל אין האַנד אַריין און וועט עס דורכלעזען, דער וועט זיך גאַנץ גוט קענען מאַכען אַ בעגריף פון דעם, וואָס דאָס פוילישע פאָלק איז געווען. אַ גרויסער דיכטער האָט אין צוועלף געזאַנגען פלאַסטיש פעראייביגט אַ פאָלק אין אַלע זיינע פאָרמען און ערשיינונגען, אַזוי אַז ווען דאָס פאָלק אַליין וועט חס־ושלום שוין זיין פערשוואונדען, וועט מען אַלץ נאָך, לויט יענעם ביכעלע, זיך קענען אין געדאַנקען צוריקצונויפשטעלען דאָס גאַנצע לעבען פונ'ם פוילישען פאָלק. דעריבער איז אַזאַ „פאַן טאַדעאוש" דאָס פאָלקס־עפּאָס געוואָרען. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס אַזאַ מיצקעוויטש איז געוואָרען באמת'דיג דער ברענפונקט פון זיין פאָלק און אַ גאַנץ פאָלק קוקט צו איהם אַרויף ווי אויף דעם פאָלקס־שטאָלץ.

מיר ווענדען זיך צו אַ קלענערען, צו אַ רוסישען דיכטער. טשעכאָוו האָט ער געהייסען. ער איז יונג געשטאָרבען, און יעצט מאַכט מען איהם הזכרות ביי יעדער געלעגענהייט און מען בעוויינט זיין טויט. פאַרוואָס? —ער האָט אַ קלייניקייט געטון: ער האָט אין עטלעכע הונדערט קליינע

ערצעהלונגען געגעבען עטליכע הונדערט טיפּען פון רוסישע מענער און רוסישע פרויען, אַזוי אַז עס איז כמעט נישט דאָ קיין רוסישער טיפּ, וועלכער זאָל נישט זיין פערטרעטען אין זיינע ערצעהלונגען. זאָל רוסלאַנד, חלילה, ביי איין אומגליק, ווי סדום ועמורה אָדער מעסינאַ אָדער העליקאָמעט וכו׳ אָבגעמעקט ווערען פון דער ערד־קוגעל און בלייבען וועלען נאָר טשעכאָוו׳ס ערצעהלונגען, וועט מען זיך גאַנץ גוט קענען מאַכען אַ בעגריף פון רוסישע מענשען אין זייער גאַנצער פערשידענאַרטיגקייט וועהרענד אַ געוויסער עפּאָכע. נאַטירליך, אַ בעגריף פונ׳ם רוסישען פאָלק און פונ׳ם פאָלקס־כאַראַכטער אים אַלגעמיינעם וועלען אויך טשעכאָוו׳ס נאָוועלען נישט געבען; ווענינגסטענס אָבער וועלען זיי געבען לדורות אַרויס דאָס בילד פונ׳ם פאָלק און טיפּען פונ׳ם גאַנצען פאָלק וועהרענד אַ געוויסער צייט: וועהרענד דעם לעצטען פערטעל פונ׳ם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט. אויסערדעם, וועט מען אַלעמאָל בעוואונדערן די קונסט פונ׳ם דאָזיגען מענשען: אַ מענש, וועלכער האָט פאַרשטאַנען דעם סוד, אויסצומאָלען אַ טיפּ אין עטליכע שורות. ער האָט געשריבען, למשל, אַ „דושענקאַ", אַ טיפּ, צו וועלכען איין אַנדערער וואָלט אפשר דאַרפען האָבען אַ גאַנץ ביכעל, און ער האָט געהאַט דעם סוד־הצמצום, אַז עס זענען איהם גענוג געווען צו אַזוי פיעל לעבען פיער־פינף זייטלעך. איז עס אַ וואונדער, אַז ווען מען רעדט פון טשעכאָוו, רעדט מען פון! אַ גרויסען קינסטלער, און ווען אַ מאָדערנער רוסישער מענש דערמאָנט זיין נאָמען, דערמאָנט ער איהם ווי איינעם, אויף וועלכען אַ פאָלק מעג שטאָלץ זיין? ער האָט זיין פאָלק עפּעס גאַנצעס געגעבען!

קען מען דאָס זאָגען פון אונזערע „קינסטלער"? די האַנד אויפ׳ן האַרץ! איז דאָ ביי אונז כאָטש איינער, וועלכער האָט אונז געגעבען עפּעס גאַנצעס? מיר וועלען שוין אויסלערנען אונזער קהל צו זאָגען יעדע ווײַלע „ברוך הוא וברוך שמו"— האָבען מיר אָבער אויך אַ חזן, וועלכער גיט פון זיך דעם גרויסען „ברכו"?

עס איז טרויעריג? נאָך האָבען מיר נישט דעם דיכטער, ביי וועלכען די פליגעל זאָלען זיין אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסען, אַז ער זאָל זיך קענען דערהייבען ביז צום שרייבען דעם פאָלקס־עפּעס. מיר האָבען ביי אונז נישט אַמאָל נאָך דעם דיכטער, וועלכער זאָל זיין געקומען ווענינגסטענס שוין ביז

צום ראָמאַן. מען ליגט ערשט אין די וויקעלעך און מען שרייבט ברעקלעך און שטיקלעך און פראַגמענטען און סקיצען; דען מען פיהלט ברעקעל־האַפט און מען זעהט שטיקעלהאַפט און מען דענקט פראַגמענטענהאַפט און מען איז אינגאַנצען סקיצענהאַפט—און שוין איז דאָ חברה־פּאַטשערס וועלכע האַלטען פון איין שרייען: אוי, אונזערע ברענפּונקטען! אוי אונ־זערע פאָלקס־שטאָלצען!—און דערמיט, מיינט איהר, טוט איהר אַ טובה דער אומגליקליכער אומה? בעגראָבט איהר אפשר נישט דערמיט אפילו די מעגליכקייט, אַז ס'זאָל זיך קענען עפּעס ענטוויקלען אויך ווייטער?

קומט, איך וויל פּרובען זיך אַ ביסעל נעהנטער צוקוקען צו אונזערע ליטעראַטען און צו דעם, וואָס זיי האָבען אונז ביז איצט געגעבען!

II

אַ מאָדנע ווילדער געדאַנק איז מיר דאָ איינמאָל אין דער לעצטער צייט געגאַנגען דורכ'ן קאָפּ: שטעלט אייך, למשל, פאָר, אַז ליטעראַטור איז נישט קיין פּאַפּירענער געגענשטאַנד, וועלכער בעשטעהט אין שמות, נאָר דאָס איז אַ זאַך, וועלכע, ווען מען קומט אין אַ שטאָדט אריין, זעהט זי זיך אָן און זעהט זיך אַרוים, אַזוי ווי טורעמס און מאָנומענטען און פּאַלאַצען, און ווען אַ פרעמדער רייזענדער פאָהרט אריין און לויפט אָנקוקען אַלע זעהענס-מערקווירדיגקייטען, לויפט ער אָנקוקען זיך די ליטעראַ-טור און איהרע וואונדערגעביידעס—וואָס וואָלט אַזא פרעמדער זעהן ביי אונז?

לאָמיר זאָגען, דער פרעמדער איז דער בעקאַנטער ליטעראַטור-רייזענ-דער געאָרג בראַנדעס, דער, וועלכער האָט שוין שענע עטליכע מאָל געמאַכט זיין רונדיגע וועלט-רייזע דורך די ליטעראַטורען פון דער גאַנצען וועלט-קוגעל, און צום סוף איז ער אַריינגעפאָהרען אויך אין אונזער ליטעראַטור-שטעדטעל. ביים אַריינקומען איז ער אַ קטן שנולד און ווייסט נישט פון קיין שום המצאות. ער ווייסט נישט פון אינטריגעס און אינטריגעלעך, ער ווייסט נישט פון די גליקען, אַז בחורים'לעך מיט קעפּלעך פון דריי ווער-שאָק די גרויס, וועלכע זענען נישט אמשטאַנד צו קוקען אַ שפּאַן ווייטער פון זייערע ד' אמות, האָבען געהאַט די דרייסטיגקייט צו טיטולירען איינער דעם צווייטען „ברענפּונקט פון גאַנצען פאָלק", „שטאָלץ פון גאַנצען פאָלק", „פאָלקס-כבוד", און האָבען געוואָלט איינרעדען, אַז אַזוי באמת זאָגט אַ פאָלק; ער וויל אפילו נישט וויסען פון אונזער חיוב, אַז לשם יחוד אַגיטאַ-ציע פאַר נאַציאָנאַלע צוועקען זענען מיר מחויב צו זיין שאָוויניסטען און צו פּויקען און צו מאַכען פון יעדער מילב איין עלעפאַנט. ער ווייסט נאָר איין זאַך: אָט איז ער געקומען און אָט וויל ער זעהן די ליטעראַטור אַזוי ווי זי איז... אָבער גאָט איינציגער אין הימעל! וואו איז די ליטעראַטור?

ברעקעלעך, שטיקעלעך, סקיצעלעך, פראַגמענטלעך, געדיכטעלעך אין

פראָזא, שפּיעלעכלעך—אָבער וואו, אין גאָטעס הימעלס ווילען, איז דאָס מאָנומענטאַלע? וואו איז דער גייסט, וועלכער שאַפט און וועלכער שפּיעלט זיך נישט?

ברעקלעך און שטיקלעך און סקיצלעך וכו׳ איז אַ גאַנץ שענע זאַך — ווען? ווען די דאָזיגע זאַכען ווערען בעטראַכט אַלס פּרפּראות, אַלס פּוץ־ווערק געבען דעם קאַלאָסאַלען, אַלס בייוועֶרק נעבען דעם עיקר. וואו אָבער האָבען מיר איין עיקר? אָדער זענען מיר, מישטיינס־געזאָגט, שוין אַזוי וויט אויס מענש, אַז וואַנד־גלעזלעך, טיש־געגענשטענדלעך, גיפּס־פיגורלעך און אַנדערע שפּיעלגעצייג איז געוואָרען ביי אונז איין עיקר? און דערויף זענען מיר שטאָלץ, און דערפון זאָגען מיר, אַז ס׳זענען זאַכען לדורות אָדער גאָר לנצח־נצחים?

דער דאָזיגער וועלט־ליטעראַטור־רייזענדער קומט פון דער יונג־בעניי־טער נאָרדישער ליטעראַטור; ער קומט פון דער נאָך זעהר יונגער רוסישער ליטעראַטור—וועלכע מאָנומענטאַלע ליטעראַטור־קאָלאָסען האָט ער שוין דאָרט געזעהן! ער האָט געזעהן אַ געוואַלטיגע פיגור ווי „בראַנד“, פון וועל־כע מען האָט טעג און וואָכען צו דערצעהלען, ער האָט געזעהן אַ מאָנו־מענטאַלע סקאַנדינאַווישע ראָמאַן־ליטעראַטור, ער האָט געזעהן וואונדער־ווערק פון שוועדען און נאָרוועגען. און אין אַ רוסלאַנד האָט ער זיך אומגע־קוקט און האָט געזעהן שוין גאָר אין דער לעצטער עפּאָכע אַזאַ קאָלאָס ווי אַ דאָסטאָיעווסקי—אודאי, נאָך אַזאַ דאָסטאָיעווסקי מעגען שוין קומען די יונגע און די יונגסטע און מעגען שוין אַרומבלאָנדזשען עטליכע צעהנדליגע יאָהרען און מעגען זיך שוין בעשעפטיגען מיט שפּיעלעכלעך און מיט פּרפּר־אות און מיט זוכען נייע פאָרמען און נייע אינהאַלטען. וואָס אָבער וועט ער זוכען ביי אונז? איז ביי אונז פאַרהאַן כאָטש איין מאָנומענטאַל־ווערק? וואו איז אונזער פאָלקס־עפּאָס? וואו, וועניגסטענס, האָבען מיר אַ ראָמאַן אין גרעסערען זין און אין גרעסערען מאַסשטאַב?

און דער דאָזיגער רייזענדער נעהמט זיין רויטען „בעדעקער“ אין די האַנד, קוקט נאָך, וואו עס שטעהט אַ שטערענדעל, און לאָזט זיך אַראָב אין די יודישע גאַס אריין. ער שטעלט זיך אָב פאַר אַ בענדעל מיט עטליכע צעהנדליגע סקיצען: די „שריפטען“ פון י. ל. פּרץ. אַלזאָ, דאָס איז דאָס גרויסע און געוואַלטיגע? אַלזאָ דאָס הייסט אין דער דאָזיגער גאַס גרויס

און געוואַלטיג? זעהט אַזוי, אוים דאָס איי, וועגען וועלכען די הוהן האָט געקוואָקעט אַ לאַנגן מעת־לעת?

ער הויבט אָן צו לייענען. יעדענפאַלס אַ טאַלאַנט, דאָס וועט קיינער נישט לייקענען. און אויך אַ גאַנץ אינטעליגענטער קאָפּ איז דאָס. די פאָרם נאָר וויל זיך איהם זעהר אָפט נישט איינגעבען. און אויך אומקלאָר איז ער אָפט. דאָס קומט אפשר, ווייל ער האָט דעם עהרגייץ, צו זיין דוקא דאָס, וואָס ער איז אייגענטליך נישט, און דעריבער פאָרסירט ער זיין שטאָף. אַזאַ „באָנציע שוויינ״, למשל, איז אַ שטיקעל דרוש פאַר אַרבייטערלייט און האָט אין זיך גאָרנישט קינסטלערישעס. אַזוי אויך איז דאָס „שטריימעל״, אייגענטליך, גאָר אַ שלעכטער וויץ פון דער צייט פון דער משכילים־אַפּיקורסות. אַנדערע זאַכען ווידער קומען פאַר אַזוי בעקאַנט: ענטוועדער אינ׳ם שטאָף אָדער אינ׳ם מאָטיוו. עס איז קלאָר: אייראָפּאַ האָט דעם דאָזיגען שריפטשטעלער מעהר געגעבען, ווי עס קען פון איהם נעהמען. דאַגעגען אָבער ווען ער קומט צו זיין אייגען וועלטעל און צו זיינע אייגענע שטאָפע, איז ער הערליך. אָט, למשל, איז אַ סקיצע „אַרבע מיתות—אַרבעה דורות״; עס איז איין אמת׳דיג קאַבינעט־שטיקעל. און דאַן די הסידישע מעשה׳לעך; מען קען זיי לייענען צוויי און דריימאָל: אַזאַ „צווישען צוויי בערג״, אַ „גלגול פון אַ ניגון״ אָדער „שהשמחה במעונו״. אויך אַ גרויסער טייל פון די „פאָלקסטימליכע ערצעהלונגען״ טרעפען זעהר אָפט דעם פאָלקס־טאָן און מען לייענט זיי מיט פערגניגען, אויבוואויל זיי בעזיצען נישט מעהר דאָס נאַאיווע, וואָס די דאָזיגע ערצעהלונגען האָבען אין זייער ערשטער קוועלע. דער לעזער בעמערקט צו אָפט דאָס געמאַכטע, און די אילוזיע פערשווינדעט און עס בלייבט איבריג אַ נאַרישע מעשה־נסים, אין וועלכער מען גלויבט נישט. יעדענפאַלס אָבער איז וועניגסטענס אַ גרויסער טייל פון זיי גאַנץ אָנגענעהמע ערצעהלונגען. דאָס איז אַלעס—ווען מען וויל עס מאַכען בקיצור. דער סך־הכל איז: אַ לירישע געמיט, צונויפגעפּאָרט מיט איין אינטעליגענטען קאָפּ, וועלכער איז געגאַנגען אין חדר אַריין ביי אייראָפּאַ.

לירישע געמיטע אָבער, צונויפגעפּאָרט מיט אינטעליגענטע קעפּ, וועלכע זענען געגאַנגען ביי אייראָפּאַ אין חדר אַריין, געפינט מען אין הונדערט ליטעראַטור־ווינקעלעך אין אייראָפּאַ. זיי זענען נישט די טאַטעס פון די ליטעראַטורען; זיי זענען נאָר די בעגלייט־ערשיינונגען.

וואו אָבער איז דאָס גרויסע אין אונזער ליטעראַטור ? וואו איז דאָס קאָלאָסאַלע ? וואו איז דאָס מאָנומענטאַלע ? ווען וועט שוין זיין ביי אונז א דיכטער, וועלכער זאָל אויך אייראָפּאַ עפּעס געבען און זאָל האָבען איין איינפלוס אויף דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ?

איך וואַרט נישט, מען זאָל מיר ערקלערען די אורזאַכען, פאַרוואָס דאָס איז ביי אונז נישט פאַרהאַן. אָ, איך וויים גאַנץ גוט דאָס ליעדעל פון די לעבענס־בעדינגונגען, און וועלכעם פאָלקס־לעבען עס געהערט דערצו, ביז עס קען אַרויסגעבראַכט ווערען דאָס ערשטע עכט־גרויסע. פאַרוואָס אָבער איז מען נאָך אַזוי פערשוואַרצט, אַז ווען פערשטאָפּטע קעפּ זעהען קוים די ערשטע שטופּע, שרייען זיי שוין, אַז דאָס איז אַלער־אַלער־העכסטע ? פאַרוואָס, אַז ווען מען זעהט די ערשטע אָנפאַנגע פון עפּעס ווי־עס־איז א טאַלאַנט, וואָס היינט לייענט מען איהם און מאָרגען פערגעסט מען שוין, מאַכט מען שוין געוואַלטען, אַז דאָס איז לנצח־נצחים ? און פאַרוואָס, ווען מען מאַכט אויף אַזעלכע נאַרישקייטען אויפמערקזאַם, האָט מען נאָך די העזה נישט דאַנקבאַר צו זיין ?

איך ווייס שוין גאָר נישט, דורך וואָס פאַר אַ זיידען טיכעל איך זאָל רעדען פון זיי, אום גאָר נישט צו מוזען הערען באַלד, אַז איך האָב געזידעלט און בעליידיגט. מען איז עפּעס געוואָרען ביי אונז אַזוי עמפּינדליך, אַז קוים האָלטסט דו נישט אין איין מיטשפּרינגען מיט די אַנדערע „קדוש, קדוש, קדוש!" האָסט דו שוין אַ פערברעך בעגאַנגען קעגען דעם הייליגען גייסט מיט זיינע בנים יחידים, און מען זאָגט דיר שוין: דו ביסט טאַלאַנטלאָז, דו ביסט באַנאַל, דו ביסט דער איינגערעדטער מאָנאָפּאָלירטער אייראָפּעער, דו ביסט אויסגעדראָשען, דו ביסט אַ זידלער, דו ביסט אַ מאַרק־פּאָלעמיקער, דו ביסט אַ מאַרק־וועַרטערזאָגער וכו' וכו'—און דאָס, נאַטירליך, הייסט נישט געזידעלט; דאָס הייסט, גלאַט אַזוי, זיך פריינדליך בעגריסט. אָ, איך קען די דאָזיגע טאַקטיק נישט פון היינט אָן! נישטאָ קיין איין טאַלענטלאָזער, קיין איין אויסגעדראָשענער וכו' וועלכער זאָל זי שוין נישט האָבען געברויכט. עס פעהלט נאָר נאָך, אַז דער דאָזיגער שרייבער זאָל מיר זאָגען: הער טאַלענטלאָזער, הער באַנאַלער, הער מאַרק־וועַרטערזאָגער, הערר בטלן, וועט ער שוין זיין גאָר איינגאַנצען אין אָרדנונג. עס וועט דאַן זיין די ריינסטע סאַלאָן־שפּראַכע און מיט העַנטשקעלעך. איך, דאַגעגען, וועל האָבען געזידעלט. מילא זאָל זיין אַזוי—וועל איך דעריבער אויפהערען צו רעדען? נאָר נאָך איינמאָל וויל איך פּרובען, אין אַלגעמיינע שטריכען צו ערקלערען מיין שטעלונג, בעפאָר איך וועל אַריבערגעהן צו די איבעריקע פון אונזערע ליטעראַטען. אפשר וועט מען מיך ענדליך פערשטעהן.

קליינע זענען זיי, און אַלס אַזעלכע בעטראַכט, אַלס קליינע, זענען זיי אָפט גאַנץ סימפּאַטיש און גענוג טאַלענטפאָל. דאָס אומגליק הויבט זיך אָן אָט דאָ, ווען מען וויל די דאָזיגע קליינע אויפבלאָזען אויף גרויס און זיי מאַכען דורכאויס פאַר ליטעראַטור־עלעפאַנטען; דאָס איז שוין דער סימן פון תמיד אָן פון יעדען קליינעם און אומגליקליכען פעלקעל. יעדעם קליינע

אומגליקליכע פעלקעל, אום צו געבען פון זיך ווי עס איז א לעבענס־צייכען, געהמט אבי וואָס פאר א טאַלענטעל און מאַכט דערפון באַלד א זשעני— און קומט דאן עמיצער און וואָרענט פאר אזעלכע נארישקייטען און לאָזט דערצו נישט צו, זאָגט מען איהם באַלד, אז ער האָט „געזידעלט” און האָט פערשוועכט די הייליגקייט און האָט מחלל געווען דעם גאַנצען שבת־קודש פונ׳ם זשעני. דען אויך דאָס געהערט צום סימן פון דער קליינליכקייט און אומגליקליכקייט פון א פאָלק.

איך האָב — זאָגט איהר — גאָר קיין נייעס אייך נישט אויפגעטון ? נישטאָ — זאָגט א הערר נאָמבערג—קיין איין טאַלענטלאָזיגקייט, וועלכע זאָל שוין נישט האָבען צעהנמאָל ארויסגעזאָגט די דאָזיגע פראַזע, אז ס׳איז נִיט דאָ ביי אונז קיין ראָמאַנען און פארהאַן נאָך סקיצען ? מילא, זאָל זיין נישט קיין נייעס, אבי איין אמת. איבריגענס, האָט דער דאָזיגער הער ענט־ווערער זיך נישט איינגעהערט, וואָס מען רעדט, אָדער ער פערדרעהט בכיון דעם זין. איך רעד גאַרנישט דערפון, וואָס מיר האָבען קליינע און וואָס מען שרייבט און מען פיהלט ביי אונז נאָר קליין און ברעקעלדיג, שאַנד און נישט קיין זינד ; די עבירה און דאָס נארישקייט הויבען זיך ערשט אָן דער־מיט—און דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב געזאָגט און אונטערגעשטרי־כען—וואָס איהר קומט און רעדט זיך איין און ווילט איינרעדען אַלעמען, אז דאָס קליינע איז גרויס און אז די סקיצע איז שקול כנגד א ראָמאַן. דער נארישער שאָוויניזם, וועלכער איז געגענביי אפילו עהרליך געמיינט אויך נישט דער איז עס, וואָס איז מיר עקעלדיג. פרץ האָט אָנגעשריבען א ניש־קשה׳דיג פאָלקסטימליך מעשה׳לע—איהר אָבער קומט באַלד און רעדט דער־פון ווי פון א „פאוסט”. איהר רעדט באַלד פון אונשטערבליכקייט און איי־ביגקייט. איהר פערשטייניגט באַלד, ווען מען וויל זיך צוריהרען צו אזא קדושה מיט דער בלויזער האַנד און אָהן טלית־קטן. אָט דאָס איז עס. און אזוי לאַנג ווי איהר וועט מיר נישט אויפהערען מיט אזעלכע עקעלדיגע נארישקייטען, וועל איך רעדען און רעדען. עס וועט אייך גאָר נישט נוצען אייער נישט זידלען זיך און אייער נאָר זאָגען מיר : בטלן, ע־בע־מע טאַלאַנט־לאָזער, באַנאַלער, מאָנאָפאָלירטער, איראָפּעער, אויסגעדראָשענער, מארק־פאָלעמיקער, „היינטישער„ שרייבער און אזוי ווייטער. איך קען די דאָזיגע קונץ־שטיקלעך שוין זייט עטליכע צוואַנציג יאָהר. איך בין צו זיי געוועהנט.

נישטאָ קיין איין „טאַלאַנטלאָזיגקייט”, וועלכע האָט מיך נישט צו פערשיעדע צייטען אַזוי בעהאַנדעלט.

איבריגענס, איז דער דאָזיגער דרך פון'ם דאָזיגען הערר'ן נאָמבערג, אַרויסצורייסען פון'ם געזאָגטען איין איינצעלנע פראַזע און זי פאַלש אויס־צולעגען, נישט ניי פאַר מיר. צום ב"ש, וויל ער אַלץ עטליכע מאָל שוין איינרעדען זיינע לעזער, אַז איך האָב איהם אויפגעוואָרפען: ער שפּיעלט אין ביליאַרד, ער לייהם זיך 40 קאָפּ. ער עסט ז'אַזי אַלאַ־געלסאָן, און איהם ווילט זיך באופן זה ווערען אַ קדוש. ניין, דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט און דאָס האָב איך נישט געקענט זאָגען. דאָס וואָלט זיין אַ נאַריש־קייט פון מיר, און אַ נאַר ווילט זיך מיר גאָר נישט זיין. איך האַלט עס גאָר נישט פאַר קיין עולה אַז אַ מענש שפּיעלט און עסט וכו'. איך האָב נאָר גערעדט פון דעם כאַראַקטער פון'ם מהיכא־תיתי־מענש און ווי אַזאַ מענש שטעהט און געהט און רעדט און ווי ביי אַזאַ איינעם איז רעכט צו רעדען אין איין אָטעם פון נאַציאָנאַליזם און פון אַ ביפשטעקס, פון טשערנאָוויץ און פון אַ ביליאַרד, פון פרצ'ען און פון 40 קאָפּיקעס, און אַז אייגענטליך געהט איהם דער נאַציאָנאַליזם אַזוי וועניג אָן, ווי דער ביפשטעקס און ער האָט בשעת מעשה ביידע גאָר נישט אין זין. אַלזאָ, נישט דער נאַציאָנאַ־ליזם אַליין פאַר זיך און נישט דער ביפשטעקס אַליין פאַר זיך איז דער סימן פון'ם מהיכא־תיתי־מענש, נאָר דאָס, וואָס ביידע צוזאַמען געהען איהם אַרויס פון מויל אין איין אָטעם; אַלעס איז איהם טרין־טראַווא, אַלעס איז איהם מהיכא־תיתי. אַזאַ איינער איז אַ גאַנץ גוטער געזעלען אין דער ווערקשטאַט פון אַ רעדאַקציע: ער איז צו אַלעם צו געבווירען. אַ כאַלעווע — אַ כאַלעווע, אַ קלאָץ פון אַ שטיוועל — אַ קלאָץ פון אַ שטיוועל, ברויכסט אַ לייטאַרטיקעל פון פאָרענט, זאָל זיין פון פאָרענט, ברויכסט איהם הינ־טען, זאָל זיין הינטען; ברויכסט טשערנאָוויץ, זאָל זיין טשערנאָוויץ, ברויכסט העברעאיש, זאָל זיין העברעאיש; ברויכסט פילאָזאָפיע, זאָל זיין פילאָזאָפיע, ברויכסט מוסר, מהכא־תיתי זאָל זיין מוסר. אייגענטליך איז אַזאַ מענש אַ גאַנץ נוצליכער געגענשטאַנד, און איך האָב גאַרנישט געגען איהם; עקעלדיג ווערט ער מיר ערשט, ווען ער הויבט פּלוצלונג אָן צו רע־דען פון הייליגקייט און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איהם איז פּלוצלונג עפּעס אַ זאַך הייליג געוואָרען. איך האָב אויך קעגען אַ געוויסען סאָרט פּרויען־

צימער גאָרנישט, און נאָר ווען זי הויבט פּלוצלונג אָן צו שרייען געוואַלד, מען האָט איהר נעבעך פעליידיגט איהר צניעות־געפיהל און איהר אונשולד, מוז איך מיך צוהאַלטען די אויערן. דער הערר נאָמבערג האָט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז איך האָב גענומען די פיגור פון הערדן פריץ, פונ'ם דאָזיגען נאַציאָנאַל־העלד, וואָס מען טאָר נישט דערמאָהנען זיין נאָהמען אומגעוואַשען, און האָב זי אַנידערגעשטעלט אין מיטען גאַס.

שאַ, שאַ, מאַכט נישט קיין געוואַלטען. איך האָב זי אַנידערגעשטעלט אין מיטען גאַס? וואַרט אויס אַ מינוט, איך וועל מיר וואַשען די הענד און וועל זי מיט אַ זיידען טלית'ל אַנגעהמען און צוריקשטעלען אין איהר אָרון־קודש אריין. נאָר לאָזט מיך צו רוה. און ווילט איהר גאָר, וועל איך מאַכען ווי די סרני פּלשתים און וועל נעהמען פינף גאָלד־עפּולים אָן פינף גאָלד־מייז און וועל אייך אָבגעבען אייער כבוד און וועל אייך אויף אַ נייעס וואָגען צוזאַמען מיט צוויי יונגע קיה אומקעהרען אייער היילגים: למען השם, נאָר נישט קיין קריטיק, נאָר נישט קיין הויך וואָרט; דאָס טאָר מען נישט און דאָס קענט איהר נישט לײדען. עס קען, חס ושלום, אייך מאַכען אַ שטריך פון אייער חשבון פון דער „רענעסאַנס פון יודיש”. איהר האַלט דאָך עפּעס אין אַ אויפבויען. נו, אדרבא, זאָגט אַליין, זענט איהר נישט קיין נאַרען?

אוי, ווי טיעף מיר זענען געפאַלען! וועלטען קעהרען זיך איבער, פעלקער געהען אונטער און לענדער ווערען בענייט, נאַטור־געהיימניסען ווערען אויפגעדעקט און געוואַלטיגע אידעען רוישען דורך די לופט, ערפינדונגען ווערען געמאַכט און דער מענשליכער גייסט שטרעבט צום גרויסען און צום גרעסטען און צום לעצטען געהיימניס, דאָס גליק ווערט געזוכט און דאָס ענדליך גוטע — און ביי אונז דרעהען זיך אַרום אַ מנין בחורים, זיצען אין די קאַפּע־הייזער און רויכערען פּאַפּיראָסען און האָבען נישט קיין איינציגען ערנסטען געדאַנק אין די מוחות און האָבען נאָר צו טראַכטען וועגען אַ טוץ סקיצען און וועגען זייער גרויסען „טאַלאַנט” און וועגען אַ נייער חברה און וועגען אַ מין בעשעפעניש, וואָס הייסט „קונסט”, און וועגען אַ רענעסאַנס פון יודיש. און דאָס איז זייער גאַנץ וועלטעל און ווייטער גאָרנישט. און זיי ווילען נישט וויסען, אַז זיי זענען נאָר אַ מנין בחורים, און אַז דרויסען וויל קיין מענש פון זיי נישט וויסען און קען פון זיי נישט

ווייסען, און אַז דאָס איז נישט אַלעס, און אַז דרויסען איז דאָס לעבען און געהט זיך זיין וועג, און אַז ס'איז נאָך פאַרהאַן עפּעס אַ וועלט אַ גרויסע חוץ אַ סקיצע און חוץ אַ חברה־מאַכען—און דאָס זענען אונזערע ליטעראַרי־שע פאַרשטעהער, אוי, ווי טיעף מיר זענען געפאַלען!

פון אַלע אונזערע היינטיגע ליטעראַטען געפעלט מיר נאָר איינער — און אויך דער געפעלט מיר נישט. דאָס דאָזיגע וואָרט געהערט אייגענט־ליך נישט מיר; עס איז נאָר די פּאַראָדיע פון'ם בעקאַנטען פּאַראַדאָקס פון פילאָזאָף העגעל, וועלכער האָט געזאָגט: „פון אַלע מיינע תלמידים האָט מיך נאָר איינער פערשטאַנען, און אויך דער האָט מיך נישט פערשטאַ־נען". איך רעד פון שלום אַש.

מען קען וועגען איהם טראַכטען, וואָס מען וויל; ער איז יעדענפאַלס דער בעדייטענדסטער פון אַלע. העכער, גאָר נישט צו פערגלייכען העכער, שטעהט זיין טאַלאַנט פון'ם טאַלאַנט פון י. ל. פּרץ. פּרץ איז אפשר דער אינטעליגענטערער פוןביידע, האָט מעהר גייסט, האָט אין זיך איין עפּעס, וואָס איז פיינער, האָט מעהר קולטור, האָט מעהר ליטעראַרישען אריסטאָ־קראַטיזם; דאַגעגען אָבער איז אַש די געזונטערע נאַטור, זעהט בעסער און מעהר, איז מעהר טעכניקער, איז מעהר קינסטלער. פּרץ איז נעבעלדיג, זיינע פיגורען האָבען קיינמאָל נישט קיין בעשטימטע אומריסען, אַלעמאָל שווימען זיי, אַלעמאָל ציהען זיי זיך ווי וואָלקענס, זיינע מעשיות זענען אויס געקליגעלטע, אַלעמאָל זענען זיי אַבסטראַקט, אַלעמאָל האָבען זיי דאָס גע־מאַכטע; אַש דאַגעגען, איז קלאָר און דורכזיכטיג, זיין פיגור איז על־פּי־רוב אַ געזעהענע, זיין אינהאַלט איז געוועהנליך איין אינהאַלט פון דרויסען מיט דעם נייטיגען אַקאָמפּאַנימענט פון איין אינערליך לעבען. אַש איז נאַטירליכער און דעריבער איז אויך זיין פּאָעזיע די אמת'ערע. דערצו קומט נאָך צו ביי אַש'ן אַ נשמה, אַ גאַנצע מענגע פון געמיט, אַ גאַנצע וועלט פון ווייכקייט. זיין טאָן האָט אין זיך אָפט עפּעס פון אַ קדוש־זאָגען פון איין אָרעמען יתום. די שלעכטע זייט דערפון איז, אַז ער פאַלט דאַדורך אָפט אריין אין דאָס סענטימענטאַלע!

האָט מען געלייענט די קליינע מעשה'לעך פון אַש, וועט מען אַ גרויסען טייל פון די פיגורען געדענקען, דען מען האָט זיי געזעהן. זיצט דער

קרעמער מאָנדרעק „אין דער וואָך" און רעדט פון דאָרט אַרוים מיט זיין זוהן וועגען די קונים אין'ם מאַרק־טאָג און רעדט מיט דער מאָנדרעקאָווע און רעדט מיט'ן בני־בית וועגען אַ וועקסעלע—זעהט מען פאַר זיך די פיגורען. קומט די מויד מיט די רויטע עפּעל אויף אַ בערלינקע צו פאָהרען אויף דער וויכסעל און דער יונג פּשאָרעק גנב'עט זיך ביינאַכט אַהין אַריין און גנב'עט צו ביי דער מויד איהר טייערסטען אוצר מיט איהר ידיעה און דער־צו נאָך גנב'עט ער די רויטע עפּעל און טענה'ט אַלץ: „עס האָט נישט גע־לוינט" (אַ וואַריאַציע צו היינעם „ראַמפּסעניט")—זעהט מען די פיגורען. קומט דער סאָלדאַט אויף „איינקוואַרטירונג" צום שניידער און מען זיצט פרייטאָג־צונאַכטס און עס קומען געסט און מען עסט באַניע־קערן און מענ־דעל דער שניידער פרעגט דעם סאָלדאַט אויף „רוסיש", צי וועט זיין מלחמה—קען מען דעם סאָלדאַט און מ'קען דעם שניידער און מ'קען אַלעמען, אין אַלע די דאָזיגע סקיצען און אין צעהנדליגע אַנדערע ווייזט אַש, אַז ער קען טיפען און וויים צו דערצעהלען. נאַטירליך, עפּעס גרויסעס און טיעפעס זאָל מען פון איהם נישט דערוואַרטען.

די פּראָבע צו עפּעס גרעסערס און טיעפערס האָט ער געמאַכט אין זיין „שטעדטעל". זעלבסטפערשטענדליך, גרויסעס און טיעפעס איז אויך דאָ נישט אַרויסגעקומען, דערפאַר אָבער איז עס געוואָרען אַ בענדעל מיט עטליכע הערליכע סקיצען, וועלכע הענגען אַלע מעהר אָדער ווייניגצוזאַמען. אפשר דאָס ערשטע און איינציגע ביכעל אין זשאַרגאָן, וועלכעס קען אַלס אַ יודישע פּאָעמע בעטראַכט ווערען. עס האָט געמיט און שטימונג. דאָס גאַנצע „שטעדטעל" איז ווי איינגעטונקט אין צניעות, און נישט־ווילענדיג מוז מען זיך דערמאָהנען אָן היינעס „פּרינצעסין שבת". עס ווייזט דאָס יודישע גליק אין זיין גאַנצער איינפאַכקייט: אַ ביסעל געשעפט, אַ ביסעל פאַמיליע און אַ ביסעל רעליגיע. עס איז דער יוד, ווי ער איז ריין מענש־ליך אויפגעפאַסט. מען טאָר אָבער אויך פון אַזאַ ביכעל נישט צו פיעל פער־לאַנגען. דער פערפאַסער גיט נאָר דאָס, וואָס ער קען—און דאָס גיט ער עהרליך.

פון דאָ אָן הויבט זיך אָבער אָן די ירידה פון שלום אַש. ער האָט געהערט די ערשטע קאָמפּלימענטען וועגען זיך — און ער האָט נישט גע־קענט עומד בנסיון זיין. ער האָט געמיינט, ער איז אַ „גרויסער"—און האָט

זיין שען טאַלענטעל בידים אונטערגעגראַבען. ער האָט גענומען זינגען פאַלש, און האָט זיין אייגענע שטימע כּמעט אינגאַנצען רואינירט. איך האָב מורא, אַז ווען אַש זאָל יעצט אוועקגעוואָרפען אַלע זיינע נאַרישקייטען און זאָל זיך אומקעהרען צו זיין איינפאַכער שענער און האַרציגער סקיצע, וועט ער דעם טאָן נישט מעהר טרעפען. ער האָט צו פיעל און צו לאַנג ליטעראַריש ליגענד געזאָגט אין זיינע „דראַמען"; ער האָט צו פיעל און צו לאַנג „געקריסטעלט" אין זיינע נייע צייטונגס־מעשה'לעך, אום צו געפעלען גוים און אום נאָכצומאַכען אַנדרעיעוו'ן און אום מקיים צו זיין מצות קריסטליך־מיסטישע שטרעמונג, וועלכע איז יעצט אין דער מאָדע. אַזעלכע מעשים זענען זיך נוקם. איך וויל נישט שטעקען אין דער הויט פון אַש'ן, ווען ער וועט קומען אַמאָל צו בעוואוסטזיין און וועט פּלוצלונג ווי־סען, וואָס ער האָט געטון. פערשאָלטען מעגען זיין די מענשען און די אומ־שטענדען, וועלכע האָבען איין אונערפאַהרען טאַלענטעל פערפיהרט!

אַש שרייבט דראַמען. איך וויל שוין גאָר נישט רעדען פון דעם נישט־דראַמאַטישען אינ'ם וועזען פונ'ם גאַנצען אַש און אַז זיין דראַמאַ קען שוין לכתחלה ניט זיין קיין דראַמאַ. ווען אַ נישט־דראַמאַטישער שרייבט אַ דראַ־מאַ, איז דער ערשטער פּועל־יוצא דערפון, אַז די פיגורען זענען ליגענס. אַש קען נישט אַנדערש, ווי נאָר זעהן פּאָעזיע אין מיידלעך פון אַ גוט הייזעל, און האָט שוין נישט וואו אַנדערש צו בעשרייבען די שענע סצענע פון אַ פריש שמעקענדיג זומער־רעגענדעל בייגאַכט און זיין ווירקונג אויף איי־דעלע נשמות, ווי נאָר ביי די געלעגענהייט פון די דאָזיגע מיידלעך פון יע־נעם הייזעל. אַש ווייסט שוין נישט וואו אַנדערש צו פּאַקען אַ יוד, וועלכער קריגט זיך מיט גאָט און וואַרפט איהם אויף זיין תאוה צו נקמה און פי־לאָזאָפירט וועגען דער תורה, ווי נאָר דער טאַטע פון אַזאַ הייזעל. אַש האָט שוין נישט פון וועמען אַנדערש צו לאָזען שרייבען אַ ספר־תורה און צו מאַכען אַ חינוך התורה, ווי נאָר פון אַזאַ פּאַרשוין, און געהט דאָן און ווייזט דאָס דאָזיגע גוים און רעדט זיי איין, אַז דאָס איז יודיש לעבען. דאָס שרעקליכסטע איז, וואָס אַש אַליין פיהלט נישט מעהר דעם גרויסען ליגענד; און ווען דו מאַכסט איהם אויפמערקזאַם אויף דעם לעבערליכען פון דער גאַנצער מעשה, האָט ער נאָר איין תשובה: דאָס טעאַטער פון קאָמיסאַר־שעווסקאַ האָט דאָס געשפּיעלט, דירעקטאָר ריינהאַרדט פונ'ם „דייטשען טעאַ־

טער״ האָט דאָס שטיק אויפגעפיהרט. איז אַש אַזוי נאַאיוו און ווייסט נישט, אַז מענשען זוכען געשעפטען, און זאָל עס זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי ח״י צום לעבען? אפשר וועלען די דאָזיגע הערען, וועלכע יאָגען זיך ביי אונז אַזוי שטאַרק נאָכ׳ן כבוד, צו ווערען „אויפגעפיהרט״, ענדלעך יעצט פער־שטעהן, וויפיעל דער דאָזיגער כבוד איז ווערט, ווען זיי וועלען זעהן, אַז רוסיש איבערגעזעצט און אויפגעפיהרט ווערען יעצט אפילו יעקב גאָר־דינס שטוקעס, און אַז דייטש איבערגעזעצט און אויפגעפיהרט אינ׳ם „דייט־שען טעאַטער״ ווערען אויך אַזעלכע שטוקעס ווי פון אָסיפ דימאָוו און דוד פינסקי. עס וועט מסתם גאָר נישט מעהר לאַנג דויערן, און עס וועט ווע־רען דייטש און רוסיש איבערגעזעצט און אויפגעפיהרט אויך דער „קאַטאָר־זשניק״ פון שמ״ר אָדער „דודס פידעלע״. די צייט איז יעצט אַזעלכע. פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבען. און וועגען אַזעלכע נאַרישקייטען לוינט עס, אַ טאַלאַנט בידים צו רואינירען?

אַש האָט גע׳פועל׳ט ביי זיך, אָנצושרייבען אַ שטיק ווי „שבתי צבי״. דורכצופיהרען די גרונד־אידעע—שבתי צבי מיט דער תורה פון איין זייט און זיין ווייב מיט איהר אויסגעלאַסענקייט פון דער אַנדערער זייט און ווי די דאָזיגע ביידע פרינציפען קעמפפען מיט אייגאַנד און ווי דאָס פאָלק געהט צום סוף נאָך איהר און נישט נאָך אים—דערצו האָט אים, נאַטירליך, אויס־געפעהלט איינפאַך די נויטיגע דראַמאַטישע קראַפט. דאָס שטיק איז אַרויס־געקומען נאָר איין אויסשטאַטונגס־שטיק, בערעכענט לכתחלה פאַר דאָס ריינהאַרדט׳שע „דייטשע טעאַטער״ מיט זיינע אויפפיהרונגס־קונצען. שבתי צבי איז אַרוים עפּעס אַ פּוילישער מגיד, די צוועלף תלמידים—אַ ביסעל קריסטליך זכר לחורבן—צוועלף פוילישע מלמדים; און דאַן צוויי לבנה־בלאַסע מיידלעך מיט לבנה־בלאַסע ווערטער, גאַנץ אינ׳ם גייסט פון אָסקאַר אואיילד און דאָך נישט אָסקאַר אואיילד; עס פעהלט דער כח. און דאָס גאַנצע איז עפּעס גלאַט אַ טויט־געבוירען קינד. אַש האָט דאַן גע׳פועל׳ט ביי זיך אָנצושרייבען איין „אַמנון ותמר״: געשוואָלענע ביבעל־מליצות און מיט אַ פאַלש־נאָכגעמאַכטע ביבעל־שפּראַך אויף פשאַרגאָן, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין. און צום סוף האָט ער אָנגעשריבען אויך דעם „יחוס״—דאָס אונמעגליכסטע וואָס מען קען זיך דענקען אַלס דראַמאַ. איך

האָב שטאַרק מורא, אַז ווען אַש וועט זיך וועלען יעצט אומקעהרען, וועט ער נישט טרעפען מעהר צו זיך אַהיים...

אָה, וויפיעל קרבנות האָט שוין דאָס דאָזיגע אומגליקליכע נאַרישע טעאַטער אונז געקאָסט! עפּעס ווי אַ מהומה איז אָנגעפאַלען אויף גרוים און אויף קליין. אַ פערפיהרעניש איז געוואָרען. דער ליץ האָט זיך בעוויזען אין ציהט און ציהט צום זומפּ. ער טאַנצט אונטערוויילעכץ—און זיי געהען און פאַלען.

אויף גרויס און אויף קליין. אויך י. ל. פּרץ האָט אוועקגעוואָרפען זיינע שענע חסידישע מעשה'לעך און האָט זיך פּלוצלונג, שוין גאָר אין די שפּעטערע יאָהרען, גענומען צו דראַמעס, ער שרייבט ווי אויף להכעיס און אין איין פייער. ער שרייבט און מעקט און אַ דראַמאַ מוז זיין. וועט עס שוין נישט ווערען אויפגעפיהרט אין אַ קאָמיסאַרזשעווסקאַ אָדער אין „דייטשען טעאַטער", זאָל עס כאָטש געשטעלט ווערען אויף אַ יודישע ביהנע. וועט שוין נישט דער „רעטש" אָדער דאָס „בערלינער טאַגעבלאַט" ברענגען די רעצענזיע, זאָל וועניגסטענס די יודישע צייטונג זי שרייבען. ווי מעכטיג מוז זיין דאָס דאָזיגע פערפיהרעניש, אַז עס מאַכט בלינד זעענדיגע און מאַכט נאַריש אפילו קלוגע!

V

וואָס איך קען אונזערע ליטעראַרישע רעדעלפיהרער נישט מוחל זיין, דאָס איז די קאָמעדיע, וואָס זיי שפּיעלען מיט די ווערטער „יונג" און „אַלט". אוי ווי גיך ווערט מען ביי אונז „אַלט"! מיט דרייסיג, מיט עטליכע דרייסיג יאָהר, ווערט מען שוין אַריינגעלעגט אין דעם ליטעראַרישען „מושב זקנים"! עפּעס איז דאָס „יונג" געוואָרען ביי זיי אַ טיטעל — גלאַט אַזוי, אַ קאָנטערמאַרקע צום אַריין און אַרויסגעהן אין זייער חברה'לע. שטעהט אָבער איינער מחוץ לחברה און האָט ליעב אַרבייט פון זיין אַרבייטס־טיש און האָט קיין געדולד און קיין צייט נישט פאַר זייערע פּוסטע תורות: פאַר קאַפע־הויז־שמועסען, פאַר חקירות וועגען רענעסאַנס, פאַר גענענזייטיגע אָנבעטעריי און ליטעראַרישע געצענדיענעריי, גיט מען זיך מיט אַזאַ איינעם אַן עצה: מען פּסקנ'ט איהם אָב קורץ און שאַרף מיט'ן ווערטעל „אַלט". אמת, אַז אַ 70־יעהריגער קען אָפט זיין נאָך יונג און, דאַגעגען, אַ 30־יעהריגער שוין אַלט—געגען דעם האָב איך גאָרנישט; דאָס קען שוין גאַנץ גוט מעגליך זיין. דער עקעל הויבט זיך נאָר אָן דאָ, וואו דאָס גאַנצע ווערט שוין ווידער נאָר אַ נאַרישע שוואַרץ־קינסטלעריי מיט ווערטער—אַ מין פערטיילען פון עליות און כיבודים דורך אונזערע ליטעראַטור־גבאים. אין אַנדערע ליטעראַטורען הויבט זיך אָן דאָס בעסערע טאַלענט מיט דרייסיג יאָהר, ביז פערציג ענטוויקעלט עס זיך, פון דאָ אָן און ווייטער ווערט עס רייף און רייפער און עס בעווייזט זיינע וואונדער. ביי אונז, דאַגעגען, וואו אַלעס איז אייגענטליך דרייסיג אָדער פערציג יאָהר אָבגעטון און אַריינגעוואָרפען צו די שברי־כלים. טאַלענט און יונג הייסט מען נאָר ביי אַ יאָהר צוואַנציג אָדער פינפאונצוואַנציג. אָפט זעהען מיר די טרויעריגע ערשיינונג, אַז אַ פערדיענסטפולער ליטעראַט, וועלכער איז אַלט און מיעד, מורא האָבענדיג, ער זאָל, חלילה, גאָר נישט אַרויסקומען אוים דער מאָדע, לאָזט, זיך איינשפּאַנען אין דעם לייטער־וואָגען פון דער חברה און בריקעט מיט די פים און הירזשעט אויפ'ן קול און מאַכט קאָזשאָלקעס מיט די לעצטע כוחות

צוזאַמען עם כל הנערים — אום נאָר אַרויסצובעקומען דעם אַליעה־ליבען נייעם אַטעסטאַט „יונג״.

וואָס איז אייגענטליך יונג? וואָס איז טאַלענט?

יונג און טאַלענט זענען איינס צום אַנדערען אָפט אַזוי עהנליך, אַז מען קען זיי אַזש פערוועקסלען. אָפט איז עס נאָר דאָס יונג־זיין און יוגענד־ליכער איבערמוט און דאָס פייערווערק פון די יונגע ווילדקייט—און מיר האָבען אַ טעות און מיינען, אַז דאָס איז טאַלענט. אייגענטליך איז יעדער יונגער מענש אַ טאַלענט. קומט צו מיר אַ יונגער מאַן און ווייזט מיר זיין פע־קעל ליעדער אָדער זיינע ערצעהלונגען, און זיי געפעלען מיר זאָגאַר, איז נאָך אַ פראַגע, אויב דאָס איז אַ טאַלענט אָדער גאָר אַ יוגענד. אפשר וועלען עס וועלען פאַרביי די ערשטע פינף־זעקס יאָהר, דער שוים פון דער יוגענד וועט אַראָב, דאָס רוישען און רעש׳ן פונ׳ם יונגען בלוט וועט זיך איינשטילען,— אפשר, זאָג איך, וועט פון דעם גאַנצען נישט איבריג בלייבען קיין שריד ופליט. דאָס איז דער סוד, וואָס מיר זעהען, אַז אַזוי פיעל „טאַלענטען״, וועלכע האָבען אַזוי הויך אָנגעהויבען, זענען מיט דרייסיג יאָהר שוין גע־וואָרען אוים און זענען געוואָרען פראָסטע בן־אדם׳ס. אָפט בלייבען זיי ביי דער מלאכה אויך שפּעטער נאָך, נאָר ווייל זיי האָבען אינצווישען זיך איינ־געאיבט און האָבען אַ פאַרטיג אומנות און ווילען זיך אַליין נישט מודה זיין דעם אמת. דאַגעגען, וואָס איז איין אמת׳דיג טאַלענט? איין אמת׳דיג טאַ־לענט איז אַזאַ איינער, וואָס איז גאָר נישט אָבהענגיג פון די יאָהרען און האַלט פון יאָהר צו יאָהר אין שטייגען און געפינט זיך פון יאָהרצעהנט צו יאָהרצעהנט אין ענטוויקלען זיך; איינער, וואָס זיין טעמפּעראַמענט לאָזט נישט אָב נאָך די ערשטע פינף אָדער צעהן יאָהר, נאָר אומגעקעהרט, עס ווערט שטאַרקער און קרעפטיגער; בקיצור, איינער, וואָס האָט די געטליכע גאָבע, צו בלייבען לאַנג, אונענדליך לאַנג, יונג. ווען איך וואָלט וועלען פאַר די דאָזיגעביידע בעגריפען געבען אַ בעשטימטע פאָרמעל, וואָלט איך זאָ־גען אַזוי: יונג—דאָס הייסט די גאָבע, צו זיין אַ טאַלענט אין אַ משך פון נאָר אַ פינף־זעקס יאָהר. און געהט די דאָזיגע צייט פאַרביי, פערשווינדען ביידע; טאַלענט—דאָס הייסט די קראַפט, צו זיין און צו בלייבען יונג ביז צו זיבעציג יאָהר. איז מען איין אמת׳דיג טאַלענט, איז גאָר נישט שייך צו זאָגען, מען איז אַלט געוואָרען. ווערט אַזאַ איינער פאָרט אַמאָל אַלט,

איז עס אַ קראַנקהייט ווי טויזענד אַנדערע צופעליגע קראַנקהייטען. נאָך אַ מאָל: יונג־זיין — דאָס איז דאָס טאַלענט־זיין אויף אַ קורצע צייט; טאַ־לענט־זיין — דאָס איז דאָס יונג־זיין אויף אייביגע יאָהרען.

האָבען אונזערע פלוידערזעק, וועלכע פלוידערען אַזוי פיעל וועגען יונג און אַלט, געפּרובט אַמאָל אַ קלער געבען אין די דאָזיגע בעגריפען? און ווען זיי טיילען אַרום זייערע כיבודים און זענען מכבד אויף רעכטס און אויף לינקס דעם מיט „יונג" און דעם מיט „אַלט", האָבען זיי אַמאָל די טונקעלע אַהנונג, ווי לעכערליך זיי מאַכען זיך אין די אויגען פון דעם, וועל־כער ווייס, וואָס דאָס איז, און וועלכער האַלט אין זיין האַנד דעם לעבע־דיגען מאַסשטאַב?

מילא, פלוידערזעק — זאָלען זיי זיך געזונדערהייד אויספלוידערען; סוף כל סוף איז דאָס אומגליק נישט אַזוי גרויס, וועט זייער צייט פאַריבער־געהן, וועט אַלעס פערגעסען זיין: זיי אַליין און זייערע הויכע פראַזען און זייערע רענעסאַנסען און זייער חברות־מאַכעריי און זייער ליעבע און זייער שנאה און זייער לויב און זייער טאַדעל. זאָלען זיי זיך שפּיעלען דערוויל, ביז גאָט וועט זיי צושיקען איין אַנדער שפּיעלכעל. איבריגענס, קען מען זייער פּזמון שוין געננוי: רעדסט דו וועגען רענעסאַנס פון יודיש, ביסט דו יונג, זיצסט דו האַלבע נעכט מיט אַ פּוסטען נעבעל אין קאָפּ אין די קאַפעס און לאָזט אַרויס זייפענבלאָזען וועגען קונסט, ביסט דו צווייטמאָל יונג, מאַכסט דו קאָנגרעסען און בעשאַפט איבער נאַכט אַ ליטעראַטור און אַ יוגענד און אַ פאָלק, ביסט דו שוין גאָר לעילא ולעילא — אַ מפיל־קינד; דאַגעגען, איז „אַלט" יעדער, וועלכער האָט ליעב אַרבייט און וויל נישט חלומ'ען אַליין און נעהמט אַמאָל אויך אַ בוך אין די האַנד אַריין און זאָגט, אַז דער איינגערעדטער רוח־הקודש אַליין איז אייגענטליך דאָס קלענסטע, וואָס אַ טאַלענט בעדאַרף. מיר קענען שוין די דאָזיגע אַלע דרשות און מיר וועיסען אויך ווער, מ'שטיינסגעזאָגט, די דרשנים זענען. שוין הויבט אָן זייער צייט צו שווינדען. וועט מען געדאַנקען אין עטליכע יאָהר אַרום, ווי דער פאַ־פּיראָס האָט געהייסען, וועלכען מען האָט געררויכערט בשעת אַזאַ פיינעם שמועס וועגען אַזאַ הויכען ענין? אָט אַזוי וועט מען געדענקען דעם ענין אַליין און דעם פּאַרשוין און וואָס ער האָט געפלוידערט און וואָס ער האָט

גע׳פסקנ׳ט; נישט אין דעם בעשטעהט דאָס אומגליק, וואָס די דאָזיקע פאַרשוינען רעדען און טוען—דאָס אומגליק איז אַ פיעל טיעפערעס.

קוק איך מיך צו צו די היינטיגע ליטעראַטור און צו איהרע העלדען, פאַלט מיך אָן אַ טיעפע טרויעריגקייט: איך זעה קיין יוגענד נישט.

אַלע, אַלע זענען זיי אַלט, פיהלען אַלט, טוען אַלט; אַלע, אַלע זענען זיי אַלט געבוירען. באַלד ביים ערשטען אויפטרעטען האָבען זיי עפּעס אַלטעס אין זייער שטימע און זייערע בעוועגונגען; אַלע, אַלע האָבען זיי באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן עפּעס פאַרטיגעס, פאַרטיגע „זעמטליכע שריפּטען", פאַרטיגע פאָרמען, פאַרטיגע רעדענסאַרטען; אַלע, אַלע געהט זיי אָב דאָס נאַאיווע, דאָס זוכען, דאָס אונזיכערזיין, מיט זיך און אין זיך; אַלע, אַלע פעהלט זיי דאָס קינדעריש־שענע, דאָס אונבעוואוסטע, דאָס גלויבען און צווייפלען צוגלייך אין איין און דערזעלביגער מינוט; אַלע, אַלע לעבען זיי אָהן בעגייסטערונג, אָהן התלהבות און אָהן צאָרן—זיי טראָגען אַלע אויף זיך דעם צייכען פונ׳ם מאָדערנעם מענשען: פיעל אָדער ווייניג האָבען זיי אויפגענומען און זיך פרעמדעס מאַטעריאַל, און בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט געבען זיי אַרויס פון זיך צוריק באַלד דאָס פאַרטיגע.

מיר האָבען גאָר קיין יוגענד און קיין יונגע נישט אין אונזער ליטעראַטור! וואָלטען מיר האָבען באמת׳דיג אַ יוגענד, וואָלט דאָך די דאָזיגע יוגענד אַליין מוזען זיין אינ׳ם ערשטען פייער, אום צו פּראָטעסטירען און צו רעוואָלוציאָנירען און צו שרייען געוואַלד קעגען די בעשטעהענדע אָרדנונג פון אונזער ליטעראַטור! ווען מיר וואָלטען האָבען אמ׳דיג יונגע, ווער נאָך ווי זיי וואָלטען האָבען אינסטינקטיוו אַרויסגעפיהרט דעם גאַנצען שקר און דאָס געמאַכטע פון דער גאַנצער ליטעראַרישער מאַסקעראַדע! איין אמת׳ע יוגענד וואָלט זיין עהרליכער געגען זיך זעלבסט און וואָלט זיך זעלבסט און וואָלט זיך זעלבסט מעהר פרובען; זי וואָלט אינסטינקטיוו פערשטעהן, ווער און וואָס די „גרויסע" זענען, און וואָלט זיי אַראָברייסען פון זייערע פיעדעסטאַלען. אמת׳ע יונגע וואָלטען געהאַט איין עהרליך שטרעבען און וואָלטען האָבען איין עקעל־געפיהל פאַר אַלע אַרטען פון קאָמעדיעס און פאַר געצען־דינעריי און פאַר ליטעראַרישע פעטישען; זיי וואָלטען מוזען זיין די ערשטע, וועלכע וואָלטען מאַכען דעם גרויסען ליטעראַרישען פּאָגראָם, אום אַלעס אָבצורייניגען און אָנהויבען אויפס ניי

פונ'ם קלענסטען. אמת'ע יונגע וואָלטען נישט לאָזען שפּיעלען מיט זיך די קאָמעדיעס און וואָלטען מאַכען אַ סוף מיט די דרשות־מענשען און מיט די קונסט־טינטלערס און מיט די געוואַלטיגע טאַלענטען—זיי וואָלטען זיין עהרליך געגען זיך און געגען אַנדערע.

מיר האָבען אַ דור ניט לויטער אַלטע: 20־יעהריגע, 25 יעהריגע און 30־יעהריגע זקנים. מיעד און מאַט זענען זיי געבאָרען און האָבען קיין ווי־לען נישט און קיין קראַפט און קיין טעמפּעראַמענט. זיי אַליין, נאָך אַזוי יונג אין יאָהרען, און האָבען שוין דעם פּאַרטיגען לעגענד אויף די ליפּען. זאָלען זיי אויסלעבען זייער צייט און זאָלען זיי פערזאַמעלט ווערען צו זייערע פאָטערס!

און אַ נייע צייט וועט קומען. אפשר וועט די דאָזיגע נייע צייט מיט־ברענגען נייע און פרישע און יונגע אפשר וועלען די דאָזיגע יונגע מאַכען דעם ערשטען אָנהויב!

דער טיפ שריפטשטעלער, וואָס פערשטעהט די קונסט, פון ערצעהלען, פּשוט און פּראָסט ערצעהלען א מעשה, איז כמעט גאָר נישט פאַרהאַן אין אונזער ליטעראַטור; כמעט אַלע אונזערע ערצעהלער, ביז אויף א קליינע אויסנאַהם, זענען גריבלערישע נאַטורען, וועלכע האַלטען אין איין קלערען און בעקלערען, אין איין טראַכטען און בעטראַכטען. ערצעהלען, אז עס זאָל ווי פון א קוואַל פליסען און גיסען זיך אוים דער איבערגעלאָפּענע פאַנטאַזיע און עס זאָל זיך אַרויסדרענגען א געשטאַלט נאָך א געשטאַלט, א געשעהעניש נאָך א געשעהניש, א בילד נאָך א בילד, גיך און לייכט און ווי פון זיך זעלבער און אָהן פּרעטענזיעס (אויב קינסטלעריש אָדער נישט, דערפון רעדט איך נישט איצטער!), אַזעלכע שריפטשטעלער זענען כמעט גאָר נישט פאַרהאַן ביי אונז; פאַרהאַן זענען גאָר אַזעלכע, וועלכע האָבען א מערקווירדיגע נייגונג, זיך שטענדיג צו גריבלען און צו מאַכען רעפלעקסיעס. זיי ערצעהלען נישט, נאָר זיי טראַכטען; טראַכטען אַריין, טראַכטען אַרוים, טראַכטען אַרום. געוועהנליך זענען אַזעלכע רעפלעקס־מענשען כמעט תמיד איך־מענשען, דאָס הייסט אַזעלכע, וועלכע זענען בעשעפטיגט אַלעמאָל נאָר מיט זייער אייגענעם „איך"; אַנדערע חוץ זיך, זעהען זיי כמעט נישט און פערשטעהען זיי כמעט נישט. ווען זיי שרייבען, בעשאַפען זיי על־פּי־רוב נאָר איין טיפּ—זיך. א צווייטען טיפּ, נאָך איינעם חוץ זיך, קענען זיי קיינ־מאָל נישט בעשאַפען. זיי קענען קיינמאָל נישט אַרוים פון זיך, און וואָס פאַר א בילד זיי זאָלען נישט צייכענען, אַלעמאָל קומט אַרוים צום סוף נאָר דאָס אייגענע „איך". איז דאָס א זכר און ער צייכענט א נקבה, האָט די דאָזיגע נקבה, ווען מען קוקט זיך נעהנטער צו, גאָר זיינע אייגענע געזיכטס־צוגען; איז דאָס א יונגערמאַן און ער מאָלט איין אַלטען, קומט דער אַלטער סוף־כל־סוף אַרוים א יונגערמאַן; איז דאָס א צייטונגס־מיטאַרבייטער און ער מאַכט דאָס בילד פון איין אַלטען שניידער, טראַכט און טוט דער שניידער סוף־כל־סוף נאָר ווי א צייטונגס־מיטאַרבייטער. איינגאַנצען מאַכט זיין שרייבען

דעם איינדרוק פון עפּעס אויטאָביאָגראַפישעס. וואָס מען זאָל נישט לייענען, מיינט מען, אַז אָט האָט ער אונז ערצעהלט, וואָס איז איהם געשעהן נעכ־טען, אייערנעכטען. אָט דאָס מיידעל, וואָס קומט פאַר אין זיין לעצטער „סקיצע", איז דאָך אודאי די און די, מיט וועלכער דו האָסט איהם געטראָ־פען נעכטען ארויסגעהענדיג פון קראַשינסקים גאָרטען. די סצענע מיט'ן גלעזעל טיי איז דאָך קלאָר די און די, וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אייער נעכטען צווישען איהם און דעם קעלנער אין אָסטראָווסקים קאָנדי־טעריי. בקיצור, אַלעס אָהן אַ שום פּערספּעקטיווע, אַלעס פון דער נעכסטער נאָהענט, אַלעס פונ'ם קליינעם, ענגען, פאַמיליאַרען קרייז. און דרויסען ליעגט אַ גרויסע, ווייטע וועלט מיט מיליאָנען אינטערעסען און עס רוישט דאָס גרויסע לעבען...

טיפּיש פאַר'ן דאָזיגען מין ערצעהלער איז ה. ד. נאָמבערג.

נאָמבערג איז אַ צימליך אינטעליגענטער קאָפּ און ווייס גאַנץ געשיקט אומצוגעהן מיט טינט און פעדער. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז ער שרייבט אַמאָל אויך קליינע ערצעהלונגען. איין ערצעהלונג איז איי־גענטליך גאָר נישט אַנדערש ווי איין אַרטיקעל איבער פּאָליטיק אָדער אַ „וועכענטליכער שמועס". נאָמבערג איז פון נאַטור אַ מהיכא־תיתי־מענש, זענען אַלע זיינע העלדען מהיכא־תיתי־מענשען. נאָמבערג בעטרייבט „יו־גענט" אַלס פּראָפעסיע — זענען אַלע זיינע העלדען יוגנטליך: אַ מעשה מיט אַ מיידעל, אַ מעשה מיט צוויי מיידלעך, אַ לעב, אַ שטיף, אַ יוגענד־נאַריש־קייט, אַ חלום וכדומה. נאָמבערג איז אָבוועקסלענד זשורנאַליסט, לעהרער, מיטאַרבייטער, שטונדען־געבער — זענען אויך זיינע העלדען אַזעלכע. נאָמ־בערג איז אַלט צווישען דרייסיג און פערציג — זענען אויך אַלע זיינע העלדען צווישען דרייסיג און פערציג. נאָר איינמאָל, דאַכט זיך, האָט ער אונז געצייכענט איין אַלטען שניידער; ווען איך האָב מיך אָבער נעהנטער צוגעקוקט, האָב איך פּלוצלונג דערזעהן, אַז אויך דער דאָזיגער שניידער איז געווען גאָר צווישען דרייסיג און פערציג. נאָמבערג איז קליין געוואַקסען און בלאָנד און אַ מאַנספּערשוין — זענען אויך אַלע זיינע העלדען קליין און בלאָנד און מאַנסבילען. נאָר עטליכע מאָל זענען זיי אויסנאַהמליך גרויס און ברונעט און ווייבער; ווען מען קוקט זיך אָבער נעהנטער צו, זעהט מען, מען האָט אַ טעות געהאַט. גאַנץ ערנסט גערעדט: פון וואָס

פאַר אַ העלד איך זאָל נישט לייענען ביי נאָמבערגען, אַלעמאָל שטעלט זיך מיר פאַר די אויגען די פיגור פון נאָמבערגען אַליין.

נאָמבערג צייכענט אונז כמעט תמיד דעם מהיכא־תיתי'ניק (טויזענד־מאָל בעסער און טויזענדמאָל קינסטלערישער האָט אונז געצייכענט דעם דאָזיגען טיפּ שלום אש אין זיין ערצעהלונג „מה איכפּת ליה?" — ווי די דאָזיגע ערצעהלונג הייסט אויף יודיש, ווייס איך נישט). דער מהיכא־תיתי־טיפּ איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער טיפּ. מען לייענט אַ מעשה מיט בענ־דער'ן און מען איז גאַנץ צופרידען. בענדער איז געגאַנגען אַזוי און אַזוי בענדער איז נישט געגאַנגען אַזוי און אַזוי; בענדער האָט געטראַכט אַזוי און אַזוי, בענדער האָט נישט געטראַכט אַזוי און אַזוי; בענדער האָט זיך געלעקט שלאָפען; בענדער איז אויפגעשטאַנען; בענדער האָט אַריינגע־וואָרפען דעם בריעף צו רחל'ען. בענדער האָט אייגענטליך גאָר נישט גע־האַט בדעה אַריינצווואָרפען דעם בריעף צו רחל'ען, מהיכא־תיתי, זאָל זיין אַזוי. ווי לאַנג אָבער איז דער שיעור, זיך צו פּערטיעפען אין די דאָזיגע טיעפענישען פון אַזאַ טיעפען מענשען? אָט דאָ הייבט זיך אָן די צרה. האָט נאָמבערג זיך אָבגעריסעוועט אין דער פיגור פון בענדער מיט זיין קליין וועלטעל און זיינע קליינע פריידען און ליידען, קומט ער באַלד און ער ריסעוועט זיך נאָך אַ מאָל אָב אין דער פיגור פון פלינעלמאַן. קיין גרויסען חילוק זעהסט דו נישט. געהט דער פון רעכטס נאָך לינקס, געהט יענער פון לינקס נאָך רעכטס. טרינקט דער טיי, טרינקט יענער אַ גלעזעל בראָנפען. שטעהט דער אויף, לעגט זיך יענער שלאָפען, דאָס אינטערעסע אָבער האָט אויפגעהערט; צווייטמאָל קען מיך אונמעגליך אַזאַ טיפּ אינטערעסירען. קומט גאָר נאָמבערג און צייכענט איהם אויך צום פערטען און צום פינפטען מאָל און אַזוי ווייטער. איין ערצעהלענדער שריפטשטעלער זאָל אָפּקומען אַ גאַנץ לעבען מיט איין איינציגען טיפּ — דאָס איז שוין אַ ביסעל צו פיעל. דער לעזער ווי דער לעזער, אָבער דער שריפטשטעלער אַליין, און אַז־בערהויבט ווען ער איז איין אינטעליגענטער קאָפּ, מוז זיך דאָך דאָס דאָ־זיגע איבערלעגען: בין איך איין ערצעהלענדער שריפטשטעלער?

נאַטירליך: יעדער ערצעהלער סוף־כל־סוף שעפּט נאָר פון זיך און פון זיין לעבען און וואָס ער האָט געזעהען און וואָס ער האָט געפיהלט און וואָס ער האָט ערלעבט. אויך לאָרד בייראָן, למשל, האָט נאָר איין איינציגע פי־

גור — זיך. אויב ער הייסט קין אָדער מענפרעד אָדער דער גיור אָדער טשיילד האראָלד, אַלעמאָל און אומעטום איז עס לאָרד בייראָן אַליין. לאָרד בייראָן אָבער איז אַ זעהר רייכע נאַטור און אונענדליך טיעף, און וויפיעל ער זאָל נישט ערצעהלען פון זיך אַלעמאָל און אומעטום ברענגט ער אונז אַ נייע זייטעל פון זיך, און וואו ער פאַקט זיך, דאָרט איז ער אינטערעסאַנט. אַ מהיכא־תיתי־נאַטור איז אָבער נישט אַזוי רייך, אַז ער זאָל זיך קענען ערלויבען, צו געבען זיך אין אונענדליכע ווידערהאָלונגען. וואָלט הער נאָמבערג אונז געהאַט געגעבען בענדער אַליין, וואָלט דאָס זיין געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע מעשה־.

עס מאַכט זיך אַמאָל — הויפּטזעכליך ביי קליינע, געפאַלענע און געפּייניגטע פעלקערלעך — אַז ליטעראַטור און קונסט און וויסענשאַפט בליהען ביי זיי עפּעס נישט אַזוי זעהר, ווי עס קען אַנדערש אויך גאָר נישט מעגליך זיין. צוליעב אָבער נאַציאָנאַלע צוועקען און וויל דער אינסטינקט זיך צו ערהאַלטען פאָדערט עס, קומט מען און מען מאַכט פון יעדען קאַרליק אַ ריז און פון יעדען אויסגעבלאָזען איי מאַכט מען אַ יום־טוב. דאָס איז שוין אַזאַ סימן דלות, גבירים רוישען גאָר נישט אַזוי. אַ טאַלענטעל, וואָס אין איין אַנדערער ליטעראַטור שטעהט אַזעלכעס ווי אַ דאַרעד בעזעם אין אַ ווינקל, ווערט דאָ פלוצלונג אַ גאַנצער לולב, און גאַנץ קהל שאָקעלט דערמיט און בענטש דעריבער און מען מאַכט דערפון אַ נאַציאָנאַלע „שוויענטאָ”. האָט אַזאַ איינס אָנגעשריבען אויף זיין לעבען אַ דרייסיג־פופציג מעשה'לעך, זאָגט מען באַלד, אַז דאָס איז מעשה וועלט־ליטעראַטור: „מיר האָבען דער גרויסער וועלט עפּעס געגעבען”, און מען לעגט עס אַריין אויף וואַטע אין אַ גאָלדענע צוקער־פּושקע, און וועה דעם, וועלכער וואַגט עס אָנצוריהרען. מאַכט זיך קוים די ערשטע געלעגענהייט, פּויקט מען באַלד צונויף דעם עולם, מען רעדט איהם איין, אַז דאָס איז אַ נאַציאָנאַל־יום־טוב, דאָס יובילעאום ווערט געפייערט מיט דער גאַנצער פּאָמפּע, אָוואַציעס ווערען געמאַכט, רעדען ווערען געהאַלטען, די בעקאַנטע גאָלדענע פעדער און דאָס זילבערנע שרייבגעצייג ווערען געשענקט, די „זעמטליכע שריפטען” ווערען געדרוקט אויף קהל'שע קאָסטען, און עס ווערען געבוירען די סטערעאָטיפּע פראַזען: אונזער געטהע, אונזער שעקספּיר, אונזער האָמער. נאַטירליך, לייענען דאָס שפּעטער די חברה בחורים, און דאָס בלייבט ווי טשוועקעס אין זייער קאָפּ, און פערפאַלען! דו וועסט זיי דאָס נישט קענען מעהר פון דאָרט אַרויסשלאָגען. האָט מען עפּעס אַ שטיקעל זינגערין אין אַ טעאַטער, וועלכע זינגט אַמאָל אויסנאַהמסווייז אויך ריכטיג, מאַכט מען דאָס באַלד פאַר אַ „וועלט־בערימטהייט” און מען האָט דערפאַר נישט קיין גרינגערען נאָמען,

ווי: אונזער פּאַטי. שרייבט עפּעס איינער אָן איין אַרטיקעל אָדער אַ ווערקעל וועגען דעם נאָרד־פּאָל אָדער דעם זיד־פּאָל—און וויפיעל ער וויים דערפון, קענט איהר דאָך פערשטעהן, ווערט אַזאַ איינער באַלד אָבגעשטעמפּעלט אַלס וועלט־געלעהרטער און מען האָט באַלד: אונזער קופּערניג, אונזער הומבאָלדט. גרויסע פעלקער מיט גרויסע וועלט־ליטעראַטורען האָבען פערהעלטניסמעסיג גאָר נישט אַזוי פיעל גרויסע, ווי עס האָבען די קליינע פעלקלעך. וואו איין אָנפאַנגער, דאָרט אַ וועלט־זשעניע. און נאַטירליך: די פאַבריקאַנטען, וועלכע פאַבריצירען די דאָזיגע זשעניעס, האָבען גאָר נישט נייטיג לאַנג דערביי צו אַרבייטען. זיי לאָזען אַריין אין קורס דאָס בעטרעפענדע וואָרט און קענען זיך גאַנץ רוהיג געהן אין אַ זייט; טויזענד בחורים כאַפּען שוין דאָס וואָרט אויף און איבער־חזרען עס יעדער פון זיין ווינקעלע טויזענדמאָל אַ טאָג, ביז עס ווערט אַ קהל'שער בעגריף. אין די היינטיגע צייטען איז דאָס בעריהמט־ווערען גרינגער ווי איבער אַ רינשטאָק אַריבערגעהן. ביי דעם גרויסאַרטיגען אַפּאַראַט פון אַ טאָג־פּרעסע, וואָס מיר האָבען היינט, און ביי די טויזענד מיטלען פון רעקלאַמעס, וועלכע מיר בעזיצען איצט, איז די גאַנצע מלאכה אַ קינדער־שפּיעל. אויב איך מאַך בעריהמט אין לויף פון עטליכע וואָכען עפּעס אַ וואַסערל צו די צייהן אָדער אַ ליטעראַט—דאָס איז קיין חילוק נישט. דאָס איז נישט פאַרצייטענס, וואָס אום בעקאַנט צו ווערען אין דער נעכסטער שטאָדט און דאַן אין אַ דריטער און אַ פערטער, האָט מען געמוזט אמת'דיג עפּעס זיין. פערלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל בעריהמט מאַכען דאָס יונגעלע פון אונזער סטרוזש און דערלאַנגט מיר דערצו די נייטיגע מיטלען—און אין פיער וואָכען אַרום וועט איהר האָבען אַ פאַרטיג וועלט־זשעניע מיט אַ יובילעאום און מיט אַ גאָלדענע פעדער און מיט „זעמטליכע ווערק”.

נאַטירליך, האָב איך גאָרנישט דאַגעגען, וואָס אין אונזער ליטעראַטורעל פיהרט עס זיך אויך אַזוי. ביי אונזער אָרימקייט איז עס גאָרנישט אַנדערש מעגליך. מיר זענען אָרים ווי אַ בית־מדרש־מויז, און דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ שטופּט אונז און דער זעלבסט־ערהאַלטונגס־טריעב פאָדערט עס, געהען מיר און מיר נעהמען אונזערע נולען און מיר מאַכען פון זיי ציפערס. מיר בעזיצען פלוצלונג וועלט־זשעניעס, מיר בעקומען אונשטערבליכע טאַלענטען, מיר האָבען יונגע און אַלטע, מיר קריגען קלאַסיקער און

מאָדערנע—מיט און וואָרט: אַ ליטעראַטור מיט לייטען גלייך. דאָס אַלעס וואָלט מיך נישט אָנהויבען אַרען. די נאַציאָנאַלע צוועקען פאָדערען עס, און מיר האָבען עס געמוזט מאַכען. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס מיר פערגעסען באַלד, אַז דאָס אַלעס איז געמאַכט, און מיר מיינען, ס'איז אויף דער אמת'־ען. ביי אַנדערע פעלקער ווייסען וועניגסטענס די ליטעראַטען אַליין, אַז נישט זיי מיינט מען דאָס, נאָר דאָס פאָלק, נישט זיי שפּיעלען דאָ אַ ראָלע, נאָר דער נאַציאָנאַלע תכלית; ביי אונז אָבער מיינט דער „יונגער", וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ מעשה'לע וועגען אַ רב מיט אַ רבי'צין, וועגען אַ הוהן מיט אַ האָהן, וועגען אַ ים מיט אַ שטורם, אַז דער עיקר איז ער; והראיה הערר נאָמבערג האָט געשריבען וועגען איהם אַ רעצענזיע און האָט איהם גע־קרוינט, הערר ניגער האָט אויספילאָזאָפירט וועגען איהם אַ „סטודיע" און האָט אין איהם אַריינגעלערנט אַ פירוש, הערר וויטער האָט וועגען איהם געהאַלטען אַ פאָרטראַג און האָט איהם אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון שעקספּיר. ביי אונז זענען זיי אפילו אַזוי ווייט אויך נאָך נישט, אום צו פערשטעהן אַ שפּאַס.

איך מוז אייך דערצעהלען אַ מעשה: מיר האָבען דאָ אין וואַרשאַ גע־האַט אַמאָל אַ מלמד, האָט דער מלמד געהאַט אַ זוהן, וועלכער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד און איז דאָרט געוואָרען אַ גרויסער מאַן, דאַכט זיך, עפּעס אַ באַנק־דירעקטאָר אין אַ שטעדטעל פון שלעזיען. לאחר שנים איז דער טאַ־טע אויפגעשטאַנען און אַהין אַוועק צום זוהן. אָנגעקומען איז ער אין יענעם שלעזישען שטעדטעל גראָד אינ'ם 1־טען סעפּטעמבער, דעם טאָג, אין וועל־כען די דייטשען פייערען זייער סעדאַן־פייער, צום אָנדענגען פון זייער זיעג איבער די פראַנצויזען ביי סעדאַן. אַראָבגעהענדיג, פונ'ם צוג, ביי וועלכען זיין זוהן האָט איהם אָבגעוואַרט, האָט דער מלמד דערזעהן דעם גאַנצען פּאַראַד, וואָס די דייטשען מאַכען: דאָס מיליטער איז אויסגע־שטעלט און אָנגעטון יום־טוב'דיג, די מוזיק שפּיעלט, אַלע שטעדטישע צע־כען געהען מיט זייערע פאָהנען, די דאַמען וואַרפען בלומען וכו' וכו'. מיט איינמאָל ווענדעט זיך דער מלמד צו זיין זוהן מיט טרעהרען אין די אויגען און זאָגט: מיין קינד! צו וואָס האָסט דו דאָס אַלעס בעדאַרפט און צו וואָס האָסט דו דיר געמאַכט איבעריגע קאָסטען? איך שטעה גאָר נישט

נאָך דעם גאַנצען כבוד, און דו וואָלסט ביי מיר זיין אַ גאַנץ טייערער זוהן אָהן דעם דאָזיגען גאַנצען טאַראַראַם ...!

דאָס אומגליק איז, וואָס אונזערע מלמדים מיינען אַלעמאָל, אַז דער נאַציאָנאַלער סעדאָן־יום־טוב ווערט עקסטראַ פאַר זייערט־וועגען געמאַכט!

און אויך דאָס וואָלט אפשר נאָך נישט זיין קיין אומגליק. מילא, זאָלען מלמדים מיינען. דאָס שלעכטע איז נאָר, וואָס דאַדורך ווערען די דאָזיגע יונגעלייט פערפיהרט און פערדרעהט און ווילד געמאַכט און בלייבען קאַליקעס פאַר זייער גאַנצען לעבען. עס ווערט אין זיי אַריינגעבראַכט אַ נאַרישער שטאָלץ, וועלכער מאַכט זיי אונפעהיג אויף אייביג. האָט אַזאַ איינער אַ ביסעל טאַלאַנט, מוז עס פערפלאַטערן מיט'ן ווינד. אַזוי איינער קען קיינמאָל נישט בעגרייפען, אַז טאַלענט אַליין, און אפילו אַ גאָר גרויס טאַלענט, איז נאָך גאָרנישט, אַזוי לאַנג ווי עס קומט נישט צו דערצו די אונגעהייערסטע אַרבייט און דער אונטערבראָכענסטער פליים. ביי אונז אָבער איז דער נאַרישער שטאָלץ אַזוי גרויס געוואָרען, אַז מען קומט אָב אַ וועלט מיט לויטער „איך בין אַ טאַלאַנט", „איך בין אַ קינסטלער" — און ווייטער ברויכט מען שוין גאָרנישט. עפּעס איז דאָס געוואָרען אַזאַ מין רוח־הקודש, אַ מין בעגייסטערונג, איין אינספּיראַציע, איין איינגערעדטע בויכקרענק, און דערצו בעדאַרף מען שוין גאָרנישט וויסען, מען בעדאַרף נישט אַרבייטען, מען בעדאַרף נישט לערנען, מען טראָגט זיך זיין קינסטלער־קראַוואַט און מען איז אַ פאַרטיג מענשעל. מען זיצט זיך אין קאַפע־הויז און מען איז—אַ קינסטלער. מען שרייבט זיך זיין מעשה'לע און מען האָט אויסגעפילט דערמיט זיין לעבען. יענע נאַרישע איינרעדעניש האָט ביי אונז אַרויסגעצויגען אַ דור פון פוילע און אונוויסענדע, אַז מען ווערט רויט און טויט, ווען מען הערט זיי אַ וואָרט אַרויסרעדען. ווי ווייט די אונוויסענהייט פון די דאָזיגע „זשעניעס" איז, קען מען זיך פראָסט נישט פאָרשטעלען. און נישט נאָר די אונגעהייערע אונוויסענהייט—ניין, עס איז נאָך ווייטער געגאַנגען: מען איז גאָר געוואָרען שטאָלץ דערויף, וואָס מען איז אַזוי אונוויסענד. וויסען—דאָס איז אַ סימן פון טאַלענטלאָזיגקייט. לערנען—דאָס איז אַ סימן פון אויבערפלעכליכקייט. מיר אָבער זענען טאַלענטען און בעדאַרפען גאָר נישט מעהר, מיר זענען די אויסגעקליבענע פון גאָט, מיר זענען גאָר בעזונדערע בעשעפענישען.

אוי, אוי זענען דאָס בעשעפענישען!—און דאָס אַלעס האָט אָנגע־
מאַכט דאָס ביסעל, וואָס מיר האָבען געהאַט אַ נאַציאָנאַלעס שטרעבען און
מיר האָבען אונז געמאַכט טאַלענטען און זשעניעס און אַלטע און יונגע
און קלאַסיקער און מאָדערנע—און זיי אַליין, די געמאַכטע, האָבען דעם
שפּאַס נישט פערשטאַנען.

איך בין—האָט מען אַ טענה צו מיר—אין מיין שרייבען געווען פּער־זענליך; אַ קריטיקער מוז זיין זאַכליך. וואָס? — פּערזענליך בין איך גע־ווען? זאַכליך מוז מען זיין? עס פעהלט נאָר נאָך, מען זאָל מוסיף זיין: זאַכליך מוז מען זיין—דען אַזוי שטעהט בפירוש געשריבען אַ דין אין יע־נעם און יענעם פּאַראַגראַף פונ'ם קאָדעקס וועגען הלכות קריטיק.

לאָך איך אָבער פון די דינים און פון די פּאַראַגראַף און פון די קאָ־דעקסען און פון די, וועלכע האָבען זיי געמאַכט. זאָג איך אָבער, אַז דאָס גאַנצע איז לכתחלה אַ טעות, און ס'איז שוין צייט, מען זאָל מאַכען אַ סוף מיט די אַלע אַלטע, פערפוילטע, נארישע, בעל־הבת'יש־קריטישע אָנזיכטען וועלכע מיר האָבען איבערגענומען איש מפּי איש און מיר האָבען זיך קיינ־מאָל נישט גענומען די מיה, צו אונטערזוכען זיי, וואָס זיי זענען אויף דער אמת'ען ווערט. עפּעס אַ ירושה איז דאָס אַלעס פון קדמונים אהער, און די דאָזיגע קדמונים, ס'זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין, האָבען נישט געוואוסט, וואָס זיי לערנען אונז דאָ, און די זאַך איז דערווייל אַריינגעקומען אין די טראַדיציע און איז איינציגווייז געוואָרען קודש קדשים. ניין, מיינע הער־רען! זאַכליכקייט איז איבערהויפּט נישט דאָ. דאָ איז פּערזענליכקייט, און נאָר פּערזענליכקייט. זאַכליכקייט איז פאַר מיר לופט, און גרייפען קען איך ערשט דאָס, וואָס איז פּערזענליך. איך האָב צו טון מיט איין אויטאָר און נישט מיט זיין זאַך, דען זיין זאַך ערקלער איך מיר אָפּט ערשט דורך זיין פּערזאָן. אַ ליטעראַרישע זאַך איז פאַר מיר נישט מעהר ווי טינט אויף פּאַ־פּיר, און זי געווינט ערשט אַ ווערט, ווען עס שטעקט דערונטער אַ פּערזענ־ליכקייט, און איז מיר עפּעס קשה אין יענער פערגאָסענער טינט אויפ'ן פּאַפּיר, איז עס מיין חוב, צו נעהמען די פּערזאָן פונ'ם אויטאָר און מיר דורך איהר צו ערקלערען יענעם הארבען רמב"ם. לייענט אַ קריטיקער עפּעס אַ געדיכט אָדער אַ מאָדערנע פּאָעזיע אין פּראָזע אָדער אַ סקיצע און זיי בלייבען איהם טונקעל, און ערקלערען קען ער זיי נאָר דאַדורך, וואָס ער וועט דערגריבלען, אַז דער אויטאָר איז אַזאַ און אַזאַ איינער, אַז זיין לעבען

איז אַזוי און אַזוי און אַז נעכטען, למשל, האָט ער דאָס און דאָס געטון, און וועט דאָס פערשווייגען, איז אַזאַ קריטיקער אַ פּאַרטאַטש. טינט און פּאַפּיר איז ווערט אַ גראָשען, דער עיקר איז די פּערזאָן פונ'ם אויטאָר און וויפיעל ער האָט פון דער דאָזיגער פּערזאָן אריינגעלעגט אין די דאָזיגע טינט אויפ'ן פּאַפּיר—און דאָ קומט איהר גאָר און זאָגט מיר: די פּערזאָן זאָל איך לאָזען אין אַ זייט, למען־השם גאָר נישט די פּערזאָן בעריהרען, און דער עיקר זאָל מיר זיין די זאַך: די טינט מיטן פּאַפּיר!

יאָ, אויך דאָס איז שוין מעגליך. ס'איז שוין מעגליך, אַז די זאַך אַליין זאָל מיר זיין גענוג און איך זאָל צו איהר קיין שום זייטיגע הילפסמיטלען נישט בעדאַרפען. דאַן אָבער מוז די זאַך זיין אַ „זאַך", אַ בולט'עס, אַ גאַנצעס, אַ פולווערטיגס, אַ מדבר בעדו. ווי מאַכט מען אָבער ביי אַזאַ ליטעראַטור, קיין עין הרע, ווי די אונזעריגע, וואו די ליטעראַרישע זאַך, אַן און פיר זיך, איז עפּעס נאָך נישט אַזוי מורה־מורנו'דיג און וואו דער עיקר איז דערוויול נאָר די אַטמאָספּערע ארום און ארום און דער גאַנצער לאַגער און דאָס ריין־פּערזענליכע און דאָס איי, פון וועלכער דאָס צוקינפטיגע היהנדעל זאָל זיך אַרויספּיקען?

איך האָב — זאָגט מען מיר — אין מיינע אַרטיקלען מיך בעשעפטיגט מיט דעם פּערזענליכען טון פון דעם און דעם אויטאָר, און נישט מיט דעם, וואָס ער האָט געשריבען. ליידער, איז עס נישט אמת; ווען עס וואָלט זיין אמת, וואָלט איך זיין צופרידען מיט מיר. דאָס געשריבענע איז אָפט נאָר אַ קליינער, קליינער ברוכטייל פון דעם, וואָס אַ שרייבער טוט; חוץ דורך זיין שרייבען ווירקט ער אָבער אָפט נאָך דורך טויזענד אַנדערע אופנים פון זיין עפענטליכע טעטיגקייט — און טאָר איך נישט אַיין עפענטליכע טעטיגקייט אַרונטערציהען אונטער אַ קריטיק? ווען אַ פּראָסטער בשר־ודם, נישט אַ שרייבער, איז אַ כלל־טוער, רעד איך עפענטליך און אין דער פּרעסע איבער זיין כלל־טועריי. איז ער אַ מיניסטער, רעד איך איבער איהם און איבער זיין מיניסטעריי. איז ער אַ גוטער יוד, רעד איך איבער איהם און זיין גוט־יודעריי. און נאָר ווען איינער איז אַיין עפענטליכער טוער און איז נעבענביי אויך אַ שרייבער, איז מיר שוין נישט ערלויבט צו רעדען וועגען דעם, וואָס ער טוט און ווירקט עפענטליך? שוין זשע איז דאָס שרייבען

אַליין אַזאַ מין שיר המעלות׳על פאַר כלל־טועריש קימפעטאָרינס, אום אָב־צוהיטען זיי פון יעדער אַרט פון קריטיק, וואָס אָנבעלאַנגט זייער ווירקען אין דער עפענטליכקייט? און ווען אַ ביסמאַרק האָט געווירקט נישט דורך זיין שריפטשטעלעריי, נאָר דורך זיין עפענטליכע טעטיגקייט, איז ער דאַדורך נישט אונטערגעוואָרפען דער קריטיק? און ווען אַ פורישקעוויטש, להבדיל, איז נישט קיין מחבר, נאָר אַ דומע־דעפוטאַט, וועלכער האָט אַ געוואַלטיגע ווירקונג, מוז איך וועגען איהם שווייגען?

איך מוז זאָגען מיין אמת: עס מאַכט זיך ביי אונז אמאָל אַ שריפט־שטעלער, וועלכער איז אַ צימליך־ שטאַרקע פּערזענליכקייט און ער ווירקט ריין פּערזענליך טויזענדמאָל מעהר ווי ער ווירקט דורך זיין שריפטשטעל־ריי. פּרץ, למשל, איז אַזאַ שריפטשטעלער. ער איז אין מיינע אויגען אַלס שריפטשטעלער נישט דער ערך אַזוי וויכטיג ווי אַלס ערציהער פון דער יו־גענד — איך מיין, פון דער שריפטשטעלערישער יוגענד. זיין איינפלוס אַלס מענש איז גאָר נישט צו פערגלייכען גרעסער ווי אַלס שרייבער. ער איז אַ מענש, וועלכער מאַכט חברות און איז איין עפענטליכער רעדנער. ער האָט אַ דור פון יונגע שריפטשטעלערלעך אויפגעגיאַנטשעט. עס איז געוואָרען אַ חדר׳ל. איין אַטמאָספערע איז געוואָרען געשאַפען. אַ רבי איז דאָ, און חסידים זענען געוואָרען. און די יונגע שריפטשטעלערלעך האָבען אַ פּאַראָ־לע און וויסען נישט וואָס. מען חלומ׳ט, מען קינסטלערט, מען בטל׳ט מען פּאָעזירט און מען „מאַכט״ סקיצען. אַ שריפטשטעלערישע יוגענד איז אָנגע־שטעקט געוואָרען מיט גיפט. קאַליקעס זענען ענטשטאַנען, סיסטעמאַטיש איז יעדע אַרט פון ניכטערקייט געטויט געוואָרען. די גאַנצע הוילקייט און די גאַנצע אויפגעבלאָזענקייט און אומבעדייטענדקייט פון אונזער ביסעל ליטע־ראַטור האָט מען דעם דאָזיגען אומשטאַנד צו פערדאַנקען. יעדעם עהרליכע שטרעבען האָט אויפגעהערט. קדושה איז פון דאָס ניי געוואָרען קאָזיר. או־מעטום שריפטשטעלערישע געצענדינעריי און ווייערעך און זעלבסט־אָנבעטע־ריי. און די ליגענד איז געוואַקסען און די חנופה איז געוואָרען דאָס טעג־ליכע ברויט. יעדער איז אַ געץ, יעדער אַ ריהר־מיך־נישט־אָן. פערלאַנגט פון די דאָזיגע העלדען די לעגיטימאַציע פון זייער העלדישקייט,—מאַכט מען אַ געוואַלט: „אַט זידעלט ער״, „אַט האָט ער די הייליגקייט בעשפּיגען״, „אַט

האָט ער פערשוועכט די ליטעראַרישע גאָטהייט". זאָל גאָט שומר ומציל זיין, מען טאָר זיך דאָך גאָר נישט צוריהרען!

און דאָס אַלעס איז נישט גענוג. עס געהט פון טאָג צו טאָג נאָך ווייטער און ווייטער. עס האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז יעצט איז געקומען איינער און וויל שוין גאָר, אַז מען זאָל האָבען דרך־ארץ פאַר'ן וואָרט פרעסע אַליין. די פרעסע גאָר איז שוין אַ היילינע זאַך. זי איז דער איינציגער אָרט, וואו עס שטעקט אונזער אויטאָנאָמיע. זי איז אונזער מאַכט. מען טאָר קענען איהר קיין פיפעץ נישט געבען. ווער עס פּיפּעצט קענען איהר „מיט דעם בעדאַרף זיך יעדער בעזונדערס פריוואַטים אָברעכענען", דהיינו, לאָזען אָנשטעלען אַ פּאָר יונגען און לאָזען אָנברעכען די ביינער. אַ קליינינקייט, אַזאַ היילינע זאַך ווי אונזער פרעסע איז כידוע. אַ קליינינקייט. אַ פרעסע, וועלכע האָט אַזעלכע לומדים מפורסמים אַלס רעדאַקטאָרען, ווי דער גרעסטער טייל פון אונזער פרעסע, כידוע. אַ קליינינקייט, אַ פרעסע מיט אַזעלכע היילינע שם־שמים'ניקעס אַלס מיטאַרבייטער, ווי אונזער פרעסע פערמאָגט, כידוע. און מיינט איהר אפשר, אַז אַזעלכע ווערטער ווערען אַרויסגעזאָגט צופעליג? אויף אַ געלעכטער? אָה, ניין, סיסטעמאַטיש ווערט דאָס געאַרבייט: אַ קדושה מיט אַ צאָפּ וויל מען האָבען! אַ ליטעראַרישע גייסטליכקייט וויל דאָסזעלבינע, וואָס אַלע גייסטליכקייטען האָבען פון תמיד אָן געוואָלט: אין זייער אונפעהלבאַרקייט זאָל מען גלויבען און אין זייער איבערמענשליכע וואונדער־קראַפט; וואָס מעהר בלינדע אמונה זאָל זיין און וואָס מעהר בלינדער כבוד; צו זייערע אייגענע אינטערעסען קען דאָס אודאי נישט שאַדען. אללאה איז אללאה, און דער פרעס־מענש איז זיין פּראָפעט!

און דאָ קום איך גאָר און מאַך אַלעס אַזוי פּראָסט און וואָכענדיג, און וויל האָבען, אַז אַלע זאָלען זעהן און זיך צוקוקען און וויסען־נאַטירליך, איז דאָס אַ ביסעל אונאַנגענעהם; נאַטירליך, הייסט עס באַלד, איך זידעל און בעשפּיי אַלעס היילינע און גרויסע און נאַציאָנאַלע.

און פאָרט איז אפשר מיין „זידלען" און „בעשפּייען" דאָס איינציגע, וועלכעס קען אַמאָל ברענגען צו עפּעס איין אָנפאַנג פון אַ שטיקעל אמת'ער גרויסקייט. דאָס איז דער גרונד, וואָס איך רעד אין די דאָזיגע אַרטיקלען ווענינער איבער ליטעראַטור, ווי איבער ליטעראַטען, ווענינער איבער די זאַך, ווי איבער די פּערזאָנען.

אַלעם און אַלעם זענען מיר, דאַכט זיך, ביסלעכווייז ווידער צוריק אָנגעקומען ביז אויפ׳ן אָרט, אויף וועלכען מיר זענען געשטאַנען אין אונזער ליטעראַטורעל מיט אַ יאָהר דרייסיג און פערציג און פופציג צוריק. אפשר די פאָרם איז אַ ביסעל מאָדערנער, לייטישער, איך וואָלט זאָגען „גרויס־שטעדטישער", — אינגאַנצען אָבער איז אַלעם ווי געוועזן.

פאַרצייטענס האָט דאָס מחבר׳ל געפלעגט קומען מיט׳ן הסכמה׳לע פונ׳ם „ידידי". דער „ידידי" האָט געפלעגט שרייבען, אַז „ידידי הרב החכם המפורסם" — דער מחבר הייסט עס — איז דער גרעסטער און בעסטער און שענסטער, און אַז „לא בא כבושם הזה", ס׳איז נישט געקומען ווי דער דאָזיגער געווירץ, דאָס הייסט, ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזן אַזאַ גע־שמאַקע זאַך אויף דער וועלט און קיינמאָל וועט אַזעלכעס מעהר נישט זיין וכו׳ וכו׳. היינט טוט מען אייגענטליך אויך אַזוי, נאָר געמאַכט ווערט עס אַ ביסעל אַנדערש. היינט, ווען עס ערשיינט עפּעס אַ „געזאַמעלטע שריפט" פון אַ בחור, איין אָנפאַנגער, קומט באַלד דערויף אין דער נעכסטער נומער פון עפּעס אַ טאָגבלאַט דער הערר קריטיקער — דאָס הייסט איינער וועלכער קען אַליין נישט „מאַכען" קיין „געזאַמלטע" און קיין „זעמטליכע שריפטען", ער איז עפּעס פון נאַטור אַ שטיקעל עקר, און מוז זיך בעגנוגענען מיט זאָגען מבינות אויף דעם אַנדערענס געזאַמעלטע שריפטען — און שרייבט אָן אויף דעם דאָזיגען מיט די „געזאַמעלטע" הרים וגבעות. ער רופט איהם, נאַטיר־ליך, נישט „ידידי" — פּע, דאָס איז נישט שען — נאָר ער רופט איהם גלאַט אַזוי, מיט טאַקט און מיט „נימוס" און מיט „אַכטונגספאָל" דער הערר איקס; ער זאָגט נישט, נאַטירליך, אויף איהם „הרב החכם המפורסם", נאָר ער זאָגט אויף איהם געניאַלער קינסטלער, שעקספּיר, געטהע וכדומה; ער שרייבט נישט, נאַטירליך, אַז אַזאַ געווירץ איז נישט געקומען, נאָר ער שרייבט, אַז מיט דער דאָזיגער שריפט הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַ קולטור־היסטאָרישע דראַמע שפּיעלט זיך דאָ אָב, דער פאָרהאַנג פון אַ וועלט־בעגעבענהייט הייבט זיך דאָ אויף וכדומה; ער

גיט בכלל נישט קיין „הסכמה”—פע, דאָס איז אַלט—נאָר ער שרייבט איין „עסיי”, אַ סטודיום”, אַ „פּסיכאָלאָגיש־ליטעראַריש־פילאָזאָפיש־קולטורעלע אָבהאַנדלונג”. עס איז אַלזאָ, קלאָר: נישט דער אינהאַלט איז געוואָרען איין אַנדערער, ווי ער איז געווען פאַר פערציג יאָהר, נאָר די פאָרם.

פאַרצייטענס, ווען די טאַלענטלאָזיגקייט האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל זי נישט כאַפּען ביי דער האַנד און פערלאַנגען פון איהר אַ לעגיטימאַציע, האָט זי זיך בעשאַפען אַ מין געשרייבעכץ, וועלכעס האָט געהייסען „מאמר” אָדער „אַרטיקעל”. מען האָט גענומען אַ באַרג מיט הויכע ווערטער, האַלב איז מען געווען פילאָזאָפיש און האַלב נאַריש, מען האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, אינ׳ם מאמר גופא איז געוועהנליך גאָרנישט געשטאַנען און געווימעלט האָט עס פאָרט פון גלאַנצענדיגע, געקרייזעלטע, פּוסטע פראַזען, אַזוי אַז דעם איינפאַכען לעזער האָט אָנגעהויבען דער קאָפּ צו דרעהען און ער האָט געמיינט, אַז ער לייענט דאָ עטוואָס זעהר טיעפזינגעס, און האָט פאַר דעם גאַנצען אַ מורא׳דיג שטאַרקען דרך־ארץ געהאַט. וועלכע צרות די דאָזיגע אַרט פון שרייבעכץ האָט אונז אַלעמאָל אָנגעמאַכט, איז גאָר נישט צו דערגרינדען. זי האָט סיסטעמאַטיש פערנעבעלט דאָס ביסעל אָרימע פערשטאַנד פונ׳ם אומגליקליכען לעזער. יאָהרען און יאָהרצעהנטען לאַנג האָבען די בעסערע געקעמפּפט געגען דעם דאָזיגען ליטעראַרישען פּאַראַזיט, געגען דעם „מאמר”, און יעצט אָבער זעהען מיר, צו אונזער גרעסטען שרעק, אַז ער איז פון נייעם אויפגעשטאַנען תחית־המתים. עס ווערט גע׳מאמר׳ט אין אונזער ליטעראַטור ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט. נאַטירליך, גאַנץ „מאָדערן”; די פאָרם, ווי געזאָגט, איז לייטישער און גרויסשטעדטישער געוואָרען. מען שרייבט נישט מעהר וועגען די שבעה כוכבי־לכת צוזאַמען מיט אַ טייטש אויפן פּסוק „או נשיש” און אויסגעמישט מיט עפּעס אַ ליטעראַרישען געגענשטאַנד; נאָר מען שרייבט אַ ביסעל אַ לאַ ניצשע, אַ ביסעל איז מען איבער־מענש און אַ ביסעל אונטער־מענש, אַ ביסעל מאַרקסיסטיש און אַ ביסעל מיסטיש, אַ ביסעל רעדט מען, וואָס מען פערשטעהט אַליין נישט, און אַ סך, וואָס דער לעזער פערשטעהט נישט, און דער אַלטער „מאמר” האָט אויפגעבליהט לויט אַלע קונסט־געזעצען. טיפּיש פאַר די דאָזיגע אַרט שרייבעכץ איז דער חבר ש. ניגער. ווערט געבוירען עפּעס אַ ניי שרייבערל, מוז ער מאַכען פאַר איהם

די ליטעראַרישע ווינדלען; שטאַרבט עפּעס אַ שרייבערל, מוז ער נעהען פּאַר איהם די ליטעראַרישע תכריכים. דאָס איז שוין אַזוי זיין טבע. אָדער ער שרייבט אַ טיעף פילאָזאָפיש־ליטעראַרישען מאמר איבער די פילאָזאָפיש־ליטעראַרישע טיעפקייט פון אַש'ס משיח'ס־צייטען", אָדער ער שרייבט איבער די טיעפקייט פון א. רייזענס אַ „ווערק", אָדער איבער די וועלט־בעוועגענדע ערשיינונג פון עפּעס איינעם אַ שאַפּיראַ'ס אַ נייע ערצעהלונג, פון וועלכע „עס הויבט זיך אָן די נייע עפּאָכע פון דער יודישער ליטעראַטור"—, אַלעמאָל איז עס אַ „מאמר". איבער וועלכען איך מוז שוויצען און פון וועלכען איך פערשטעה סוף־כל־סוף נישט קיין איינציגעס וואָרט. און זעהט איהר: איך וויל גאָר נישט זיין קיין עניו; איך זאָג בפירוש, אַז איך בין אַ מענש מיט אַ צימליך געזונדען קאָפּ און בין בעשאַפען צו פערשטעהן אַלדינג, וואָס אַ געוועהנליכער מענשליכער קאָפּ קען און מוז בעגרייפען, און ווען אַ מענש, ווי איך, וועלכער איז סוף־כל־סוף אַ ליטעראַט און געהערט זיין באופן זה אַ ביסעל בעהאַוועגט אין די קליינע אותיות און פערשטעהן געוועהנליך, וואָס אַ צווייטער ליטעראַט שרייבט,—ווען, זאָג איך, אַ מענש, ווי איך, פערשטעהט קיין איינציגעס וואָרט נישט, וואָס אַ שטייגער קען שוין פערשטעהן, מ'שטיינס געזאָגט, איין איינפאַכער לעזער פון דער גאַס פון אַזאַ געשרייבעכץ? צו וואָס, אַלזאָ, שרייבט אַזאַ שרייבער וואָס זאָל ער אונז? פאַרוואָס שוויינט אַזאַ איינער נישט בעסער?—עס קומט, למשל, ה' פּרץ און שרייבט אַ מאמר. קלאָר איז דער מאמר נישט. ער האָט אָבער אַ ביסעל שטימונג און איז געשריבען פון אַ מענש, וועלכער האָט אַ טאַלענט. דאָס גרונדוואָרט דערין איז, אַז אונז פעהלט טראַדיציע. און דערצו קומט צו, ריין אַ לאַ פּרץ, בליץ־פראַזען און בילדער און בילדלעך און האַלב־בילדער און געלונגענע ווענדונגען. דאָס גאַנצע, ווי געזאָגט, איז שטימונג. מאָרגען קען שוין דער אויטאָר האָבען איין אַנדערע שטימונג און אַלעס וועט קלינגען אַנדערש. איבריגענס, איז עס אויך „קלוג" אָנגעשריבען, אום זיך אַרויסצודרעהען פון איין אונאַנגענעהמער סיטואַציע. איז דאָ וואָס צו רעדען נאָך אַזאַ אויפזאַץ?—דער הערר ניגער אָבער האָט אַלעמאָל וואָס צו רעדען. ער קומט מיט'ן גאַנצען שווערען געשיץ פון אַ טיעפזיניגע פילאָזאָפיע, ער פּאָלעמיזירט עטליכע נומערן לאַנג און געברויכט מורא'

דיגע, געוואַלטיגע, טונקעלע פּראַזען—און זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך פערשטעה אַ וואָרט און אויב איך וויים, וואָס ער וויל.

פּאַרצייטענס, ווען מען האָט שוין גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגען און ווען דאָס געזאָגטע איז געווען שוין אינגאַנצען פּוסט און נאַריש, האָט מען זיך איין עצה געגעבען און געמאַכט פון דער ליטעראַטור אַ „הייליגע זאַך" עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ „קולט פון דער שפּראַך, מען האָט גע־מאַכט אַ „שוויענטאָ" פון דער ליטעראַטור. דאָס איז שוין אַלעמאָל אַ בייזער סימן, ווען עס האַלט מיט אַ ליטעראַטור שמאָל. קיינמאָל אָבער איז דער קולט און די שוויענטאָ און די וואָרע, וואָס די פּאַרצייטיגע מלמדים האָבען געמאַכט פאַר העברעאיש, נישט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט די דאָזיגע, וועלכע די היינטיגע מאַכען פאַר יודיש. אַ גאַנצען מיסטישען שלייער האָט מען אַריבערגעוואָרפען איבער דעם ביסעל בידנע ליטעראַטור. עפּעס, זאָ־גען זיי, געהט יעצט פאָר אין איהר פערבאָרגענם. ס'איז אַ סוד. „ס'איז נישט קיין טראַגעדיע און נישט קיין פאַרס, ס'איז אַ קולטור־היסטאָרישע דראַמאַ". עפּעס „ווערט זיך באַלד אויפהויבען דער פאָרהאַנג". עפּעס איז אַלעס הייליג און מען טאָר זיך נישט צוריהרען דערצו. און נישט הייסט זי מעהר „יודישע ליטעראַטור", נאָר „יודיש־ליטעראַטור". אַלעס וואָס איז נישט יודיש, איז נישט ליטעראַטור. מיט דעם יודיש־שרייבען האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די וועלט. אַלעס ביז איצט איז געווען בשקרות.—נאַטירליך, מיט די זעלביגע פּראַזען במעט האָבען די פריהערען חברים געשריבען פאַר פינף יאָהר וועגען איין אַנדערען גע‌ץ, וועלכען זיי האָבען געהאַט דענסמאָל. און איך בין זיכער, אַז נאָך פינף יאָהר, ווען עס וועט גאָר ווידער זיין איין אַנ־דערער גע‌ץ, וועלען זיי וועגען יענעם אַזוי שרייבען. און קום איך אַמאָל און מאַך דערויף אויפמערקזאַם און וויל נישט דערלאָזען צו אַזעלכע נאַריש־קייטען, קומען באַלד די מחנה נאָמבערגס און מוקדונים און האַלטען אין איין שרייען: „אָט זידעלט ער ,אָט האָט ער בעשפּיגען, אָט שרייט ער הע־בער און אָט קען ער זיך בעסער זידלען". עס איז די אַלטע חכמה. אַזוי האָבען געמאַכט די גאָטלאָבערס און די לערנערס און די צווייפעלס פאַר עט־

ליבע און פערציג יאָהר, ווען עס איז אויפגעשטאַנען אַ קאָוונער און האָט זיי נישט געוואָלט לאָזען געוועלטיגען.

אוי, ווי אַלט איז דאָס אַלעס! אוי, ווי פערפוילט מוז זיין אַ ליטעראַ־טור, ווען אַלעס אין איהר איז נאָך ווי עס איז געווען פאַר דרייסיג און פערציג און פופציג יאָהר!

אַזוי לאַנג ווי אונזערע רעדעל־פיהרער וועלען זיך נישט וועלען קלאָר מאַכען דעם איינפאַכען קליינעם אמת, אַז „פון זאָגען ווערט מען נישט טראָגען", דאָס הייסט, אַז פון דעם גערודער־מאַכען אַליין, דאָס מיר האָבען אַ ליטעראַטור, ווערט נאָך אַלץ נישט קיין ליטעראַטור, איז אפילו אויך קיין האָפנונג נישט דאָ, אַז ביי אונז זאָל אַמאָל עפּעס ווערען. עס נוצט נישט דאָס זאָגען אַליין, אַז מיר האָבען דראַמאַטיקער און מיר האָבען ליריקער און מיר זענען די אויבערשטע פון אַלע שטויסלען און מיר האָבען, גאָט זיי דאַנק, שוין געכאַפּט דעם קאָזאַק. ליטעראַטור איז נישט קיין עין הרע, וואָס עס פּעהלט דערביי שפּרעכען און אָפּשפּרעכען. מען קען, חלילה, בלייבען ביים זאָגען אַליין—און אַ נייער דור וועט קומען און וועט ציהען מיט די פּלייצעס און וועט מיטליידיג לאַכען מיט אָט די דאָזיגע נאַרישע זקנים, וועלכע זענען יעצט אַזוי „יונג", און וועלכע האָבען אַזוי נאַריש און לייכטזיניג רעקלאַמע געמאַכט פאַר מענשען, וואָס זענען איך תוך אַריין קיין ציבעלע נישט ווערט.

אוי, דאָס דאָזיגע מיטליידיגע לאַכען! איך פיהל מיין בלוט מיר קומען אין פּנים אַריין, ווען איך דערמאָהן זיך אָן יענעם לאַכען פון די שפּעטערדיגע, וועלכע וועלען זיין נאָך אונז. אַלעס אין דער וועלט—נאָר היט אייך, למען השם, פאַר ווערען לעכערליך! נישטאָ קיין גרעסערער עונש פאַר אַ ליטעראַט, ווי דאָס לאַכען, דאָס רחמנות'דיגע לאַכען פון דער נאָכוועלט. בשעת מעשה איז דאָס, נאַטירליך, אַ גאָרנישט, וואָס מען האָט עס קוים בעמערקט, ווען מען האָט עס געטון: אין דרויסען איז די היץ אַזוי גרויס, אַלעס ווערט איינעם לעול ולמשא, און דאָ האָט מען נאָך צו אַלדי שווארצע יאָהר איין אַרטיקעל אָנצושרייבען פאַר זיין ציטונג, און דער קאָפּ איז אַזוי וויסט און דאָס האַרץ איז אַזוי פּוסט און קיין שום הייליגקייט איז נישט דאָ, און דאָ געהט דריי אַ זייגער מיט פערציג מינוט דער צוג אָב אויף די דאַטשע און מען וויל נאָך אויספּעיען מיטצופאָהרען. און דאָ

ליגט אויפ'ן טיש עפּעס אַ שמאַטע, איין ערצעהלונג פון עפּעס אַ נייעם, אין וועלכער מען קוקט אַריין כאַפּעדיג אויף איין פוס, און ווייל עס איז גראַד די צייט, אין וועלכער מען האַלט ביי „מאַכען" ליטעראַטור און יודיש און פאָלקסטימליכקייט. זעצט מען זיך אַוועק און מען שרייבט אָן הרים וגבעות וועגען דער שמאַטע, און איינס-צוויי-דריי האָבען מיר אַ זשעניע, מיט וועלכען עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער ליטעראַטור אָדער דאָס דאָזיגע ביכעל איז גראַד אַ ביכעל מיט ליעדלעך, וואָס אין בעסטען פאַל איז דערין נישט מעהר פאַרהאַן ווי דאָס בערימטע „בענקעניש", מיט וועלכע אַלע אונזערע ליריקער צייכענען זיך ליידער אויס—און שוין האָבען מיר איינעם, וואָס איז אין זיין קלענסט נעגעלע מעהר ווערט ווי דער גאַנ־צער העברעאישער ביאַליק. איך רעד נישט דערפון, וואָס פאַר אַ געשמאַק, מ'שטיינס-געזאָגט, אַ מענש מוז שוין האָבען, ווען ער קומט צו אַזעלכע שלו־סען. איך רעד נאָר פון דער אייגענטליכער מלאכה, ווי די זאַך ווערט גע־מאַכט. אַזוי ווערט „אויפ'ן ים" פון איינעם אַ שאַפּירא אַ בוך, מיט וועל־כען עס הויבט זיך אָן איין עפּאָכע, אַזוי ווערען „שטילע געזאַנגען„ פון איינעם אַ איינהאָרן אַ מייסטערווערק, אַזוי ווערט אַ „ליעדער-זאַמלונג" פון איינעם אַ באַראָן אַ בוך, וועגען וועלכען עס לוינט זיך אַ מאמר צו שרייבען. אמת, מיט'ן צוג, וועלכער געהט אָב דריי אַ זייגער מיט פערציג מינוט, וועט מען נאָך אוספּעיען מיטצופאָהרען, און צום ביליארד, צו וועלכען מען האָט זיך בעשטעלט מיט'ן חבר אויף פינף אַ זייגער, וועט מען פערטיג זיין, אָבי דאָס געשרייבעריי, דאָס דאָזיגע לעסטיגע אָבקומעניש, איז גע'פּטר'ט— אָבער די נאָך-וועלט? די נאָך-וועלט? ווי וועלען אַזעלכע אויסזעהן אין די אויגען פון די, וועלכע וועלען קומען עטליכע יאָהרצעהנטען שפּעטער? וואו וועלען דאַן זיין די אַלע גרויסע און די אַלע זשעניען? האָבען די פאַ־בריקאַנטען, וועלכע פאַבריצירען איצט אַזוי גיך די גרויסע און די זשעניען און די ביאַליקס, גאָר קיין מורא נישט פאַר'ן שפּעטערען לאַבען?

אָך, די דאָזיגע פאַבריקאַנטען? זיי פעהלט דאָס געפיהל פון פעראַנט־וואָרטליכקייט, עס געהט זיי אָב דער דרך-ארץ פאַר'ן אייגענעם וואָרט, זיי שרייבען און זאָגען אַרויס מיינונגען און פיהלען בשעת-מעשה נישט, אַז זיי האָבען איבערגענומען איין אחריות פאַר דעם, וואָס זיי זאָגען. „נאָך מיר זאָל זיין דער מבול!" — אָבי אין דער געגענוואַרטיגער צייט קען דאָס

אַרויסגעזאָגטע נישט אַזוי גיך קאָנטראָלירט ווערען. זיי האָבען נישט דעם שטאָלץ, אַז דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבען געזאָגט, זאָל זיין דאָס דורכגע־פיהלטע און דורכגעלעבטע; דאָס שרייבען איז זיי איין אָבקומעניש, אום דעם צוג נישט צו פערשפּעטיגען. און דערצו קומט נאָך יענע אומגליקליכע בהלה, וועלכע האָט זיי פּלוצלונג ארומגענומען צו בעשאַפען איבער נאַכט א ליטעראַטור און אַ „יודיש" און אַ פאָלקסטימליכקייט און אַלדאָס גוטס— און מעג עס זיין פון אַרבעל אַרויס.

עס איז א יונג ליטעראַטורעל, אָדער בעסער געזאָגט, איין הקדמה צו עפּעס א שטיקעל ליטעראַטורעל, פון וועלכער מיר ווייסען נישט, אויב עס קען עפּעס דערפון אַרויסקומען אָדער נישט, און עס קען נישט שאַדטען, ווען מען זאָל זיי דעם שפּיגעל האַלטען פאַר די אויגען אָהן איין אויפהער טאָג און נאַכט. מיר, וועלכע האָבען שוין איין עהנליכע פאַזע דורכגעמאַכט אין איין אַנדערער ליטעראַטור, אין דער יונג־העברעאישער, מיר האָבען שוין די ערפאַהרונג. אויך מיר האָבען פאַר פערציג און פאַר פופציג יאָהר געהאַט לויטער גדולים, לויטער זשעניעז, און ווי אַ בחור האָט אָנגעשריבען עפּעס א שיר „על האָביב" (דעמאָלט איז גראָד געווען „אָביב" אין דער מאָדע און נישט בענקעניש"!), באַלד איז דאָס געווען א גרויסער, און ווי אַ משכיל האָט אָנגעשריבען עפּעס איין ערצעהלונג וועגען די מורדי אור" (דעמאָלט איז גראָד געגאַנגען די סדרה „מורדי אור" און נישט פסיכאָלאָגי־שער עטיוד"!), באַלד איז דאָס געווען אַ זשעניע. און וועמען האָבען מיר דעמאָלט נישט אַלץ געהאַט? מיר האָבען געהאַט אויף שריט און טריט אַ „פּושקין שלנו", אַ „לרמונטוב שלנו", אַ „היינו שלנו", א „געטהע שלנו", אַ „הומבאָלדט שלנו", חוץ עטליכע הונדערט שילער'לעך און שעקספּיר'־לעך. עפּעס קלענערס ווי הומבאָלדט און שעקספּיר איז כמעט שוין גאָר נישט געווען. עס איז אָבער מערקווירדיג, ווי די דאָזיגע גאַנצע נאַרישע און קינדערשע קאָמעדיע האָט אויפגעהערט מיט דער מינוט, ווי עס האָט זיך בעוויזען דאָס ערשטע אמת'ע טאַלענטעל. דער עולם האָט אָנגעהויבען צו קריגען דאָס ערשטע בעוואוסטזיין פון דעם, וואָס הייסט טאַלענט, און האָט עהרפורכטספאָל געשוויגען. יעצט האָבען מיר דיזעלבע ערשיינונג ביי די „יודישיסטען". עס ווימעלט עפּעס ביי זיי פון לויטער טאַלענטען און זשעניען. אַזוי לאַנג אָבער ווי דער דאָזיגער נאַרישער העקסען־טאַנץ וועט

ניִשט אויפהערען, איז דאָס אַליין אַ סימן, אַז דאָס ערשטע אמת'ע טאַלענט איז ביי זיי נאָך ניִשט דאָ. זיי האָבען נאָך ניִשט די שטילע עהרפורכט פאַר דעם וואָס הייסט טאַלענט.

און דערביי איז נאָך אַ געוואַלטיגער אונטערשיעד צווישען יענע און די. יענע זענען אהרי כל אלה געווען מענשען בני תורה, זיי זענען סוף־כל־סוף געווען קינדער פון אַ קולטור און אַ טראַדיציע, און עס איז געווען צו האָפען, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט עפּעס פון זיי אַרויסקומען. יעצט אָבער—איך מוז אַראָבהענגען די אויגען, ווען איך טראַכט דערפון. עס זענען ליטעראַטען מיט אַזאַ געוואַלטיגע סומע פון אונוויסענהייט נאָך ניִשט געווען ביי קיין שום אומה ולשון. עס איז אפשר דער גרעסטער קוריאָז: ליטעראַטען, וועלכע זענען כמעט אַנאַלפאַבעטען. און דערצו נאָך יענע פּוסט־קייט, וועלכע איז געוועהנליך די פאָלגע פון אַזאַ גרויסע עם־הארצות. עס איז שוין מעגליך, אַז עטליכע פון זיי האָבען באמת טאַלענט—ווי לאַנג אָבער האַלט זיך אַ טאַלענט ביי אַזאַ פאַבעלהאַפטער אונוויסענהייט און ביי אַזאַ שטאַרקער נייגונג, ניִשט צו וועלען אַרבייטען ? ווילען די, וועלכע מאַ־כען פאַר זיי רעקלאַמע, דאָס דאָזיגע ניִשט איינזעהן ? פון וואַנען נעהמט זיך ביי זיי דער מוט, נאָך צו האָפען, אַז פון זיי וועט עפּעס אַרויסקומען, אפילו דאָפּ וואו זיי מיינען פּאָזיטיוו, אַז עס איז פאַרהאַן טאַלענט ?

דאָס אַלעס אָבער שאַדט ניִשט. ליטעראַטור מוז געמאַכט ווערען—און זיי „מאַכען". עס ווערט געמאַכט מיט איין אונהיימליכער וואַט און מיט אַ שוים אויף די ליפּען. עפּעס האָט עס אַ פּנים, ווי מען וואָלט זיי יאָגען. עפּעס זעהט עס אויס, ווי מען שטעלט אויף אַ פּלאַץ אויף דער ביה־נע אין לויף פון איין אַנטראַקט פון פינף מינוט. איבער נאַכט מוז אַ ליטע־ראַטור פאַרטיג ווערען בכל מכל כל. צוערשט מוז גיך אָבגערייניגט ווערען דער אָרט פון די הויפען שטיינער און זאַמד, וועלכע שטערען—און דערביי זידעלט מען יעדעס שטיקעל העברעאיש ביי יעדער געלעגענהייט. דאַן כאַפּט זיך איינער, וועלכער קען ניִשט עברי, און איבערזעצט אויף דער גיך דעם „זוהר". דאַן מאַכט מען אויף דער גיך איין „איוב" אויף יודיש. דאַן אויף דער גיך די גאַנצע „חכמת ישראל", דען די אמת'ע ליטעראַטור איז דאָך די יודישע און דער גאַנצע אוצר מוז אַהין אַריינגעכאַפּט ווערען. דאַן איבערזעצט מען אויך דער גיך קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור און

גלאַט שענע ליטעראַטור און וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור און אַלע אַנדערע מיני ליטעראַטור. און דאַן מאַכט מען טאָג און נאַכט גדולים און זשעניען און טאַלענטען. און אַלעם אין לויף פון נאָר טעג אָדער וואָכען אָדער מאָנאַטען. מען וועט אויך באַלד האָבען אַלטע זעלטענע כתבי־יד...

און די, וועלכע מאַכען דאָס אַלעס, זענען די דאָזיגע, וועלכע איילען זיך, זיי זאָלן נישט פערשפּעטיגען דעם צוג, וועלכער געהט אָב דריי אַ זייגער מיט פערציג מינוט, אָדער דעם ביליאַרד, וועלכער איז בעשטעלט אויף פּונקט פינף אַ זייגער!

ווי קען מען מיט זיי רעדען? ווי קען מען מיט זיי האָבען צו טון? אז דאָס זענען מענשען, וועלכע פערשטעהען קיין שפּאָס נישט — איך טרייב מיט זיי אַ ביסעל קאַטאָוועס, גלאַט אַזוי, ווייל איך האָב זיי אַזוי זעהר ליעב און איך וויל מיך מיט זיי דורכאוים אַ ביסעל אונטערהאַלטען, און רעדט צו מיר מיט אַ טאָן פון סיסטשיק וועגען גנבות און וועגען מיינע קריטיקעריי: עפּעס איינעם אַ זעהר בעריהמטען מאַן און אַ זעהר פער־דיענטען ליטעראַט מיט דעם נאָמען ליטוואַק — איהר האָט דעם נאָמען שוין ווען אין אייער לעבען געהערט? — וועלכער רעדט צו מיר מיט קנייט־שען אויפ'ן שטערן און פערלאַנגט פון מיר אידעאַלען און פּאָזיטיווע אַרבייט און רעדט צו מיר מיט אַ טאָן פון סיסטשיק וועגען גנבות ון וועגען מיינע צייהן און וועגען מיינע יאָהרען — און דו גנעה האַלט עס אוים. קוים־קוים וואָס עס האָט זיך ביי מיר געוויזען די ערשטע גרויע האָר אויף דער שלייף פון דער רעכטער זייט, און שוין טענה'ט ער, אַז איך ביז אַלט און בין איין עבר ובטל. קוים־קוים וואָס איך האָב אַ פּלאָמבע אין אַ באַקצאָהן אויף דער לינקער זייט, און שוין רעדט ער וועגען מיינע „לעצטע איבערגעבליבענע צייהן", מיט וועלכע איך ביים. קוים־קוים וואָס איך האָב אַמאָל גע'גנב'עט אַ זילבערנעם לעפעל אָדער אפשר גאָר די פּערעל פון דער קרוין פון טשענ־סטאָכאָוו, און שון טענה'ט ער, אַז מיין „יזכור" און מיין „אופיר" און מיין היום האחרון"(?) און אַלע מיינע פעליעטאָנען אין „הדור" און מסתמא אויך די אַנדערע זאַכען זענען גע'גנב'עט אָדער, ווי ער רופט דאָס אָן, „איבערפּאַראַפראַזירט" פון פראַנצאָז און שילער און היינע און דאָדע. און נאַ דיר גאָר איין אָנשיקעניש: אידעאַלען פערלאַנגט ער פון מיר און ערנסטע אַרבייט; פון מיר—אַזאַ פּוסטען מענשען, וועלכער האָט אין זיין גאַנצען לעבען נישט מעהר געטון ווי אָבגעלאַכט פון מענשען; ער מיינט, אַ פּנים ער רעדט מיט זיינע לייט פון דער יודישער ליטעראַטור, וועלכע זענען בעקאַנטליך אַזוי זיטליך ערנסט און האָבען אַזעלכע הויכע אידעאַלען.

עס איז, זאָג איך אייך, אַ שרעקליכער מענש. און דער דאָזיגער שרעקליכער און זעהר בעריהמטער מענש מאַכט פון מיר אַ „סך־הכל״—און אַלעס אַזוי ערנסט און אָהן אַ שום שמייכעל. איינמאָל נאָר האָט ער געוואָלט זיין גייסטרייך, האָט עס זיך איהם, ליידער, נישט איינגעגעבען; ער זאָגט, אַז איך ברעך נישט קיין געטער, נאָר איך בין אַ „המן־קלאַפּער״. איך האָב מורא, אַז אונזערע המנ׳ס, די הערדען ליטעראַטען, הייסט עס, וועלען איהם – ייִן בעזונדערס דאַנקבאַר פאַר אַזאַ קאָמפּלימענט, וועלכעס קומט געוועהנליך פון זעהר פיעל חכמה. ווי אָבער די מעשה איז, ווען אַזאַ בע־ריהמטער ליטעראַט, וואָס איך לייען זיין נאָמען היינט צום ערשטען מאָל, מאַכט פון מיר אַ „סך־הכל״, וועל איך מוזען געהן. היינט—מאָרגען וועל איך מסתם אויפהערען צו שרייבען. פאַר׳ן אויפהערען וואָלט איך אָבער נאָך וועלען רעדען עטליכע ווערטער.

ווייסט איהר, וואָס איך האָב קעגען די נײַ־יודישע ליטעראַטור?

נישט קעגען יחידים האָב איך עפּעס, נאָר קעגען דאָס גאַנצע, דאָס גאַנצע קומט מיר אויס אַזוי לעכערליך און „געמאַכט״ און אויף דערווייל און טאַנדעט־אַרבייט פון איבערנאַכט, און איך מוז אַלעמאָל געדענקען אָן יונגלעך, וועלכע שפּיעלען זיך אין גרויסע״. און ווייסט איהר, פאַרוואָס דאָס איז?

פון דער גוטער אַלטער צייט, פון די רעוואָלוציע־טעג האָב איך אַמאָל געשריבען אַ פעליעטאָן אויף העברעאיש (די לעזער פון יודיש וועלען איהם אפשר קענען פון דער פאָרטרעפליכער יודישער איבערזעצונג פון בעל־מחשבות). אין וועלכען איך האָב אונגעפעהר געזאָגט: איך האָב פיינט מו־זיק, איך האָב פיינט די פרייהייט, איך האָב פיינט ליטעראַטור. ווען יעדעס דריטע נאַרישע מיידעל, וועלכע מאַכט־מיט די מאָדע, האָט דאָס רעכט צו קלימפּערן אויפ׳ן צימבעל, און דאָס הייסט מוזיק, קען איינעם די מוזיק ווערען איין עקעל. ווען יעדער נאַרישער גאַסען־יונג, מיט די ענגסטע השׂ־גות און מיט די אומקלאָרסטע פאָרשטעלונגען, האָט דאָס רעכט מיטצולוי־פען מיט דער פאַרטיי, און דאָס הייסט אַ פרייהייטס־קעמפער, קען איינעם איבעל ווערען פאַר די פרייהייט. און ווען יעדער פוסטער בחור, וועלכער האָט גראָד נישט קיין אַנדערע בעשעפטיגונג, האָט דאָס רעכט מיטצושרייבען

פאר די עפענטליכקייט, און דאס רופט זיך ליטעראטור, קען איינעם א שוי־דער ארומנעהמען פאר ליטעראטור.

און א שוידער האט מיך ארומגענומען פאר ליטעראטור, ווען איך האב געזעהן, ווער עס מאכט זי און ווער עס שטעהט דארט בראש און ווער עס זענען די רעדעל־פיהרער. נישט אזוי די פראדוקציע האט מיך אנגע־עקעלט, ווי די לייט אליין. א האלב מנין קאפעהויז־מענשען, בחורים ליידיג־געהערס, וועלכע שניפלען ארום פון איין רעדאקציע אין די אנדערע, יונג־לעך, וועלכע קענען זיך נישט צוגעוועהנען אפילו צום בעגריף פון ארביי־טען, פוסטע הוילע קעפ, פאר וועלכע דאס גאנצע איז א שפיעלעכעל, זיי דאס האבען זיך גענומען צו דער לייכטסטער פון אלע לייכטע מלאכות, צום פלאפלען וועגען קונסט און וועגען אידעאלען און וועגען פאלק און פאלקסטימליכקייט און זיי דאס „בעשאפען" ליטעראטור. זיי ווייסען נישט, וואס עס הייסט זיטליכער ערנסט, זיי זענען מהיכא־תיתי־מענשען, און זיי וועלען—בעשאפען. און ווי די אפען זענען זיי געוועזן. זיי האבען געזעהן, אז די טויב־שטומע האבען געמאכט א קאנגרעס, די דיק־לייביקע האבען גע־מאכט, עספעראנטיסטען האבען געמאכט, האבען זיי אויך געמאכט. און האבען נישט פארשטאנען דאס ליבערליכע דערפון, וואס דאס הייסט א קאנגרעס פון א האלב מנין בחורים אדער פון א גאנצען מנין, און אפילו מיט דער דעקאראציע פון די צוויי־דריי בעסערע מענשען. איבריגענס, הא־בען זיי דאך אזעלכע קאנגרעסען יעדען טאג אין יעדען קאפע־הויז, וואו זיי זיצען גראד. און א היים זענען זיי געקומען מיט א פערטיגע זאך, מיט „יודיש". יודיש איז געווארען א קולט, יודיש איז געווארען הייליג. עס טויג נישט מעהר פעטערבורג, עס מוז זיין דוקא סאנקט־פעטערבורג. עס טויג נישט מעהר יודיש, עס מוז זיין דוקא הייליג יודיש. יאהרצעהנטען האט מען געקעמפפט געגען דאס הייליגע פון העברעאיש, און דא גאר איז שוין יודיש הייליג. מען מוז זיך וואשען די הענד, אז מען ריהרט זיך צו דערצו. מוז מען זיך אויסטון די שטיוועל, אז מען גענעהנט זיך דערצו. און ווער פיהרט דאס גאנצע א האלבער אדער א גאנצער מנין ליידיג־געהערס...

ווי? אזעלכע ווילען וואגען איבערצונעהמען די גרויסע פיעלטויזענד־יעהריגע ירושה פון איין אומגליקליך פאלק און „באלעבאטעווען" דעריבער, און מיר זאלען שווייגען? דענקער האבען מיר געהאט, דיכטער האבען

מיר געהאַט, גרויסע שמערץ־טראַגענדע האָבען מיר געהאַט, און דאָס אַלעס איז גאָרנישט, און אויסלאָזען זאָל עס זיך מיט דער נאַרישער טראַגי־קאָמע־דיע, אז עטליכע בהורים עם־הארצים, עטליכע מהיכא־תיתי׳ניקעס זאָלען וואגען זיך איינצורעדען,, אַז זיי וועלען פיהרען דאָס פאָלק ביי דער נאָז? און ווען שוין דאָס אומגליק האָט אונז פערפאָלגט, און ווען שוין אַלעס איז באַנקראָט, און ווען שוין איין השכלה־בעוועגונג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ גאָרנישט, און ווען שוין אַ ציוניזמוס האָט אונז גאָרנישט געגעבען, און ווען שוין אַ פרייהייטס־בעוועגונג איז דערשטיקט געוואָרען—זענען מיר דעריבער אַזוי טיעף געפאַלען, אַז אַזעלכע גאָר לאָזען שוין הילכן, ווי מע־נער ערלויבען, זיך צו שטעלען אָן דער שפּיץ? אַזעלכע בחורים, מ׳שטיינס־געזאָגט, מיט זייער עם־הארצות און מיט זייערע קינסטלער־קראַוואַטען און מיט זייערע זיסע שמועסען וועגען קונסט און פאָלק און פאָלקסטימליכקייט און—תוך־כדי־דבור—וויפיעל האָנאָראַר מען נעהמט דערפאַר פון דער שורה?

און זאָגסט דו דאָס, און ביסט דו מרמז אויף אַ טויזענטסטעל פון דעם, וואָס דו פיהלסט ביי דיר אין האַרצען, ענטפערט מען דיר: „יזכור" איז איבערפאַרפּאַראַזירט פון פראַנצאָז, אַ גנב ביסט דו, דו האָסט קיין צייהן נישט, אַ גרייז־גרויער מאַן ביסט דו, זאַראַטוסטראַ איז שלעכט איבערגע־זעצט, ליפערט איז שוואַך, אונשטערבליכקייט ווילסט דו האָבען און כבוד פון אונז, און מיר ווייסען נישט, פאַרוואָס עס קומט דיר, וכו׳ וכו׳.

ניין, ניין, למען השם נאָר נישט קיין כבוד פון זיי! איך וויל מיר שוין בעסער אויסקלויבען צאָהנוועהטאָג, איידער צו לאָזען זיך דריקען די האַנד פון זיי. איך וויל מיר שוין בעסער אויסקלויבען לייענען וועגען מיר די מאמרים פון דעם זעהר בערימהטען מאַן און ליטעראַט ליט־וואַק. — איהר האָט דעם נאָמען שוין ווען אין אייער לעבען געהערט?

איז געשמאַק איינער פאַר אַלעמען גלייך? דאַכט זיך, יעדעם פּיצעלע קינד וועט דיר שוין וויסען דערויף צו ענטפערן: ניין, געשמאַק איז נישט גלייך! עס איז דאָך אַ בפירוש'ער וועלט־פּסוק: „וועגען געשמאַק לאָזט זיך נישט דיספּוטירען", „דער געשמאַק איז פערשידען", „עס איז פאַראַן געשמאַק און געשמאַקען"—וכדומה. אוי די דאָזיגע בפירוש'ע וועלט־פּסוקים, וויפיעל אומגליק האָבען זיי שוין אָנגעמאַכט!

יעדע אומה האָט זיך שוין אַזאַ ווערטעל גרייט אין איהר שפּראַך־שאַץ. און אַזאַ ווערטעל, קוים איז עס געגאַנגען טויזענדער יאָהרען איש מפּי איש, ביז עס איז געוואָרען אַ שפּריכוואָרט, איז, כידוע, תורת לאָקשען, איז אַ מענשען שוין אַמאָל אַריינגעפאַלען, צו אונטערזוכען דעם פאַקטישען ווערט פון אַזאַ „וואָהרהייט" און צו זעהן, אויב די תורה איז תורה און דער לאָקש איז לאָקש? מיר דאַכט זיך, אַז ווען אַ מענש וועט זיך נעהמען אַמאָל צו דער דאָזיגער מלאכה, בודק צו זיין אַלטע שפּריכווערטער און רעדענס־אַר־טען, וועט אַ רעכט ביסעל פון די אַלטע אמת'ען זיך אַרויסשטעלען פאַר נישט אַזוי שטאַרק אמת. יעדער וויים, למשל, אַז „כל הבורה מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו", ווער עס אַנטלויפט פונ'ם כבוד, יאָגט זיך דער כבוד נאָך איהם—איך האָב אָבער מורא, אַז אַ היינטיגער מענש וועט פאָרט איינ־זעהן, דאָס דער, וועלכער וועט זיך דעם כבוד נישט אַליין מאַכען, אָדער קויפען אָדער אַריינכאַפּען צו זיך מיט ביידע לאַפּעס, דער וועט איהם קיינ־מאָל נישט האָבען. יעדער וויים, למשל, אַז „מתוך שלא לשמה, הוא בא לשמה", מען הויבט אָן אפילו נישט עהרליך, דער סוף אָבער טוט מען אַלץ לשם שמים—איך האָב אָבער מורא, אַז אָפּט איז דאָס די שולע פון אַ רעכט ביסעל גנבת־דעת און מען געוועהנט זיך דאַדורך צו זיין אַ צבוע'אַק, און אַז ווען מען הויבט אָן שלא לשמה, ווערט מען צום סוף אַ פערד־גנב. יע־דער וויים, למשל, אַז „געשמאַק איז פערשיעדען"—און איך האָב אָבער מורא, אַז דאָס איז פאָרט נאָך נישט אַזאַ בעוויזענער אמת, וואָס מען זאָל קענען שווערען דערויף.

ניין, אין וועל דערויף נישט שווערען. דער געשמאַק איז נישט פער־
שיעדען. דער געשמאַק איז אין דער וועלט איינער און איינציג און פאַר
אַלעמען אָהן אויסנאַהם גלייך. איינער האָט איהם, דער אַנדערער האָט איהם
נישט; ביי איינעם איז ער אויסגעבילדעט ביז גאַר, ביי דעם אַנדערען איז
ער נאָך גאָרנישט אויסגעבילדעט, אָדער ער האַלט רעשט אין בילדען זיך
און אין ענטוויקלען זיך — און דאָס איז דער גרונד פון די פערשיעדענע
עסטעטישע סכסוכים. קוים אָבער זאָל איך אָננעהמען, אַז דער געשמאַק
איז פערשיעדען, זעה איך נישט איין, וואָס פאַר אַ רעכט איך האָב צו האָ־
בען טענות צו די, וועלכע עס געפעלט זיי אַ „קוני־לעמעל" און אַ „וועלוועל
עסט קאָמפּאָט". מיר, למשל, געפעלט די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען,
און אונזער דיענסט־מיידעל קאַטאַרזשינאַ געפעלט גאָר אַ שאַרמאַנקאַ, וועל־
כע שפּיעלט אויף'ן הויף, דען — דער געשמאַק איז פערשיעדען, און אפשר
האָט זי גאָר דעם אמת'ען געשמאַק. דאָס איז אָבער נישט אַזוי. די קונע־
לעמעל־יודען און די קאַטאַרזשינעס מוזען מיר קענען זאָגען אַזוי: איהר
האָט נאָך גאָר קיין געשמאַק נישט, און איהר מוזט ערשט ווערען ערצויגען
צום געשמאַק. ווען אַזוי אָבער, ווייס איך נישט, פאַרוואָס זאָל איך מיך
גראַד אָבשטעלען ביי די דאָזיגע יודען און ביי די קאַטאַרזשינעס און פאַר־
וואָס זאָל איך דאָסזעלביגע נישט קענען זאָגען אויך אונזערע ליטעראַטען,
בשעת איך געפין, אַז זיי פערקריכען זיך אין זייער געשמאַק ביז צו אַ מין
שאַרמאַנקע־ליטעראַטור. די הויפּט־זאַך איז נאָר, אַז איך מוז דאָס קענען
בעווייזען.

איך האָב די דאָזיגע עטליכע בעמערקונגען געמוזט דאָ מקדים זיין,
ווייל אָפט קומט מיר אויס צו הערען פון מענשען, וועלכע מיינען עס גאַנץ
עהרליך און זענען נישט אַזוי פערעקשנ'ט און פערביסען אין זייער יודיש־
עבודה־זרה'לע, ווי די סקאַרבאָווע רעצענזענטען און מאמרים־שרייבער, אַז
איך האָב נישט דאָס רעכט צו פעראורטיילען אַ גאַנצע עדה פון יונגע שריי־
בער און ערצעהלער איינציג און אַליין, ווייל זייערע שטאָפען פון זייער ער־
צעהלונגס־אַרט געפעלען מיר נישט, דען דער געשמאַק איז פערשיעדען. איך
בין נעמליך, זאָגען זיי, פון איין אַנדער בית־מדרש. ניין, איהר האָט אַ
טעות! איך בין גאָר נישט פון איין אַנדער בית־מדרש, און גוסטירען
גוסטיר איך אין אַלע בתי־מדרשים און אין אַלע שטאָפען און אין אַלע אַר־

טען— בתנאי, אז זיי לאזען נאר האבען געשמאק. דאס אומגליק איז נאר, וואס די עטליכע נייע (מיט אויסנאהם פון איינציגע, וואס איך האלט פון זיי זעהר פיעל) זענען צום גרעסטען טייל זעהר געשמאקלאז און נישט קינסטלעריש און זענען „געמאכט" און נאכגעמאכט און פוסט. עס וועט מיר קיינמאל נישט איינפאלען צו זאגען, אז ווייסענבערג איז טאלענטלאז. איך וועל קיינמאל נישט זאגען, אז א יונה ראזענפעלד איז איין ערצעהלער, וועלכען איך וועל אוועקמאכען מיט דער האנד. איך וועל אפשר בעדויערן, וואס די דאזיגע יונגע זאפטיגע טאלענטען האבען נישט געלערנט, און וועל בעוויינען, וואס זיי לערנען נאך איצט נישט. איך וועל פערשעלטען די דא־זיגע, וועלכע צוליעב די קאמעדיע, וואס זיי האבען גראד נויטיג, און צו־ליעב די פריוואט־עסקים, וועלכע זענען פאר זיי דער עיקר אין דעם גאנ־צען שפיעלעכעל מיט קונסט און ליטעראטור, האבען זיי דורך פוסטע קאמפלימענטען פערפיהרט די דאזיגע, פון וועלכע מיר האבען יא געקענט עפעס ערווארטען, און האבען זיי געמאכט פאר קאלעקעס און האלב־קאלע־קעס. זיי האבען נישט גענומען די צוויי־דריי טאלענטען, וועלכע מיר הא־בען, און האבען זיי נישט געפערדיגט לערנען און ארבייטען, און האבען זיי געלאזט פערקרומען און פערקומען. דאגעגען אבער וועל איך טאג און נאכט שרייען. אז דער גרעסטער טייל פון די „גאונים", וועלכע זיי ענט־דעקען ביי זיך טאג־טעגליך, און איבער וועלכע זיי מאכען זייערע ברכות מיט די פערדרעהטע אויגען און מיט די משוגע'נע ציגיינערישע העויות, זענען איין אויסגעבלאזען איי נישט ווערט. איך וועל נעהמען אין האנד אריין איין ערצעהלונג פון שאפירא און וועל זאגען, אז דער, וועלכער שרייבט וועגען דעם, אז דאס איז א קונסט־ווערק, און קריגט פערציקענישען פון יעדען ווארט און זעהט אין יעדען אות—און דוקא דארט, וואו עס איז אים נארישסטען — סתרי תורות און נייע עפאכען פאר די שפראך און פאר די ליטעראטור, דער איז געשמאקלאז ביז גאר, און אזא איינער האט גאר נישט דאס רעכט מיטצורעדען דא, וואו מען רעדט וועגען א ליטעראריי־שע ערשיינונג. איך וועל לייענען א בענדעל ליעדער פון איינהארן און וועל זאגען, אז דער, וועלכער פערדרעהט די אויגען מיט כונות, ווי איין עהרלי־כער יוד ביים „תזכרו", און שרייבט אויף די דאזיגע ליעדער מי יודע וואס פאר א שבחים, דער איז ענטוועדער א מענש, וואס זיין געשמאק שטעהט

אַזוי נידעריג, ווי דער געשמאַק פון איין אַפריקאַנישען נעגער, אָדער ער איז אַ גונב דעת, וועלכער דאַרף גראַד האָבען טאַלענטען פאַר די ליטעראַטור, וואָס ער האָט איבערגענומען אַלס פאָדריאַד אויפצובויען איבער נאַכט, און ער נעהמט מכל הבא לידו. ער האָט אַ ביסעל געוואַרט און האָט געזעהן, עס איז נאָך אַלץ נישט דאָ קיין ביאַליק, האָט ער געמאַכט ווי יענער בעל־קורא אין הסיד'ישען מנין, וועלכער זאָגט עס איז שוין צייט צו מאַכען אַ פּזר, און ער האָט געמאַכט דעם פּזר ביים ערשטען בעסטען וואָרט, וועלכעס איז איהם געקומען אין מויל אַריין. איך וועל זעהן אינ'ם יודישען טעאַטער אַ קורסיסטקע, וועלכע שפּיעלט, אַז מען מעג זי קורע זיין. וועל איך זאָגען, אַז דער טעאַטער־קריטיקער, וועלכע איז אַזוי פרעך צו שרייבען, אַז דוקא די דאָזיגע קורסיסטקע איז אַ פּערל פאַר די קונסט וכו', איז איין אומענש, ווייל ער ערלויבט זיך, זיך צו בענוצען מיט ליטעראַטור אַלס דעקמאַנטעל צוליעב זיין פּריוואַט־געשמאַק, און מיטשולדיג איז דער רעדאַקטאָר, וועלכער גיט אַזאַ איינעם אָב איין אָרט אויף צו שרייבען.

אַזוי שטעהען די זאַכען. דאָס זענען מיינע טענות, וועלכע איך האָב צו דער יונג־יודישער ליטעראַטור. איך האָב אייגענטליך נישט אַזוי פיעל קעגען די ליטעראַטור גופא, ווי איך האָב קעגען איהרע מאַכערס; מיך אַרט נישט אַזוי אונזער ליטעראַטור, ווי מיך אַרען אונזערע ליטעראַטען.

שוין לאַנג האָט אונז דער ערב־רב געשאַדט ביי אונזער פרייהייטס־בעוועגונג; איך וואָלט נישט וועלען, אַז די טרויעריגע ערשיינונג זאָל זיך איבער'חזר'ן אויך ביי אונזער קונסט און ליטעראַטור. איך וואָלט נישט וועלען, אַז מיר זאָלען ווידער האָבען אַ חברה'לע און אַ קליקע.

איך קום ביסלעכווייז צום שלום פון מיינע בעטראַכטונגען. די „ייד־דיש״־ליטעראַטור, ווי יעדער רעקלאַמע־אַרטיקעל, מוז שווינדען מיט דער מינוט, ווי די רעקלאַמען ווענען איהר וועט אויפהערען. אויב די רעקלאַמע ווערט געמאַכט פאַר אַ צאָהן־וואַסערל אָדער פאַר אַ מאַשטש אויף האָר־וואַק־סען אָדער פאַר אַ ליטעראַטור—איין געזעץ גילט פאַר אַלע מיני רעקלאַמעס צוגלייך.

די זייפענבלאָזען, ווייל זיי זענען געמאַכט פון זייף און ווייל די בלאָזער זענען קינדער, וועלכע מיינען זיך נאָר צו שפּיעלען, הויבען־אָן איינציגווייז צו פּלאַצען. דער גערודער, ווייל ער איז אַ פּוסטער און ווייל עס גערט איהם אָב דער באַזיס פון אַ נאַטירליכער און היסטאָרישער ענטוויקלונג, הויבט־אָן ביסלעכווייז אַנטשווינען צו ווערען. די לופט־שלעסער, ווייל זיי זענען געמאַכט פון לופט און ווייל זיי האָבען אַ פּנים פון שלעסער אויף דער סצע־נע פון אַ טעאַטער, וועלכע ווערען אויפגעבויט אין גאַלאָפּ און אויף דערווייל, הויבען־אָן איינס נאָכ׳ן צווייטען איינצופאַלען. אַלעס הויבט־אָן צו שווינ־דען ווי אַ חלום. און נישט אַמאָל ווי אַ שענער חלום; דערצו האָט געפעהלט די עהרליכע נאַאיוויטעט, די נאַאיווע עהרליכקייט. מענשען מיט אַ מהיכאַ־תיתי־כאַראַקטער, לייט מיט אַ „טרין־טראַוואַ״,פילאָזאָפיע זענען געוועזן די פאַבריקאַנטען פון איהם. ביים ערשטען קרעה פון אַ העהנדעל הערט דער היהנער־פּלעט אויף.

פון „קונסט״ האָבען זיי געפּלאַפּעלט — און דאָס איז נאָר געוועזן אַ גיי מין הסידות און אַ נייע קדושה. און אַ נייע געצענדינעריי. „גאונים״ און „זשעניען״ האָבען זיי טאָג־טעגליך פון די אַרבעל געשאָטען, פּונקט ווי אַ פאָקוסניק, וועלכער לעגט אייער פון זיין צילינדער אָהן אויפ־הער — און דאָס זענען גאָר געוועזן נייע „רביים״ און „רבי׳לעך״ און „גע־צען״ און „געצעלעך״. „עסייען״ און „סטודיען״ און „פּסיכאָלאָגישע שטריכ־ען״ האָבען זיי געשמירט — און דאָס זענען גאָר געוועזן נייע מינים פון דער אַלטער און פּוסטער „מאמרים״־שרייבעריי. אַוועק דערמיט! — די אַרבייט

ווען זי זאָל האָבען עפּעס ווי אַ קיום, מוז פון דאָס ניי אָנגעהויבען ווערען, און עהרליכערע און ריינערע מוזען זי מאַכען. צווישען אַ פּאַפּיראָס און אַ ביליאַרד־פּאַרטיע מאַכט מען נישט קונסט און ליטעראַטור און גרויסעס. צווישען אַ גלעזעל ביער און אַ קאַפּעהויז־שמועס פלאַנצט מען נישט דאָס קערנדעל פון פאָלקסטימליכקייט. און הויפּטזעכליך: מענשען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט געלערנט, קענען נישט שאַפען; אפילו אַ טאַלענט, ווען ער בעוויזט זיך יאָ שוין צווישען זיי, מוז עס פערוועלקען. ווען די מענערלוסען ווערען כהנים גדולים, איז אַ סימן, אַז דער חורבן איז נאָהענט.

וואָס האָבען זיי אונז געגעבען, די דאָזיגע לייט פון „יודיש״? איך ציטער אין מיין גאַנצען קערפּער, ווען איך דערמאָהן זיך, אַז עס איז געווען גאָר אַ מעגליכקייט ביי אונז, מען זאָל דערלאָזען אפילו פינף מינוט לאַנג אַזעלכע מענשען צו ווערען איינרעדען איין עולם, אַז זיי ווערען זיין די פיהרער. אַזעלכע — און זיי גאָר געהען „ראַטעווען״ דאָס פאָלק! — אַזעלכע האָבען אונז נאָך געפעהלט!...

וועלכע זאַכען פון אַ קיום האָט זי אונז געגעבען, די דאָזיגע „יודיש״־עפּאָכע? כמעט ווי גאָרנישט! איך זאָג כמעט, דען איך מוז איין אויסנאַהם מאַכען פאַר עטליכע פאָרטרעפליכע זאַכען פון פּרץ, פון אַש און פון נאָך אַ צוויי־דריי. נאַטירליך וועל איך מיך נעהמען אין אכט, צו פערגלאָצען דערביי די אויגען און צו מאַכען דעם אָנשטעל און צו פערברייטען דעם גלויבען, אַז זיי האָבען אונז געגעבען מי יודע וואָס פאַר אַ וואונדער־ווערק. די דאָזיגע הערן זענען טאַלענטען, און זיי ברויכען נישט קיין פאַלשע קאָמפּלימענטען און שבחים. דאָס אמת'ע טאַלענט איז צופריעדען, ווען עס בעדאַרף נישט הערען די איבערטרייבונג; עס איז גענוג, ווען מען זאָגט איהם דאָס, וואָס עס איז. און די דאָזיגע הערען האָבען גענוג פערדיענסטען: זיי זענען די ערשטע זומערפויגעלעך, די פאָרלויפער זענען זיי פון אַ ליטעראַטור, וועלכע מוז ערשט נאָך געשאַפען ווערען. דאָס הייסט אָבער נאָך נישט ליטעראַטור. איך מוז צוריק קומען צו דעם בילד, מיט וועלכען איך האָב מיך שוין איינמאָל בענוצט אין די דאָזיגע אַרטיקלען. ווען פוילען זאָל חלילה אָבגעמעקט ווערען און עס זאָל בלייבען דאָס איינציגע ביכעל „פאַן טאַדעאוש״ פון מיצקעוויטשען, וועט זיך דער שפּעטערדיגער לעזער

אָדער פאַרשער, לעזענדיג די דאָזיגע צוועלף געזאַנגען, גאַנץ גוט קענען מאַכען אַ בילד פונ׳ם גאַנצען וועזען פונ׳ם פוילישען פאָלק אין אַלע זיינע לעבענס־לאַגען. דעריבער הייסט אַ „טאַדעאוש" אַ שעפּפונג לדורות. ווען אַ רוסלאַנד זאָל חלילה נישט מעהר זיין און עס זאָל בלייבען נאָר דאָס, וואָס עס האָט אָנגעשריבען אַ טשעכאָוו, וועט זיך דער שפּעטערדיגער גלייכפאַלס גאַנץ גוט קענען מאַכען אַ בעגריף, ווי די מענשען און דאָס לאַנד זענען געווען אין אַ בעשטימטער צייט, איג׳ם לעצטען פערטעל פונ׳ם נייגצעהנטען יאָהרהונדערט, דען ביי דעם דאָזיגען טשעכאָוו זענען פערטרעטען אַלע, אַלע טיפּען פון דער דאָזיגער צייט. דעריבער זאָגען מיר אויף טשעכאָוו׳ם ווערק, אַז זיי האָבען אַ בלייבענדען ווערט. ביי אונז יודען האָבען מיר לײדער נישט אַזעלכע, מיר האָבען נישט קיין שריפטשטעלער, וועלכע זאָלען אונז האָבען געגעבען די אַלגעמיין־געשטאַלט פונ׳ם יודישען פאָלק אָדער אפילו נאָר מאַסען־טיפּען וועהרענד אַ בעשטימטע עפּאָכע, דעריבער קען מען נישט זאָגען, אַז מיר האָבען אַ ליטעראַטור אינ׳ם ברייטערען זין פונ׳ם וואָרט.

איך קען ביי אונז נאָר צוויי אויסנאַהמען, וועלכע זענען שריפטשטעלער אינ׳ם ברייטערען זין, לויט איין אַלגעמיינעם מאַסשטאַב. און נאַטירליך וועלען מיר שוין געפינען ביי זיי אי דעם פערזוך צו איין אַלגעמיין־בילד פונ׳ם יודישען פאָלק און אי מאַסען־טיפּען. איך רעד פון מענדעלי און פון שלום־עליכם.

מענדעלי איז פאָרלויפיג דער גרעסטער קינסטלער, וועלכען אונזער מאָדערנע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט. ער האָט אין אַ גאַנצע רייהע פון מערקווירדיגע ווערק געגעבען איין אַלגעמיין־בילד פונ׳ם לעבען פון יו־דען אין רוסלאַנד. עס איז בּיסלעכווייז געוואָרען אַ גאַנצעס, און מיר קור־קען, און פלוצלונג קומט אונז צו בעוואוסטזיין, וואָס דאָס דאָזיגע לעבען איז, און עס בעפאַלט אונז אַ שרעק און עס כאַפּט אונז אָן איין אונענדליך מיטלייד. אָפט איז עס אפילו אָסור לרחם, נאָר עס רחמ׳ט זיך פאָרט. די פאָרם איז אפשר אַ ביסעל אַלטמאָדיש, אָבער דאָס איז אַ נעבענזאַך; דער קינסטלער שטעהט פאָרט גרויס און מעכטיג. דער צווייטער איז שלום־עליכם. נישטאָ, דאַכט זיך, באַלד קיין טיפּ און קיין געשטאַלט, וועלכע ער האָט נישט געצייכענט. ווען בערדיטשעוו זאָל חלילה וחס אונטערגעהן, וועלען

מיר געפינען דעם בית שני פון בערדיטשעוו אין שלום־עליכמ׳ס ווערק. און בערדיטשעוו—דאָס איז דער יוד. זעלבסטפערשטענדליך, מיט דער צוגאָב פון קיעוו און פון אָדעס און פון א שטיק וואַרשאַ. דער אַרטיזם פון שלום־עליכמ׳ען איז אפשר נישט דער, אין וועלכען יונג־יודיש געשמאַקוועט גראָד איצט, ער איז אפשר נישט גענוג ליריש און גענוג אויסגעדרעקסעלט על־פי חכמת הבענקעניש, אָבער דאָס איז א נעבען־זאַך; דער דיכטער אין איהם איז גרויס און די געשטאַלטונגס־קראַפט איז כמעט איינציג.

די דאָזיגעביידע זענען אָבער נאָך פון קודם מתן־תורה, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דער העקסען־טאַנץ פון יודיש. וואָס אָבער, פרעג איך, האָט אונז „יודיש" געגעבען?

כמעט גאָרנישט — ווען נישט מיר זאָלען רעכענען די אַלע בענקעני־שען און פערציקעגישען און קוועטשעגישען און פינטעלעך און שטריכעלעך און פאַרבען און דאָס גראַבלען־זיך אין דער מהיכא־תיתי־פּסיכיקע און די טויזענד אַנדערע נאַרישקייטען. וואָס די דאָזיגע לייט רופען אָן מיט׳ן נאָמען ליטעראַטור און מיט וועלכע מען וועט היינט נישט מעהר קיין קאָץ ארויס־גאַרען פון היגטער׳ן אויווען.

און דערויף זענען מענשען שטאָלץ ? און דאָס איז די גאַנצע גבורה?

אויך איך זאָג: „דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף", „עפּעס געהט פאָר אין דער שטיל", „א נייע עפּאָכע הויבט זיך אָן". דען —

די זייפענבלאָזען פּלאַצען, דער גערודער ווערט אַנטשוויגען, די לופט־שלעסער פאַלען איין — צו ענדע איז די קאָמעדיע!

צו א נייער אַרבייט! מען מוז אָנהויבען אַלעס פון פאָרענט!

איהר אָבער, די אַלע מיט די נישט־ריינע הענד, די הענד אַוועק! מיר מוזען האָבען ריינע מענשען מיט איין עהרליך שטרעבען!

בריעף וועגען ליטעראַטור

I

(וועגען קריטיק)

געעהרטע פריינדין

וואָס איז קריטיק ?...

איך מוז אַלע מאָל לאַכען ביי דעם דאָזיגען מין שאלות ווען זיי קומען מיט דעם קורצען אָטהעם און מיט דעם געשווינדען טעמפּאָ פון „איינס —צוויי—דריי, און אַ סוף זאָל מיר זיין מיט אַנ'עק". אייגענטליך מוז מען נאָך דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס מען פערלאַנגט נישט די תשובה מיט אַ פּאָסט־קאַרטעל. עס זענען פערהאַן פראַגען, וועלכע קומען דער וועלט פאָר אַזוי איינפאַך און אַזוי לייכט, אַז כאָטש גיעה זיי מוחל, נעהם אראָב פון דער פּאָליצע דאָס ווערטער־בוך, אָדער עפּראָנ'ס אויסגאַבע פון בראָקהויז לעקסיקאָן, קוק נאָך, און גיב קורץ און שאַרף אַ תשובה.

עס געהט צו מיר אַ זשורנאַל מיט דעם נאָמען „קריטיק דער קריטיק", געווידמעט פונ'ם ערשטען בלעטעל ביז'ם לעצטען דער דאָזיגער פראַגע. אַ רחמנות נעבעך! די אָרעמע מיטאַרבייטער פון דעם דאָזיגען זשורנאַל אַרבייטען שוין אַ היבשע צייט מיט'ן שוויים אויפ'ן פּנים (דער זשורנאַל האַלט איצט ביי'ם אַכטען העפטעל) און דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענד און מיהען זיך אָב צו דערקלערען, וואָס איז דאָס אַזוינס קריטיק. און וואָס דער פּועל־יוצא דערפון איז, פערשטעהט איהר דאָך מסתמא. וויפיעל מיטאַרבייטער דער זשורנאַל האָט, אַזוי פיעל זיינען דאָרט די מיינונגען וועגען קריטיק, און פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע מיינונגען זענען איינע פונקט קאַפּויר פון די אַנדערע. ווען איך וואָלט נאָך געדאַרפט האָבען עפּיס אַ בעוויז דערויף, אַז קריטיק איז אַ זאַך, וועלכע מען קען נישט וויסענשאַפטליך דעפינירען, און מען קען זי נישט אַריינשטופּען אין אָבגעטאָקטע פּאַראַגראַפען און מען קען זי נישט מאַכען פאַר אַ „וויסענשאַפט". אויסגערעכענט לויט אַ געוויסע פאָרמולאַ מיט כללים — איז דער בעסטער

בעוויז דער דאָזיגער זשורנאַל אין גאַנצען פונ׳ם ערשטען ביז׳ן לעצטען אַרטיקעל.

קריטיק—קומט איינער צו געהן און זאָגט זיך אָב אין איילעניש — קריטיק, איהר ווילט וויסען גענוי און קלאָר און קורץ און שאַרף וואָס קרי־טיק איז? אָט נאָט אייך: קריטיק איז אַנאַליז. מען נעמט דאָס ווערק, דאָס קונסט־ווערק הייסט עס, און מען צעלעגט עס אויף פּיין פּיצלעך, פּראָסט „פּאָ קאָסטאַטשקאַם", און אַזוי טהוט מען איהם זיין רעכט. מען מוז אַ ווערק צעלעגען, צעגליעדען, צעפּיצלען, צעשטיקלען, צעפּליקען, צעדרעהען, צעדריבלען און אַזוי ווייטער; מען מוז געבען דעם דין וחשבון פון יעדען טיילעכעל בעזונדער, און ערשט דאַן קען מען געבען אויך דעם סך־הכל פונ׳ם גאַנצען צוזאַמען, וואָס דען? אָבקומען מיט קלוגע ווערטלעך? בליצען מיט אַפאָריזמען? דונערן מיט טעמפּעראַמענט? גלאַנצען מיט גייסט־רייכע־נישען? זיך צעגיסען אין לירישע השתפכות הנפש? שרייבען שטימונגען און געפיהלען צוליעב אַ ווערק? ניין, קינדער, דאָס איז סחורה פאַר לבנה־קראַנקע פריילינס און פאַר יונגע גימנאַזיסטען. מיר אָבער, די דערוואַקסע־נע און פערשטענדיגע, פערלאַנגען, אַז דער קריטיקער זאָל אונז אָגידער־לעגען אַ מין איינמאָל־איינס פון אַ ווערק, אַז ער זאָל אונז מאַכען דעם היבור און דעם חיסור. מיר פערלאַנגען, ער זאָל אַנאַליזירען. איהר הערט? אַ—נאַ—לי—זי—רען!

אי וואָס, — מאַכט אַ צווייטער און לאַכט אָב פון דער גאַנצער אַנאַ־ליזען־תורה. איהר זאָגט אַנאַליז? אַנאַליז איז אַ מלאכה פון אַ בעריכט־שרייבער; דער פּשוטסטער בעריכט־אָבגעבער קען עס אויך. טרוקענע צי־פערן! וואָס פאַר אַ ווערדע האָבען אין קונסט־זאַכען טרוקענע ציפערן? אַ ווערק איז נישט אַ זאַך, וואָס מען זאָל עס צעהאַקען ווי אַ רינד־פלייש און דערלאַנגען אונז דערפון דעם ביפשטעקס. אין אַ קונסט־ווערק איז פאַרהאַן אַ גייסט און גייסט מוז מען פיהלען און בערעכענט קען ער נישט ווערען. עס איז דאָ אַ מאָל אין אַ ווערק אַזעלכעס, וואָס דו קאָנסט עס גאָר נישט אַרויסזאָגען מיט ווערטער. קריטיק אַליין איז דאָך שוין קונסט, קריטיק איז נאָר איין פאָרם פון די פערשיעדענע אומצאָהליגע פאָרמען, וואָס די קונסט נעמט אָן; איין אופן פון איהרע אומצאָהליגע אופנים. אַזוי לאַנג

ווי מיר וועלען נישט וועלען פערשטעהן, אַז קריטיק איז איינער פון די הויפּט־טייגען אין דער קינסטלערישער קולטור, וועלען מיר זיך נישט קענען קלאָר מאַכען, אַז איינענטליך איז זי בעשטימט דערצו, צו שאַפען אין דער קולטור „נייע ווערדעס"...

און דער דריטער זאָגט: מיינע הערדען! גאָר נישט הויכע קאָנאַקעדיגע ווערטער און נאָר זיך נישט אריינלאָזען אין דעם מין, וואָס הייסט פילאָזאָ־פירען! די מעשה איז דאָך איינענטליך אַ גאַנץ פשוט'ע: אַזוי ווי קונסט איז געשמאַק און אַזוי ווי געשמאַק איז סוף כל סוף נאָר אַ דבר שבמאָדע און אַזוי ווי אַ מאָדע הענגט אָב אין דער לעצטער שורה נאָר פון דער שטי־מונג פון'ם פּובליקום,—היינט האָט עס ליעב אַ ברייטען אַרבעל און מאָר־גען אַ שמאָלען, — נמצא, אַז דער הויפּט־קריטיקער איז תמיד נאָר דאָס פּובליקום, וואָס דאַרפען מיר אַלע אייערע חכמות? אַ פּובליקום געפעלט עפּיס אינסטינקטיוו און אַ פּובליקום געפעלט עפּיס אינסטינקטיוו נישט. ווילט איהר וויסען, וואָס איז ווערטה אַ נייע ערשיינונג, מוזט איהר אַ קוק געבען, צי האָט עס דאָס פּובליקום אָנגענומען, צי נישט. אַ פּובליקום איז דער באַראָמעטער פאַר דעם גאַנג פון דעם צייט־גייסט...

פּאַרדאָן! שרייט אַנ'אַנדערער איידעל, און עס פיהלט זיך אין זיינע ווערטער, ווי ער איז רויט פאַר כעס — וואָס רעדט איהר מיר דאָ פון אַ פּו־בליקום? — אַ פּובליקום איז בהמה! אַזוי איז עס תמיד געוועזן און אַזוי וועט עס תמיד זיין. פרעגט איהם בהרם, ווער עס האָט איהם געמאַכט! אדר־באַ, פּונקט אומגעקעהרט איז עס דאָך: זיצט אין טעאַטער עפּיס אַ פּריילייִן פון אייער ליעבען פּובליקום אין קוקט זיך־צו צו אַ טעאַטער־שטיק און צו־לאַכט זיך און וויל שוין פּאַטשען בראַוואָ, שלעפּט איהר די „פרוי מאַמאַ" פּאַר'ן אַרבעל און רוימט איהר איין אין אויער: וואַרט נאָך אַביסעל צו! קאָנסט דיך חלילה וחס קאָמפּראָמיטירען! מען מוז ערשט זעהן, וואָס וועט שרייבען אין דער פריה אונזער מאָרגען־בלאַט! — בקיצור נישט דאָס פּו־בליקום האָט אַ מיינונג, נאָר מיר, די שריפטשטעלער, בעשאַפען די מיינונג און דאָס פּובליקום, די גרויסע בהמה, מעלה־גרה'עט נאָר איבער דאָס, וואָס עס הערט, און רעדט דאָס, וואָס מיר האָבען אין איהם אריינגערעדט, פּונקט ווי גראַמאָפאָן!

גענוג! — רופט זיך אָב אַ פינפטער — עס איז צייט, מיר זאָלען רעדען פון דער „אמת'ער" קריטיק! דער אמת'ער קריטיקער קומט אייגענטליך קיינמאָל נישט, אום צו ערקלערען אַ ווערק! ער קומט, אום זיך צו ערקלערען. דאָס ווערק איז איהם איין אויסרייד, און ער וויל נאָר דעם לעזער קלאָר מאַכען זיין בעציהונג צום ווערק. דער עיקר ביי דער גאַנצער זאַך איז איהם זיין אייגענע פּערזענליכקייט, זיין „איך".

און אַ זעקסטער דערקלערט דאָס דאָזיגע ברייטער: דאָס בעשעפטיגען זיך מיט אַ ווערק איז אייגענטליך זעהר לאַנגווייליג, און וואָס לאַנגווייליגע איז, ווייסען מיר דאָך; שוין וואָלטער האָט געזאָגט: „יעדער מין שרייבען איז גוט, הוץ דאָס וואָס לאַנגווייליט". דאָס אינטערעסאַנטע אָבער הויבט זיך אָן ערשט דאַן, ווען מען הייבט אָן צו רעדען פון זיך; אָסקאַר אואיילד האָט אונז געלערנט: „ווער עס רעדט פון אנדערע איז על פּי רוב לאַנגווייליג; ווער עס דערצעהלט פון זיך איז כמעט תמיד אינטערעסאַנט". דאָס ווערק פון יענעם דיענט דיר דערצו, אַז דו זאָלסט דיך ערקלערען...

און דער זיבענטער זאָגט — און דער אַכטער זאָגט — און דער נייַנטער — — קען איך דען געדענקען און אויסרעכענען אַלע נאַרישקייטען און אַלע קלוגע זאַכען, וועלכע זענען שוין געזאָגט געוואָרען וועגען קריטיק? און דאָ קומט איהר, מאַדאַם, און פרעגט קנאַל און פאַל: „וואָס איז דאָס קריטיק"? און איהר ווינטשט זיך אַ תשובה קורץ און שאַרף! —

וואָס איז קריטיק?... און ווען איך בין שוין נישט אים שטאַנד אין אַ פעסט פאָרמולירטען פּאַראַגראַף אַ תשובה צו געבען — אָט וואָלט איך וועלען וועניגסטענס, אַז פון די אַלע מיני גערעדעכצער זאָלען מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל איין זאַך נאָר איינזעהן: אין קריטיק־זאַכען איז נישט פאַרהאַן ארבייטען לויט אַלגעמיינע כללים, דען אַזעלכע אַלגעמיינע כללים זענען גאָר נישט פאַרהאַן. און דאַן, צווייטענס, נאָך אַ נעבען־זאַך: אַזוי ווי אָביעקטיוויטעט איז איבערהויפּט נישט מעגליך, איז עס קלאָר, אַז ביי קריטיק קומט עס אַלע מאָל אָן נאָר אויף סוביעקטיוויטעט, קריטיק איז דאָס סוביעקטיוויסטע, פּערזענליכסטע פיהלען — פּונקט אַזוי ווי די קונסט אַליין.

אַנאַליז — שעהן, איהר פערלאַנגט אַנאַליז. נו אדרבא, זאָגט איהר אַליין: איז דער אַנאַליז אָביעקטיוו? און איז דען נישט דער אַנאַליז פון

איינעם אַנדערש ווי דער אַנאַליז פונ'ם צווייטען? אַנאַליזירט דען נישט יעדער לויט זיין איינענעם „איך" און זעהט און הערט און פיהלט ער דען נישט נאָר דאָס, וואָס ער זעהט און הערט און פיהלט? און ווען דער צווייטער וועט זיך נעמען דאָס זעלביגע אַנאַליזירען, וועט דען נישט אַרויסקומען נאָר דאָס וואָס דער צווייטער קען זעהן און הערען און פיהלען? — זעהט איהר, ווען מען רעדט שוין יאָ פון אַנאַליז אין קינסטלערישער הינזיכט, קען מען העכסטענס דערמיט מיינען די קינסטלערישע אַרבייט פון דעם פונאַנדערגלידערן אַלס געגענזאַץ צו דער קינסטלערישער אַרבייט פונ'ם צונויפזעצען. מען וויל דערמיט זאָגען אַז דער שאַפענדער קינסטלער, דער, וואָס עס מאַכט דאָס קונסט־ווערק, טהוט זיין אַרבייט אין דעם סינטעטישען („צונויפצעזעגדען") אופן. יעדענפאַלס אָבער זענען דאָס נאָר ווערטער. אין אמת'ען גערעדט, ווי קען עס גאָר קומען איינעם אין זין אַריין, אַז „אַנאַליזירען", אָבשאַצען און מיטהעלפען שאַפען „נייע ווערדעס" קען דער, וועלכער עס האָט נישט אַ פיינעם כח ההשגה, שטאַרק אויסגעפיינטע חושים, כדי נאָכצופיהלען און אויסצופיהרען דאָס אויפבויען זיך פון וועלטען, פונקט אַזוי ווי דער שאַפענדער קינסטלער אַליין? — אין די סוד סודות פון יענע בעהאַלטענע וועלטען, וועלכע ליעגען פון יענער זייט שוועל פונ'ם בעוואוסטזיין, גרייכט נישט דאָס טייט־העלצעל פונ'ם פראָפעסאָר מיט די ברילען אויף דער נאָז און ס'קומט נישט צו ביז דאָרטען דאָס קריטישע מעסער פונ'ם פערשטאַנד. איהר זאָגט אַנאַליזירען. אָבער אַנאַליזירען ברויכט נישט גראָד צו הייסען יענע אַרבייט פון אונזערע לעהרער אין גימנאַזיום, בשעת זיי האָבען געפלעגט נעהמען אונזער ליעבען האָמער אָדער אונזער געליעבטען פושקין אָדער לערמאָנטאָוו און זיי האָבען געפלעגט זיי אונז צעהאַקען ווי קרעפּעל־פלייש און האָבען געפלעגט זיי אונז מאַכען „געשמאַק"!...

און איצט אויך אַלע אַנדערע סאָרטען פון קריטיק — יענע קריטיק, וואָס זאָגט, אַז אין אַ קונסט־ווערק איז פאַרהאַן גייסט און גייסט איז נישט צו בערעכענען, און יענע קריטיק, וואָס הייסט איבערגעבען די גאַנצע אויבערממשלה דעם פובליקום, און יענע ווידער, וועלכע איז מבטל גאָר אין גאַנצען דאָס פובליקום, און יענע, וועלכע פערשטעהען, אַז אַ ווערק איז נאָר איין אויסרייד און דער עיקר איז דער קריטיקער אַליין, און אַלע איבעריגע דאָ דערמאָנהטע און נישט דערמאָנהטע סאָרטען פון קריטיק — זענען זיי

דען נישט אַלע צוזאַמען נאָר איין אויסדרוק פון דעם, אַז קריטיק איז אַ סור־ביעקטיוויטעט און אַז די הויפּטזאַך איז די פּערזאָן פון דעם קריטיקער?

און אויף גרונד פון די דאָזיגע אַלע טעמים, ווען איהר, ליעבע פריינדין, וועט קומען און וועט פערלאַנגען פון מיר קורץ וואָס קריטיק איז, וועל איך מיין תשובה פאָרמולירען אין די קורצע ווערטער, אַז קריטיק איז פאַר מיר־נעטוועגען און אין מיינע אויגען און פאַר מיין געפיהל נאָר די פּערזענליכ־קייט פונ׳ם קריטיקער. דער קריטיקער מוז זיין אַ פערזענליכקייט, אַ מין „איך״, וואָס איז בולט. ער מעג שוין זאָגען, וואָס ער וויל און ווי ער וויל, — אבי ער איז פּערזענליך; ער מעג שוין זיין גערעכט און אפילו אויך נישט גערעכט — אבי ער האָט עפּיס בעדייטענדעס געזאָגט.

עס וועט אייך נישט מעהר וואונדערן נאָך דעם אַלעם, ווען אין מיינע אויגען איז נישט פאַרהאַן קיין זאַך, וועלכע איך זאָל פיינטער האָבען און וועלכע זאָל מיר פאָרקומען מעהר צו פעראַכטען און מעהר צו בעקלאָגען, ווי דאָס אָביעקטיוו־זיין און דאָס עביגע פערלאַנגען, אַז מען זאָל זיין אָביעקטיוו. ווער עס איז אַזוי בעדויערנסווערטה נישט פּערזענליך, אַז ער קען זיין אָביעקטיוו דער זאָל ווערען אַנ׳אָביעקטיווער שוסטער און זאָל מאַכען אַנ׳אָביעקטיווען שטיוועל, אָבער אין דעם בית־המקדש פון קונסט זאָל ער נישט אריינקומען, דען דאָרט האָט ער נישט וואָס צו טהון. און ווער עס איז אַזוי וויט בעדויערנסווערטה, אַז ער קען פערלאַנגען נישט — פּערזענליכע „גערעכטיגקייט״, דער קען זיין וואָס ער וויל, אָבער צו קריטיק טאָר ער זיך נישט צוריהרען. — „נייע ווערדעס״ ווערען בעשאַפען פון גאָר שטאַרק פּערזענליכע מענשען, און קולטור—און אַזוי אויך קריטיק—זענען דערצו פאַרהאַן, אום צו שאַפען נייע ווערדעס.

און אַמאָל קומען צו געהן די מענשען מיט דעם אויסדרוק פון אַ פרומען מגן־דוד אויפן פּנים און פערלאַנגען פרום און מענשען־פריינדליך און בעל־הבתיש, אַז אַלעם זאָל זיך אָנהויבען מיט „אדון נבבר״ און אַלעס זאָל זיך ענדיגען מיט „ברגשי כבוד״. פוי, איבער זיי! וואָס איז מיר סבלנות? וואָס יושר? וואָס אָביעקטיווע צדקות? — שוין פאַר מעהר ווי ניינצעהן הונדערט יאָהר האָט דאָס איינער גע׳דרש׳נט, און וואָס פון דער וועלט איז דורך דעם געוואָרען, וויסען מיר; די דאָזיגע תורה האָט שיער נישט

יעדער קולטור צעריסען און פון די מענשען האט עס געמאכט קנעכט. עס האט זיך אנגעהויבען די סדרה פון די „אדונים נכברים", און עס האט געווימעלט פון „ברגשי כבוד"—און דערוויל האט די ווערדע פון דעם „איך" שיער נישט אין גאנצען אויפגעהערט.—איך פרעה מיך אפט מאל מעהר איבער א פראכטפאל—חוצפה׳דיגע ציניש-אונגערעכטע קריטיק פון אנ׳ אמת׳ער פערזענליכקייט ווי פון א פרומען, גערעכטען, אביעקטיווען, שטי-לען, דרך-ארץ"דיגען, „וויסענשאפטליכען" מאמר פון זשורנאל — בעל-הבית אלס קריטיקער. זעהט איר: די פערזענליכקייט איז נישט גערעכט. זי קאן נישט גערעכט זיין — ווייל זי איז א פערזענליכקייט דאס הייסט: נישט אביעקטיוו. אבער יענע גאנצע מחנה פון פרומע, גערעכטע, ואהבת—לרעך — כמוך — קריטיקער — אדרבה, זאגט איהר אליין — האבען זיי עפּיס וויטער געבראכט די קולטור און האט מען א מאל א געמערקט, אז זיי זאלען האבען עפּיס געווירקט און בעשאפען?...

זיי קומען און זאגען: אונפּארטייאיש זאל מען זיין. אבער הערען זיי דען מיט די אויערן, וואס זיי רעדען מיט די ליפּען? אונפּארטייאיש קען זיין נאר א טויטער! — זעהט איהר: ליעבע צו א קינסטלער און צו זיין קונסט-ווערק א בלינדע, גרויסע, פּארטייאישע ליעבע פון א פערזענליכקייט — מענש וועט זיין נישט גערעכט; אבער א גרויסע אונגעהויערע ווערדע וועט זי האַ-בען. שנאה, א בלינדע, געוואלדיגע, אונענדליכע שנאה וועט זיין נישט גע-רעכט, אבער ווען זי וועט נאר זיין פון אנ׳אמת׳ער פערזענליכקייט, וועט זי שאפען נייע ווערדעס און וועט געפינען אויך אזעלכע פארמען, וועלכע די בעל-הבתי׳שע קריטיקער וועלען אפילו אין חלום נישט זעהן. איך פער-לאנג פונ׳ם קריטיקער, ער זאל האבען אמת׳ע ליעבע און אמת׳ע שנאה; ער מעג שוין דאן זיין גערעכט אדער נישט גערעכט.

צווישען ציימונגען און זשורנאַלען

I

צניעות, ווי עס איז בעקאַנט, דאַרפֿען מיר לערנען פֿון דער קאַץ, אי־סור גזלה דאַרפֿען מיר זיך אַרויסנעמען פֿון אַ ווערמל, און אַז אַ יוד דאַרף קענען לשון קודש — דאָס איז געדרונגען פֿון דעם פּאַפּסט לעאָ דעם דריי־צעהנטען.

פֿיעלעס דערצעהלען די צייטונגען וועגען דעם פּאַפּסט לעאָ דעם דריי־צעהנטען אַפֿילו די יודישע צייטונגען אויך. לעבט נאָך דער פּאַפּסט אָדער לעבט ער שוין נישט? — די תשובה דאַרויף איז געוועגדט נאָר אין דער צייטונג, וועלכע מען לייענט גראָד. אין איין צייטונג איז ער שוין לאַנג געשטאָרבען, אין דער צווייטער אָבער לעבט ער. אין איין צייטונג לייענען מיר אַ טעלעגראַם, וואָס עס האָט זיך מיט איהם אָבגעטהון אין זיינע לעצטע מינוטען; אין דער צווייטער אָבער לייענט מען פֿון איין אונטעררעדונג, וועלכע ער האָט גראָד געהאַט מיט עפּיס איין אויסלענדישען געזאַנדטען. אין איין צייטונג טיילען זיך שוין די יורשים איין מיט דער ירושה; אין דער צווייטער אָבער לייענען מיר פֿון אַ מתנה, וועלכע ער האָט גראָד בע־קומען פֿון עפּיס אַ משוגע׳נעם רייכען לאָרד. עס קען געמאָלט זיין, אַז ביז דער דאָזיגער אַרטיקעל וועט זיין פֿאַרטיג געשריבען וועט לעאָ זיין באמת שוין געשטאָרבען, ביז ער וועט זיך אָבדרוקען וועט לעאָ ווידער לעבען, און ביז ער וועט אָנקומען צו די לעזער וועט לעאָ שוין ווידער זיין אויף גאַנץ אמת געשטאָרבען. אויף אַ מענשען פֿון 94 יאָהר קען מען אַפֿילו שטאַרבען אויך גלויבען! — דערווייל אָבער לייענען מיר אין צייטונגען הונדערט־טויזענד מעשיות און אַנעקדאָטען פֿון לעאָ דעם דרייצעהנטען און צווישען אויך אַזעלכע, וועלכע זענען נוגע אונז יודען.

לעאָ דער דרייצעהנטער און לשון הקודש.

די מעשה האָט זיך געטראָפֿען מיט דעם פֿעליעטאָניסט פֿון „הצפירה" און מיט אַ באַראָן אין ווענעדיג און מיט לעאָ דעם דרייצעהנטען. איך דער־צעהל אייך, וואָס עס האָט דערצעהלט דער פֿעליעטאָניסט פֿון „הצפירה",

וואָס עס האָט איהם דערצעהלט דער יודישער באַראָן נ. אין ווענעדיג, וואָס עס האָט איהם געזאָגט לעאָ דער דרייצעהנטער. ביי אַזוי פיעל דערצעהלערס און זאָגערס, ווי איז שייך, עס זאָל נישט זיין איין אמת. איך פון מיין צד קאָן אַ ודאי זיין ערב דערפאַר, אַז איך האָב עס אַליין... געלייענט.

„פאַר עטליכע יאָהר — אַזוי דערצעהלט ה' אורח לשבת" אין נומער 148 פון „הצפירה" — האָב איך מיך בעקאַנט אין ווענעדיג מיט דעם יודישען באַראָן נ., וועלכער איז געוועזן אַ דעפוטאַט פונ'ם איטאַליענישען פאַרלאַמענט. איך בין אַפילו אין מיינע יוגענד־יאָהרען קיינמאָל נישט שטאַרק נתפעל געוואָרען פון יודישע באַראָנען, אָבער אַ יודישער באַראָן און דערצו אַ דעפוטאַט פון אַ פאַרלאַמענט האָט פאָרט מיך אַ נעם געטהון.

„נאָך מעהר אָבער האָט אַזאַ וואונדערליך בעשעפעניש ווי איך אינטערעסירט איהם, דעם באַראָן. ווי מען האָט מיך פאָרגעשטעלט און מען האָט איהם געזאָגט, אַז איך בין אַ רעדאַקטאָר פון אַ לשון־קודש'ע צייטונג, האָט ער מיך אָנגעהויבען צו בעקוקען ווי עפּיס אַ ווילד־משונה'דיגע חיה.

„— איז דאָס מעגליך? און יעדען טאָג? און וואו איז דאָ אַזוי פיעל ווערטער דערצו? און ווער פערשטעהט עס! און ווי קאָן מען עס לערנען? א. ז. וו.

„דער יודישער באַראָן איז נתפעל געוואָרען און האָט געקריגען דבקות. ער האָט אָנגעהויבען רעדען מליצות ווי איין איטאַליענער, איבער די העברעאישער שפּראַך".

עס איז נאַטירליך זעהר פיין און זעהר גוט, דאָס דער פעליעטאָניסט היפּערט אַריבער די דאָזיגע מליצות און דערצעהלט אונז נאָר דעם עיקר.

„איינמאָל אין מיין לעבען — אַזוי האָט איהם דער באַראָן געזאָגט — האָב איך געהאַט שטאַרק צער דערפון, וואָס איך קען נישט קיין לשון־קודש א. ז. וו. און ווייסט איהר, דורך וועמען איך האָב געהאַט אַזאַ צער? דורך דעם הייליגען פּאַפּסט אַליין. הערט און וואונדערט זיך!

„פאַר עטליכע יאָהר, אין די ערשטע צייט פון דעם היינטיגען פּאַפּסט'ס רעגירונג, בין איך געפאָהרען נאָך רוים, אום מיך צו בעקענען מיט דעם נייען פּאַפּסט. איך האָב נאָכגעפרעגט אין דעם וואַטיקאַן און בין געוואָהר געוואָרען, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט דער פּאַפּסט צו נעמען אַ חברה

עולי רגל, וועלכע זענען געקומען פון פראַנקרייך. איך האָב מיך בעשלאָסען, זיך מיר אַנצושליסען צו דער דאָזיגער קאָמפּאַניע. עס איז מיר נישט שווער געווען צו קריגען איין איינטריטס־קאַרטע, און צו דעם בעשטימטען טאָג בין איך מיט אַלעמען אַריין אין דעם וואַטיקאַן. מען האָט אונז געפיהרט דורך אומצעהליגע פּאַרצימערן און צימערן. צום סוף זענען מיר אַריין אין דעם גרויסען זאַל, וואו עס זיצט דער פּאַפּסט אויף זיין שטוהל. דער פּאַפּסט איז אויפגעשטאַנען און האָט אַלע געבענטשט. אַלע וועלכע זענען דאָרט געווען זענען אַנידער־געקניעט. דערמיט איז אייגענטליך אַלעס געווען שוין געענדיגט. אָבער דער פּאַפּסט האָט גראָד געהאַט אַ גוטע שעה. דאָ איז ער אַראָב פון זיין שטוהל און איז צוגעגאַנגען צו אונז און האָט מיט יעדען בעזונדער עטליכע ווערטער גערעדט; און אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז די קאָמפּאַניע קומט פון פראַנקרייך, האָט ער גערעדט אויף פראַנצויזיש. צום סוף איז ער אויך צו מיר צוגעקומען, און ער ווענדט זיך צו מיר מיט דער פראַגע: — ביסטו אַ פראַנצויז? — איך ביז דערשראָקען געווען, און אַנשטאָט צו ענטפערן: „איך בין איין איטאַליענער", האָב איך געענט־פערט „איך בין איין העברעער". ווי דער פּאַפּסט האָט דאָס דערהערט, האָט ער מיר עפּיס געזאָגט אויף לשון־קודש. איך וויים בעשטימט, אַז עס איז געווען לשון־קודש. איך קען געננוי דעם קלאַנג פון דער דאָזיגער שפּראַך, אָבער איך האָב נישט פערשטאַנען קיין איינציג וואָרט און האָב נישט גע־וואוסט, וואָס ער רעדט צו מיר, צי פרעגט ער, צי ענטפערט ער עפּיס. דאָ האָב איך אים געזאָגט מיט גרויס אונטערטעניגקייט: „גרויסער, הייליגער פּאָטער, איך פערשטעה נישט לשון־קודש"! — און ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע שטרענגע אויגען און האָט געזאָגט: „וואָס ביסטו מיר פאַר אַ יוד, אַז דו קענסט קיין לשון־קדוש נישט?" און האָט זיך פערדרעהט צו מיר מיט דעם רוקען. מילא אַז אַ גרוב וואָלט דאָרט בשעת מעשה זיך עפּע־נען, וואָלט איך אין איהם אַריין פאַר גרויס בושה!"

נישט אמת, אַ שעהנע מעשה.

דער מוסר, וואָס איז זיך אַרויסצונעמען דערפון, איז איינגענטליך גאָר איינפאַך: יעדער פון אונז איז מחויב צו קענען לשון־קודש, דען מי יודע וואָס קען מיט אונז געשעהן מאָרגען מען קען איבער נאַכט ווערען אַ באַראָן און מען קען דורך אַ צופאַל אַריין־קומען אין אַ וואַטיקאַן און רעדען מיט אַ פּאַפּסט און מיאוס אַריינפאַלען. און אפשר קען גלאַט אַזוי אויך נישט שאַטען, אַז אַ יוד זאָל פערשטעהן לשון־קודש...

פון די אַנדערע זייט ווידער איז אַ מאָל גאָר נישט גוט, אַז מען קען לשון־קודש, ווי מיר זעהען פון אַ מעשה וואָס האָט זיך געטראָפען מיט צוויי פּאָעטען...

דאָס הייסט פריהער האָט זיך געטראָפען נאָך איין אַנדערע מעשה, די די מעשה מיט קישינוב, דערנאָך האָט זיך געטראָפען די מעשה פּאָעטען בכלל, און דערנאָך ערשט די מעשה מיט די צוויי פּאָעטען בעזונדער.

הימעל און ערד און — קישינוב. זייט די קישינובער מעשה האָבען אונזערע פּאָעטען נאָך נישט אויפגעהערט צו שרייבען שירים דערפון. מילא, אַז דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע שירים וואָלטען ווערען צעריסען איז קישינוב, אַנשטאָט די ספרי־תורות וואָס זענען געוואָרען דאָרט צע־ריסען, וואָלט עס מיך גאָר נישט אָנהויבען אַרען. די גאַנצע טרייסט איז נאָר, וואָס מען קריעגט אַ מאָל אַ רעכטע זאַך אויך צו זעהן...

אין דעם לעצטען העפטעל פון דעם זשורנאַל „השלח" אייר תרס"ג געפינען מיר אַ שיר פון ח. נ. ביאַליק. מילא אַז ביאַליק שרייבט אַ שיר איבער די שרעקליכע רציחות, קען מען פערשטעהן, אַז עס נעמט אָן פאַר'ן האַרצען און קריכט אַריין אין אַלע עצמות. איך האָב אַזאַ האַרץ־צערייסענ־דען קרעכץ שוין לאַנג נישט געהערט. יעדעס וואָרט איז אַ קויל, און די שפּראַך איז אַזוי שעהן, אַזוי געוואַלטיג, ווי נאָר ביאַליק פערשטעהט זי צו שרייבען. איך מוז דאָ ברענגען דערפון ווענינגסטענס עטליכע שורות — נאָ־

מירליך נאָר אין אַ פרייע איבערזעצונג און אָהן יענע שעהנקייטען פונ׳ם אָריגינאַל:

„דו תלין! נאַ־דיר דעם האַלז — נעם און שחט!
צעפליק מיך ווי אַ הונד — דו האָסט דאָך אַ האַנד און אַ האַק;
די גאַנצע וועלט איז מיין עשאַפאָט —
און מיר, מיר זענען אַ גאָר נישט!
נעם די האַק, שפּאַלט דעם מוח, לאָז שפּריצען דאָס בלוט,
בלוט פון יונג און אַלט אויף דיין הכּמד —
און קיינמאָל זאָל עס אָבגעמעקט נישט ווערען!"

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז עס איז פערהאַנען נאָך אַ צווייטער יו־דישער פּאָעט, איינער וואָס זיין שפּראַך איז שוין נישט אַזוי שעהן און געוואַלדיג, אָבער ער איז פּראָ אַ פּאָעט און אפילו אַ זעהר בעריהמטער, און דעם דאָזיגען פּאָעט טרעפט זיך אַלע־מאָל איין אומגליק, אַז וואָס ער שרייבט האָבען אַנדערע שוין געשריבען פאַר איהם אָדער אַנדערע שרייבען דאָס צוגלייך אין איין צייט מיט איהם — ווי אַזוי דאָס מאַכט זיך אַזוי, דאָס נאַטירליך איז פּראָסט מעשה נסים.

אין נומער 105 פון דער צייטונג „הצופה" לייענען מיר אַ שיר פון י. ל. פּרץ און מיר שטעלען זיך אָב ביי די דאָזיגע שורות:

„אוי אומבאַרמהאַרציגער תלין — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — נעם דעם חלף
— — —
— — —
שטעך אַריין! אין מיינע אָדערן איז דאָס בלוט נישט געגליווערט
— — — — — — — — — — —
נאַ־דיר מיין האַלז מיט די סמנים, אָט איז ער!
שטעך אַריין!"

די שפּראַך איז ווי געזאָגט, שוין נישט מעהר אַזוי שעהן און געוואַלטיג ווי ביי ביאַליק. אָבער דער געדאַנק איז פּאָרט אין גאַנצען דער אייגענער און אויך דער גאַנצער אינהאַלט פונ׳ם געדיכט. אַז צוויי פּאָעטען זאָלעןביידע זינגען, גלאַט אַזוי צופעליג אויף איין שטייגער — דאָס נאַטירליך איז פּראָסט אַ נס. אפשר אָבער בין איך פּאָרט גערעכט, אַז עס טויג אַ מאָל נישט וואָס מען קען לשון־קודש, דען עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז איין שריי־בער קוקט דאַדורך אַריין ביי דעם צווייטען און כאַפּט איהם אוים...

הימעל און ערד און — ענציקלאָפּעדיעס. די ציימונגען ביי אונז רעד־
גענען מיט ענציקלאָפּעדיעס; „הצפירה“, „הצופה“ און „פריינד“ זענען פול
מיט ענציקלאָפּעדיעס. דאָס הייסט, נישט מיט די ענציקלאָפּעדיעס אליין,
נאָר מיט מודעות וועגן זיי. מודעות א פּנים זענען לייכטער צו שרייבען ווי
ענציקלאָפּעדיעס, מען טונקט איין אַ פּעדער אין טינט און מען שרייבט. מען
שרייבט, עס האָט זיך געמאַכט אַ געזעלשאַפט, אַ חברה, אַ בוך־פערלאַג, וואָס
הייסט אַזוי און אַזוי —אַ נאָמען איז נישט שווער צו געבען — און דער
דאָזיגער פערלאַג האָט זיך מכין געווען מיט תרפ״ט מיליאָנען רובל און מיט
עטליכע טויזענד פּראָפעסאָרען און דאָקטוירים און געלערנטע, און אָט ווערט
באַלד ארויס איין ענציקלאָפּעדיע פון עטליכע הונדערט טאָמען, וועלכע
וועט אין זיך האָבען אַלע הכמות פון דער וועלט — און דאָ זיי אַ נאַר און
גלויב נישט מילא בנוגע די לשון־קודש׳ע ענציקלאָפּעדיעס, פערשטעהט
מען דאָך, אַז אין כתובה בלא תיגרא, עס געהט נישט קיין חתונה אָהן מח־
לוקת, באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אין ציימונגען דער אַלטער פּלפּול: וואָס
דאַרפען יודען האָבען? דאַרפען זיי האָבען איין אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע,
אַזעלכע, וועלכע זאָל ברענגען אַלע ענינים און הכמות און ידיעות פון דער
גאַנצער וועלט, אַזוי ווי אַלע ענציקלאָפּעדיעס זענען ביי אַלע אומות העולם,
אָדער דאַרפען זיי האָבען אַ יודישע ענציקלאָפּעדיע, איין „אוצר היהדות“,
איין „אוצר הכמת ישראל“, אַזלכע, וועלכע זאָל ברענגען נאָר דאָס וואָס
איז שייך צו יודישע וויסענשאַפטען אַליין? בינתים אָבער איז געקומען
הערר סאָקאָלאָוו און טענה׳ט: זייט אייך נישט מטריח! כבר נעשה מעשה,
איך האָב שוין די זאַך אָבגעטהון און עס נוצט אייך נישט מעהר אייער
מפלפל זיין זיך! די ענציקלאָפּעדיע איז איין אַלגעמיינע, און אָט הויב איך
שוין אָן זי אַרויסצוגעבען. איך טייל שוין איין די אַרבייט פאַר יעדען, און
באַלד וועט זיך אָנהויבען דער אָנפאַנג צו בעווייזען! און דאָך האָט זיך די
חברה „אחיאסף“ געפונען גענויטיגט אַרויסצולאָזען אַ בראָשורע — און

דוקא אויף רוסיש! אין וועלכער זי לאָזט מודיע זיין דעם עולם, אַז מען וועט, מען מוז, מען זאָל, מען דאַרף וכו׳ אַרויסגעבען דוקא וְדוקא אַ יודישע ענציקלאָפּעדיע, איין אוצר היהדות, אַזעלכע, וועלכע וועט אין זיך האָבען גאַנץ הכמת ישראל פון פון אל״ף ביז תי״ו, ווי להבדיל דער רמב״ם אין זיין צייט האָט געהאַט אין זיין ספר גאַנץ הכמת ישראל פון דער דעמאָליגער צייט. מען דאַרף נאָר עלטער ווערען און דאָס שוין דערלעבען צו זעהן!

ווי אָבער איז עס ביי אונז זשאַרגאָניסטען? ביי אונז זשאַרגאָניסטען איז ביז יעצט, דאַנקען גאָט, מחלוקת נאָך נישט געווען. אונזערע שרייבער האָבען ביז יעצט זיך נאָך נישט מפלפל געווען וועגען דער פראַגע, וואָס דאַרפען זשאַרגאָנישע לעזער האָבען, צי דאַרפען זיי האָבען איין אַלגעמיי־נע ענציקלאָפּעדיע, צי נאָר איין „אוצר הזשאַרגאָן״, איין „אוצר חכמת זשאַרגאָן״, אַ ספר איבער די זשאַרגאָנישע וויסענשאַפטען אַליין? — אַ קשיא אויף אַ מעשה! ביי יודען איז אַלסדינג מעגליך, און אפילו אַזאַ פלפול איז אויך מעגליך — אבי אַ מאמר זאָל זיין אָנגעשריבען. לעת עתה איז גאָר געקומען אַ שפּאָגעל־נייער פערלאַג, וועלכער רופט זיך „ליכט״ און וועלכער וואוינט אָן זיין אַדרעס אין פעטערבורג, און דער דאָזיגער פער־לאַג איז מודיע דורך איין עקסטרא־פּראָספּעקט, וועלכער איז געווען צו־געלעגט צו איינעם פון די לעצטע נומערן פונ׳ם „פריינד״, אַז די חכמים פון פעטערבורג גֶעבען אַרויס אויף זשאַרגאָן „די ערשטע יודישע ענציקלאָ־פּעדיע״. די חכמים פון פעטערבורג זאָגען אין זייער פּראָספּעקט אַזוי:

„עס איז שוין לאַנג קיין סוד נישט, אַז די שטרעבונג פון יו־דישען פאָלק צו וויסענשאַפט וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס זענען שוין אַוועק די יאָהרען, ווען דער יוד פלעגט נישט וועלען וויסען, וואָס עס טהוט זיך אויף דער ברייטער וועלט, ווי לעבען און צו וואָס שטרעבען אַנדערע פעלקער; היינט איז שוין נישט אַזוי. דאָס יודישע פאָלק וויל און פאָדערט קענטניס און בילדונג. נאָר דאָס, ליידער, איז איהם נישט אַזוי גרינג צו דערגרייכען; די אַל־געמיינע מיטעלע שולע איז פאַר איהם כמעט ווי פערמאַכט. די אָנפאַנגס־שולע איז צו ענג פאַר אַלע, וואָס ווילען אין איהר אָנ־

קומען, דרום מוז אַ גרויסער טייל בלייבען ביים זשאַרגאָן און קען זיך בילדען נאָר אויף זשאַרגאָן".

און „דרום" רעכענען די חכמי פּעטערבורג אַז עס איז זייער פּליכט צו געבען דעם פאָלק אויף זשאַרגאָן אַ יודישע ענציקלאָפּעדיע. ערשטענס ווייל עס איז דאָ „שטרעבונג" צו „קענטניש" און עס איז „ענג", און צווייטענס ווייל עס איז שווער פאַר יודען אַנצוקומען אין די אַלגעמיינע מיטעלע שולע און אין די אָנפאַנגס־שולע, טאָ זאָל זייער ענציקלאָפּעדיע זיין פאַר זיי דער שטעלפערטרעטער פון די שולען. מען וועט שוין נישט מעהר דאַרפען געהן אין די שולע, נאָר אין די ענציקלאָפּעדיע אַריין. ווי מען זעהט, איז דער צוועק אַ זעהר עדלער, אַ זעהר שווערער — אָבוואָהל די שפּראַך פונ'ם פּראָס־פּעקט איז נאָך אַ ביסעל ווילד און נישט קלאָר און אָהן גראַממאַטיקאַ. מען קען נישט פערלאַנגען פון אַ שפּאָגעל־נייעם פערלאַג, וועלכער איז נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, ער זאָל געבוירען זיין שוין מיט אַ פאַרטיגע קלאָרע שפּראַך און מיט אָרטאָגראַפיע. נישט קשה, מען קען זיי אַ שטעלפערטרעטער פון די שולען און מען קען בילדען דאָס פאָלק אין אַלע וויסענשאַפטען אויך אָהן אַ קלאָרע שפּראַך. — די חכמי פּעטערסבורג שרייבען:

גאַנץ ריכטיג! מען קען און מען טאָר און מען זאָל נישט פערחתמ'ענען

זיך מיט ווילדע אויגען אין אַ ווינקעל. דער מענש האָט „חבר'ישע געפּיה־

„איצטיגע צייט איז אַ צייט פון ספּעציאַליסטען: יעדער גע־לעהרטער קלויבט זיך אויס אַ קליינעם טייל פון דער אַלגעמיי־נער וויסענשאַפט און בעשעפטיגט זיך מיט איהם דעם גאַנצען לע־בען, אָבער מען קען זיך דאָך נישט פיירשפּאַרען, פערחתמ'ענען אין אַ ווינקעל און פון דאָרטען אַרויסקוקען מיט ווילדע אויגען אויף אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום. דער מענש האָט דאָך חברישע געפיהלען און קען איינער אַליין נישט לעבען. דאַרום זענען צווישען פערשיעדענע מענשען מוז מען דאָך האָבען פערשיעדענע קענטנישען, כדי מען זאָל קענען פערשטעהן איינער דעם אַנדערן און אַלץ וואָס עס טהוט זיך אַרום".

לען". דרום „זענענדיג צווישען פערשיעדענע מענשען", מוז מען האָבען „קענטעניִשען". און צו וואָס מוז מען האָבען קענטעניִשען? — גאַנץ איינ־פאַך: כדי מען זאָל קענען פערשטעהן איינער דעם אַנדערען!

און אָט אַזעלכע קענטעניִשען גיבען אונז די ענציקלאָפעדישע ווערטער־ביכער!

נישט אמת, נישט קשה אַ ביסעל דערקלערט דעם נוצען פון ענציקלאָ־פעדיעס און וואָס ענציקלאָפעדיעס בעטייטען?

און בכדי צו ווייזען (די זשאַרגאָנישע ענציקלאָפעדיסטען שרייבען: צו „בעווייזען"), ווי די וויסענשאַפטען פון דער ענציקלאָפעדיע וועלען זיין און ווי „עס וועלען ערקלערט ווערען די ווערטער", גיט דער פּראָספּעקט פּראָבען פון עטליכע אַרטיקלען:

פּסעוודאָנים. איז די אונטערשריפט פון איין שריפטשטע־לער, ווען ער שרייבט נישט אונטער זיין אייגענעם נאָמען. למשל: אחד העם איז דאָס פּסעוודאָנים פון אַ גינזבערג".

מיינען מיינען זיי: „ווען ער שרייבט נישט אונטער זיין אייגענעם נאָ־מען נאָר איין אויסגעטראַכטען". אָבער יעדענפאַלס ווייזט דעם משל מיט אחד העם ווי ווייט אונזערע ענציקלאָפעדיסטען פערשטעהען צו זיין נישט פּאַרטייאיש און ווי ווייט זיי האָבען געשמאַק נישט אַרויסצווייזען צו וועל־בע פּאַרטיע זיי געהערען און ווי ווייט זיי לאָזען זיך נישט איינגעהמען פון נאָר די לעצטע מעשיות פון לעצטען טאָג — אַלעם לויטער אַזעלכע מעלות, וועלכע מען זוכט ביי איין ענציקלאָפּעדישען שריפטשטעהער.

בעללעטריסטיק. מיט דעם נאָמען ווערען אָנגערופען מעשיות, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, בריעף פון וועג און נאָך אַזעל־כע ליטעראַרישע אַרטיקלען".

בריעף פון וועג! — הייסט עס: הומבאָלדט, דאַרווין, ליווינגסטאָן, באַסטיאַן, אַנדרע פאָרסטער, וויטץ און הונדערט אַנדערע בעריהמטע ריי־זענדע, וועלכע האָבען געשריבען זייערע בעריהמטע פאָרשונגען אין לויטער

אַזעלכע „בריעף פון וועג", האָבען אייגענטליך געשריבען נאָר בעלעטרים־טיקא. גאָר נישט שלעכט! הויפּטזעכליך געפעלט מיר די קלאָרע, ריין־ענ־ציקלאָפּעדישע ערקלערונג: „און נאָך אַזעלכע ליטעראַרישע אַרטיקלען!"

ערד־ציטערנישען. אַזוי ווערען אָנגערופען פּלוצלינגע ציטערנישען פון אַ וועלכען עס איז אַ טייל פון דער ערד, ווען די טבועת פון די ציטערנישען ליגען טיעף אונטער דער ערד. פערשיעדענע ערשיינונגען בעגלייטען יעדע ערד־ציטערניש: אַ פריהער הערט זיך אַ לאַרם און נאָך דעם איינצעלנע שטויסען, וועלכע געהען טיעף פון דריערד. דאַן הויבען אָן די גלאָקען קלינגען".

דער שרייבער פון דעם דאָזיגען אַרטיקעל, דאַכט זיך, האָט געהערט קלינגען און ווייסט נישט וואו. אוי, אוי אַ קלינגען אַביסעל! נישט קשה פון אַ קלאָרען בעגריף קאָן האָבען דער זשאַרגאָנישער לעזער פון איין ערד־ציטערניש, ווען ער זאָל נישט געהן אין די מיטעלע און אין די אָנפאַנגס־שולען, נאָר ער זאָל לערנען פון דער זשאַרגאָנישער ענציקלאָפּעדיע. אַלזאָ: איין ערדציטערניש איז, ווען עס הערט זיך אַ לאַרם און נאָך דעם איינצעלנע שטויסען, און דאַן הויבען אָן די גלאָקען קלינגען! — גאַנץ בעזונדערס וועט דער לעזער זיך לערנען אַ געדאַנקען קלאָר אויסצודריקען.

ניין, מיינע העררען! איין ענציקלאָפּעדיע מאַכט מען נישט צווישען טאָג און נאַכט, עפּיס איין אָבקומעניש, גלאַט אַזוי, כאַפּ־לאַפּ און נאַ־דיר, דאַ האָסטו! פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס...

און אויך פון אַנדערע זאַכען קומט קיין גוטס נישט אַרויס. למשל: פון מסירות...

עס געהט אַ ציטערן אַריבער איבער דער הויט, אַז מען רעדט אויס דאָס דאָזיגע וואָרט. איך געדענק, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען און האָב צופעליג אַמאָל געהערט אַ מעשה מיט אַ מסור, האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט,

אַז דאָס מוז זיין אַזאַ מין בעשעפעניש ווי אַ סלמנדרא, ווי איין אייערהאָהן, ווי אַ פיפערנאָטער און ווי נאָך פערשיעדענע זאַכען, וועלכע זענען נאָר אַ משל אָדער וועלכע מען זעהט נאָר אין מדבריות. ביי מיר אין מיין אָרט איז דער דאָזיגער מין גאָר נישט פערהאַנען געוועזן. און נאָר ווי איך בין עלטער געוואָרען און בין אין פרעמדע שטעט געקומען — מיינע אויגען זענען מיר פינסטער געוואָרען קוקענדיג, מיינע באַקען האָבען אַלע מאָל גע־מוזט פלאַמען פאַר בושה. איך האָב מיינע ברידער און מיינע שוועסטער געזעהן, און זיי האָבען געמסר׳ט, געמסר׳ט, געמסר׳ט: זיי האָבען פון דער פריה ביז ביי נאַכט דאָנאָסען געשריבען. איך האָב געקענט אַ טאַטען, וועל־כער האָט זיין אייגענעם זון געמסר׳ט; איך האָב געקענט אַ ווייב׳ל, וועלכע האָט אָנגעשריבען אַ דאָנאָס אויף איר אייגענעם ברודער. איך האָב געזעהן ווי טיעף די דאָזיגע גרעסטע פון אַלע מדות רעות האָט זיך ביי יודען איינ־געוואָרצעלט. איך בין געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגען, ווי מען שטעהט פאַר אַ מגפה, פאַר אַ זאַראַזע, פאַר אַ פינסטערע מאַכט, קעגען וועלכע עס איז קיין עצה נישט דאָ.

זייט דענסטמאָל זענען פיעל יאָהרען פערביי־געגאַנגען. די צרה איז אָבער נאָך אַלץ די אייגענע.

אין עטליכע נומערן נאָך איינאַנדער דערצעהלען אונז צוויי שרייבער אין דעם „פריינד" מעשיות פון יודישע מוסרים, אַז די האָר שטעלען זיך איינעם קאַפויר. גאַנץ בעזונדערס מאַכט אַ טיעפען איינדרוק ד״ר פ. לאַנ־דער מיט זיין אַרטיקעל „ועל חטא", וועלכען ער דרוקט אינ׳ם „פריינד". נאָך־דעם ווי ער דערצעהלט אונז פון פערשידענע „קונציג אָנגעשריבענע" דאָנאָסען, וועלכע ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו בעגעגענען און צו לייע־נען, אַ דאַנק זיין בעשעפטיגונג אַלס משולה פון דער בילדונגס־חברה אין פעטערסבורג, — דערצעהלט ער פון אַ געשפרעך, וואָס ער האָט אָט דאָ נישט לאַנג געהאַט מיט אַ הויכען טשינאָווניק.

„אַמאָל — האָט דער בעאַמטער געזאָגט — האָב איך געהאַט די בעסטע מיינונג וועגען יודען. איך האָב פיעל געהערט פון יו־דישע אחדות — און דערום האָב איך געאַכט דאָס יודיש פאָלק. אַ פאָלק, וואָס לעבט אין אחדות, אין שלום, וואָס שטרייט מיט פער־

אייניגטע כוחות פאַר זיינע אינטערעסען, מוז אַמאָל קומען צו אַ בעסערע און ווירדיגערע לאַגע. איך האָב אָבער געמוזט איבער־ בייטען מיין מיינונג וועגען יודען, צייט איך געפין זיך אויף מיין שטעל און האָב אָפט צו טהון מיט יודישע ענינים. יעדען טאָג זעה איך אַלץ מעהר איין, אַז נישט אחדות, נאָר שנאה און מחלו־ קת הערשט צווישען יודען. און דאָס קומט פאָר אין אַזאַ צייט, וואו די יודישע לאַגע איז גאָר נישט אם בעסטען און וואו אחדות איז פאַר זיי אַזוי נויטיג. איך פעו'שטעה פשוט נישט, ווי ביי אַזאַ לאַגע, אַז דאָס יודיש פאָלק זינקט מאָראַליש אַלס מעהר, קענען האָבען אַ קיום אַזוינע חברות, וואָס אַרבייטען פאַר יודישע ביל־ דונג. מיר האָבען אין אונזער אָקרוג צו טהון אויך מיט טאָטערן, מאַכמאַדאַנער, דייטשען, גרעקען, באָלגאַרען און אַנדערע נישט־ רוסישע נאַציאָנען; אָבער ביי קיינעם פון זיי האָבען מיר נישט געזעהן, אַז אַ ברודער זאָל אַזוי פיינט האָבען איין אייגענעם ברו־ דער, אַזוי פיעל גראָבען איהם, ווי ביי יודען, פאַר וואָס איז דאָס אַזוי ?".

און ד"ר לאַנדער איז מוסיף:

„וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן אויף אַזוינע אמתיע ווער־ טער ? — איך האָב געשוויגען, וואָרום איך ווייס נאָך פיעל ער־ גערע זאַכען, ווי דער בעאַמטער. איך ווייס, ווי ווייט אונזער פאָלק ליידט פון איהרע אייגענע זיהן, וואָס געבען זיך קיין חשבון נישט אָב אין זייערע מעשים, און וועגען אַ קליינינקייט טהוט מען אָפּ אַזוינע זאַכען, וואָס ברענגען די גרעסטע רעה דעם כלל ישראל".

עס פלאַמען איינעם די באַקען, לייענענדיג אַזעלכע זאכען און מען הענגט אראָב די אויגען.

אפשר וועלען די דאָזיגע ווערטער אריין אין הארצען ביי איינעם פון הונדערט פון די דאָזיגע מענשען!

און דער „ווארשאווסקי דניעווניק” האָט געהערט די מעשה פון „הילף”,

וואָס ווערד אַרויסגעגעבען פאַר די קישינובער פעראומגליקטע יודען, און אז די בעסטע רוסישע שריפטשטעלער נעמען איין אַנטייל ביי דער ארבייט —און דאָ האָט ער אָנגעהויבען קלאָגען.

„צו אונזער בעדויערן — אַזוי שרייבט ער — האָבען די אומ־גליקליכע קריסטען קיינמאָל נישט געהאַט און האָבען אויך יעצט נישט אַזעלכע „אָרגאַניזאַטאָרען" ווי די יודען, וועלכע זאָלען קע־נען דעם עסק געבען אַזאַ מין „עפעקט" און זאָלען אַזוי קונציג קענען בעוועגען „די פיינסטע ליבעראַלע נערווען" פון די „בעס־טע רוסישע שריפטשטעלער".

נעביך! . . .

דאָס קינד איז נאָך גאָר נישט געבאָרען, עס איז אַ סברא, אַז אפילו דאָס מעוברת זיין איז נאָך גאָר נישט אַזאַ קלאָר בעוויזענע זאַך, און שוין טהוען זיך אָב מחלוקות צווישען מאַן און ווייב איבער דעם קינדס וויגע־לע וואו זאָל מען עס שטעלען. איך מיין דאָס קעגען די „אגודת סופרים". נישט דאָ קיין אגודה, נישט דאָ קיין סופרים, מאַטשעק האָט קיין וואָגען און וואָיטשעך האָט קיין פערד; עס איז פאַרהאַנען דערווייל נור אַ פּלאַן אַליין, אַ פּראָיעקט, הייסט עס, וואָס איינער, אַ שרייבער, האָט אויפגעגע־בען, צו גרינדען אַ מין חברה פון יודישע שרייבערס מיט איין אייגענע קאַ־סע, אַזוי ווי להבדיל הברה שניידערס, חברה שוסטערס, חברה בייגעל־מאַ־כערס, חברה קדישא וכו' — אָט דאָס איז אַלעס, און דער איינער, דער שרייבער, מרדכי בן הלל הכהן, הייסט ער, וואָס האָט דעם דאָזיגען פּראָיעקט אויפגעגעבען, האָט אין איין וואָג זיך בעמיהט אויך די ערשטע עטליכע גראָ־שען פון עטליכע יודישע שרייבערס צוזאַמען־צונעמען, בכדי צו קענען מאַ־כען די ערשטע נייטיגע שריט — אָט דאָס איז אַלעס, און שוין טוהען זיך אָב מחלוקות ביי אונז אין די צייטונגען ער לב השמים. פערשידענע יודי־שע שרייבערס קומען און האָבען טענות, און פון דער ערשטע מינוט ביז אויפען היינטיגען טאָג האָבען די מאמרים נאָך נישט אויפגעהערט זיך צו מאמר'ן. קומט הערר קליימאַן און זאָגט אַזוי און אַזוי, קומט ווידער הערר ראָזענפעלד און זאָגט: לא כי, נישט אַזוי נאָר אַזוי, קומט דער פעליעטאָ־ניסט פון „הצפירה" און טענה'ט גאָר אַנדערש. קומט ווידער הערר טאַוויעוו און זאָגט זיין סברא, קומט דאַן הערר ראָזענפעלד צום צווייטען מאָל און זאָגט דאָרט, וואָס ער זאָגט — אַז איין גאָט מעג זיך מרחם זיין. הערר מר־דכי בן הלל האָט זיך איינגעקויפט אַ פנים מפטיר. אויף טייטש הייסט עס, ער האָט אַריין־געשטאָכען אין אַ נעסט פון ביענען. מיט יודען האָט די באָ־בע געזאָגט, זאָל מען געהן אין שול אַריין; פון איין ארעמאַן, האָט די באָבע געזאָגט, טאָר מען זיך קיין געלד נישט באָרגען; אַ מיאוס מיידעל,

האָט די באָבע גענזאָגט, טאָר מען קיין קוש נישט געבען. שוין פאַר עטליכע יאָהרען, בשעת אַ וואַרשעווער ענערגישער יודישער ליטעראַט איז געפאַלען אויף דעם שכל צו מאַכען יעדעס יאָהר פורים אַ יודישען באַל פון ליטעראַ־טען, האָבען די יודישע ליטעראַטען פון וואַרשוי אָנגעהויבען צו פילדערן און צו מאַכען קולות און צו מאַכען זייערע בייזע העויות, אַז מען איז פּראָסט געקומען צוזאַמען־צו־לויפען. פערשטעהט מען אַז מען האָט דעם באַל גע־מאַכט אַ צוויי דריי מאָל און — באַסטאַ. יודישע ליטעראַטען האָבען נישט געקאָנט ליידען, אַז מען זאָל אויך זיי בעטראַכטען ווי מענשען, און קומען צו זיי אין פראַק און צילינדער און רעדען צו זיי האַלטענדיג אין האַנד אַ בוקעט און אַ וועיער, — זיי, וואָס נאָך מיט עטליכע יאָהר צוריק האָבען זיי זיך עס געהאַלטען פאַר אַ זכיה, ווען מען האָט זיי דורך די קיכען־טהיר געלאָזט אריין אין אַ הויז און מען האָט זיי דערלאַנגט דעם רובל פאַר'ן ספר וועלכען זיי האָבען געבראַכט. היינט אָבער, אַז מען איז געוואָרען אדונים, פּריצים מיט בעלער, הערען מיט געקרייזעלטע האָר, פערשטעהט מען, אַז מען האָט באַלד געקריגען לשון אויך. מען האָט באַלד אָנגעהויבען טענה'ן: מי שמך? פאַר וואָס שטעהט דער און דער אויבענאָן און נישט איך? פאַר וואָס איז יענער און יענער דער גבאי פונ'ם באַל און נישט איך? פאַר וואָס האָט מען דעם און דעם און יענעם אויסגעקליבען פאַר מיטגלידער פונ'ם קאָ־מיטעט, פאַר איינקאַסירערס פונ'ם געלט, פאַר מחלקים וואָס מאַכען די חלוקה וכדומה און נישט מיך — פערשטעהט מען, אַז די עטליכע ענערגישע אַרבייטערס, וואָס האָבען אמת'דיג געאַרבייט, האָבען געזאָגט ביי זיך: מה לי לצרה הזאת, און האָבען זיך גיך אָבגעטראָגען, און אויס דעם גאַנצען האָט זיך אויסגעלאָזט אַן אויסגעבלאָזען איי.

איך האָב מורא, אויב עס זאָל זיך נישט אויסלאָזען מיט די גאַנצע „אגודת סופרים" אויך אַזאַ מין אויסגעבלאָזען איי. אונזערע שרייבער ווי־לען נישט וויסען און עס פעלט זיי גאָרנישט איין אַז עס איז פאַרהאַנען אַ כלל ביי אַלע זאַכען אין דער וועלט: אָנהויבען כדי אָנצוהויבען. די התחלה מוז מען מאַכען, און זי מעג זיך זיין ווי עס איז, אבי נאָר זי זאָל פאַרהאַנען זיין. שפּעטער, ווען דאָס קינד איז שוין דאָ אויף דער וועלט, אָט דאָ מעגסט דו אָנהויבען וועגען זיין ערציהונג און וועגען זיין ענטוויקלונג צו רעדען.

פריהער, אַזוי לאַנג ווי עס קלעבט זיך נאָך נישט, קאָן יעדעס אומפּאַרזיכ־טיגע ריהרעלע אַלעס אויסשיטען. אַזוי איין „אגודת סופרים”, פערשטעהט מען, וועט עפּיס נישט זיין באַלד צום אָנפאַנג אַזוי פויגעלדיג, אַז מען זאָל זי קענען שטעלען פאַר אַ מוסטער. מיט דער צייט אָבער מאַכט זיך אַלעס. די זאַך אַליין אין איהר אייגענער ענטוויקלונג וועט שוין מיטברענגען מיט זיך טויזענד עצות און מיטלען און פּאַרמעס, פון וועלכע מיר קענען איצט נאָך נישט וויסען. איצט אָבער האָבען פּלפּולים אין די צייטונגען איבער די אגודת סופרים — פאַר וואָס נאָר העברעאיסטען און נישט אויך זשאַרגאַ־ניסטען און יודישע שריפטשטעלער אין אַנדערע לשונות; פאַר וואָס גע־פינען זיך אין דער ליסטע נעמען פון שרייבער וועלכע מיר קענען זיי גאָר נישט, און נעמען פון בעוואוסטע שרייבער פעהלען נאָך; פאַר וואָס זאָלען אינ׳ם קאָמיטעט אריין דוקא רעדאַקטאָרען, און נישט דוקא אַזעלכע, וועלכע זענען גאָט זיי דאַנקען נישט קיין רעדאַקטאָרען. איצט, זאָג איך, זענען די אַלע דאָזיגע פּלפּולים, און נאָך פיעל אַנדערע פּלפּולים פון דעמזעל־בען סאָרט, יעדענפאַלס נישט אין דער רעכטער צייט. גלויבט מיר, איך קען צווישען אונז שרייבער עטליכע צעהנדלינגער, און אפילו אַזעלכע, וועל־כע זענען גרויסע מיוחסים, אַזעלכע, וועלכע שרייבען טאָג און נאַכט מאַמ־רים, און פאַרט זענען זיי קלוג געגוג, נישט צו וועלען קאַליע מאַכען זיך אפילו איין מינוט פון זייער טייערער צייט און צו האָבען דאָן עגמת נפש פון אַלע זייטען; הייננט אַז עס האָט זיך יאָ שוין געטראָפען אַ יוד אַ בר שכל קיין עין הרע, האָט ער האָט נישט געהאַט קיין קלאָפּאָט, האָט ער זיך איינ־געקויפט די טייערע מציאה צו זיין ביי יודישע שרייבער דער גאַנצער גאָט צו פאַר — אָט שווייגט זשע וועניגסטענס, אפשר וועט גאָט געבען און די זאַך וועט פאָרט קומען צו עפּיס אַ שטיקעל קיום.

הערר ראָזענפעלד האָט אָבער אַנדערע אַזיכטען פון דער דאָזיגער זאַך. שוין עטליכע מאמרים האָט אונז הערר ראָזענפעלד איבער דעמזעלביגען געגענשטאַנד געשריבען. נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט אַ געוואַלט, אַז די יודישע רעדאַקטאָרען און איזדאַטעלעס „עקספּלאָאַטירען” די יודישע שריי־בער און צאַפּען אויס זייער בלוט און ווערען פון זיי רייך און לאָזען זיי, די שרייבער, שטאַרבען פאַר הונגער, און נאָך דעם ווי די „הצפירה” האָט אים

געענטפערט און האָט כלומר'שט אַ ביסעל חוזק געמאַכט פון דעם גרויסען עשירות וועלכען די יודישע איזדאַטעלעם און רעדאַקטאָרען האָבען מ'־שטיינס געזאָגט אָנגעזאַמעלט, אַז בלייבען זאָל עס נאָך שונאים'ס טויט, — דאָ קומט הערר ראָזענפעלד ווידער מיט אַ מאמר אין נומער 171 פון „הצ־פירה" און טענה'ט, אַז עס זענען פאַרהאַנען צוויי מינים פון עקספּלאָאַטאַ־ציע. איינע, אַז דער פאַבריקאַנט וויל פונ'ם אַרבייטערס שוויים רייך ווערען און צאָהלט אים דעם קלענסטען לוין, אַבי נאָר דער אַרבייטער זאָל קאָנען זיין נשמה דערכאַפּען, און איינע איין עקספּלאָאַטאַציע, אַז דער פאַבריקאַנט אַליין האָט אַ שלעכטען געשעפט און קאָן נעביך נישט מעהר צאָהלען ווי ער צאָהלט, נאָר אָבער ווען ער צאָהלט נישט אייך דאָס וועניגע, וועלכעס ער האָט צוגעזאָגט, אָדער ער צאָהלט עס אים נישט אין דער צייט און ענטפערט אים אפילו אויף אַ בריעף נישט, אַזוי ווי די יודישע רעדאַקטאָרען זענען זיך נוהג מיט די שרייבער, הייסט דאָס איין עקספּלאָאַטאַציע. כ'לעבען, זעהר שעהן פילאָזאָפירט. מען דערקענט באַל דאָ גמרא קעפּל!

„איך האָב קיין טענות נישט — שרייבט ער — צו די יודישע רעדאַק־טאָרען, דאָס זיי צאָהלען נישט פיעל, ווייל זיי ווילען רייך ווערען. איך ווייס, אַז אונזער יודישער עקספּלאָאַטאַר, דאָס איז דער לעזער א. ז .וו. איך האָב נאָר טענות וועגען דאָס שלעכטע בעגעהען־זיך פונ'ם רעדאַקטאָר צום שרייבער אין אַלסדינגג; אַז דער שרייבער איז עביג — און אפילו דאָ וואו מען האָט אים געבעטען — אין די אויגען פונ'ם רעדאַקטאָר ווי איין אומ־געבעטענער גאַסט, ווי איינער וואָס געהט איהם אין וועג אַריין, און ער ענט־פערט איהם ווי ווען אַ שד וואָלט איהם דאַצו נייטען; אַז יעדע פּרוטה און אפילו דער קלענסטער האָנאָראַר, קומט דעם שרייבער אָן מיט אַנגסט־שוויים און מיט פיעל הוצאות מאַכען. און נישט נאָר אין געלד־זאַכען, ניין, אויך אין ליטעראַטור זאַכען בעגעהט זיך אַזוי דער רעדאַקטאָר מיט דעם שרייבער. חדשים און יאָהרען קענען אַמאָל אַוועק־געהן, ביז דער שרייבער דערוויסט זיך, וואָס פון זיין כתב־יד איז געוואָרען, אַזוי ווי ווען די אַרבייט פונ'ם שרייבער וואָלט קומען פון דער לופט..."

הערר ראָזענפעלד איז נאָך יונג. איך וויל איהם נישט זיין קיין שלעכ־טער פריינד און איהם ווינשען, אַז ווען ער וועט עלטער ווערען זאָל ער נאָך

ווערען אַ רעדאַקטאָר פון אַ יודישער צייטונג און דאַביי בלייבען עטליכע יאָהר. בעסער זאָל ער גאָר נישט געפּרובט ווערען מיט דעם וואָס אַנדערע זענען שוין געפּרובט געוואָרען. מיר דאַכט זיך דאָס ער, אַלס רעדאַקטאָר, וואָלט זיין דער ערשטער, וועלכער וואָלט שרייען געוואַלט, אַז מען דאַרף נאָר האָבען איין „אגודת סופרים”, אום די רעדאַקטאָרען צו בעשיצען פאַר זייערע מיטאַרבייטערס. מילא די טענה וועגען דעם האָנאָראַר בין איך איהם מוחל — ער אַליין דאַכט זיך איז גאָר נישט ווייט פונ׳ם אמת און ווייסט וואָס עס הייסט „בדליכא” און עס איז נאָר אַ שפּיעלעריי פון איהם, וואָס ער טשעפּעט זיך צו און טענה׳ט, אַז לכל־הפּחות דאָס וואָס מען האָט צוגעזאָגט מוז מען געבען. האָנאָראַר איז להבדיל ווי אַ נדן, און אויך ביי אַ נדן טרעפט זיך דאָך אַמאָל, אַז מען גיט נישט דאָס, וואָס מען האָט צוגעזאָגט. אַז הערר ראָזענפעלד וואָלט וועלען זיין פאַנטאַזיע נאָך אַ קליין שטיקעלע ווייטער בעמיהען, וואָלט ער קאָנען אויסגעפינען, אַז, ווען אַ יודישער רעדאַקטאָר טהוט די דאָזיגע עולה, וועלכע ער האַלט איהם פאַר, טהוט ער עס, אָסור נישט פון צופיעל גוטס. אל תדון חברך עד שתגיע למקומו. נאָר זעהט איהר, וואָס עס איז שייך צו די צווייטע טענה, דאָ זאָג איך ערשט רעכט, מען זאָל נישט איבער יענעם אורטיילען אַזוי לאַנג ווי מען איז נישט צו דער דאָזיגער לאַגע אַליין געקומען. ווער עס האָט געאַרבייט עטליכע יאָהרען אין אַ רעדאַקציע, ווייס, וואָס עס הייסט פּריוואַט־בריוועלעך פון זיינע מיטאַרבייטער לייענען און — אויף זיי ענטפערען. הונדערט, צוויי־הונדערט, אַ טאָג, און איין אָנפראַגע און איין טענה נאַרישער פון דע אַנדערע. איך רעד נישט פון די צוויי דריי אָרענטליכע מיטאַרבייטער, וועלכע מוזען נעביך מיטליידען דורך די איבריגע. דער רעדאַקטאָר מוז זיך מאַכען אַ פּרינציפּ, ביי קיינעם נישט קיין אויסנאַהם צו מאַכען. אַז אַזאַ רעדאַקטאָר ווערט נישט משוגע פון זיי, איז עס נאָר מעשה נס. איך רעד שוין נישט פון דעם צייט־פערלירען, אַז מען זאָל זיך אַריין־לאָזען אין די מעגליכע פּריוואַט־קאָרעספּאָנדענציעס. נאָר דאָס, וואָס יעדער ווערט באַלד אַ יחסן און מיינט אַז נאָר ער איז, און נאָר ער האָט דאָס געגעבען דער וועלט איין אַנטיקל, און נאָר איהם קומט דאָס טעלערל פון הימעל, אָט דאָס איז די צרה. ער וויל זיך נישט איבערלעגען, אַז באמת האָט ער גאָר קיין רעכט נישט אַנ־

צופרעגען, למשל, וואָס הערט זיך מיט זיין אַרטיקעל און וואַרטען אויף אַ תשובה — ממה נפשך, איז דאָס אַרטיקעל גוט אָדער פּאַסיג פאַר די ציי־טונג, וועט עס ווערען געדרוקט, אלא ניין, ברויכט מען נישט ערשט צו ענטפערן; מאַכט זיך אָבער, אַז דאָס אַרטיקעל איז גוט און רעכט און קאָן פּאַרט, מחמת פערשיידענע סבות, ערשט געדרוקט ווערען נאָך עטליכע וואָ־כען. טאָ טאָר מען נישט זיין אַזוי היים געבאָדען און מוז מען קאָנען וואַר־טען. דאָס פערלאַנגען איין ענטפער איז אייגענטליך נאָר דאָס, וואָס דער שרייבער וויל דורכאויס זיין אייגען-ליעבע ווי אם גיכסטען בעפרידיגען איז עס איין עולה וואָס אַ מענש וועלכער איז זעהר בעשעפטיגט און האָט מויזענד וויכטיגערע זאַכען צו בעזאָרגען, קוקט זיך אויף אַזאַ קליינע נע־בען־זאַך גאָר נישט אום?

עס איז נישט דאָ דער אָרט „די פראַגע” אויספיהרליך צו בעהאַנדלען און צו ווייזען, וואָס רעדאַקטאָרען ליידען פון מיטאַרבייטער, יעדענפאַלס וואָלט מען נאָך דאַרפען האָבען אַ מין שוץ צו בעשיצען די רעדאַקטאָרען פון געוויסע מיטאַרבייטער!

די ליעבע אין בל-הביתישען זין

אין בעל — הביתי'שען זין איז ליעבע א מעגליכע ערשיינונג, איין ארטיקעל פאר אלעמען, יעדער „ער" און יעדע „זי" איז פעהיג דערצו: מען נעמט און פערליעבט זיך — —

ווען איינער זאל אבער קומען און זאל א פרעג טהון: און טאלאנט אויף צו ליעבען? — האט יענער „ער" אדער יענע „זי" אויך מיטגעבראכט פון דער מוטערס ליב דאס טאלאנט אויף צו קענען ליעבען? — וועט מען אזוי איינעם אנקוקען ווי א משוגע'נעם: ווי הייסט טאלאנט? איז דען ליעבע א טאלאנט־זאך!

נאטירליך איז ליעבע א טאלאנט־זאך! אזוי ווי מוזיק, אזוי ווי פאעזיע, אזוי ווי מאלעריי...

ווען מיר רעדען פון ניין מוזעס, איז ליעבע די צעהנטע. אזוי ווי מיר זאגען, אז איינער איז געבוירען געווארען מיט דעם טאלאנט צו קענען זינ־גען אדער שפיעלען, איינער איז געבוירען געווארען מיט דעם טאלאנט צו קענען מאכען א געדיכט, איינער ווידער — צו קענען מאלען א בילד, אזוי מוזען מיר זאגען, אז איינער וואס מיטגעבראכט מיט זיך ביים קומען אויף דער וועלט דאס טאלאנט צו קענען ליעבען. עס איז א טאלאנט ווי אלע טא־לאנטען: געגעבען איינעם פון טויזענד אדער איינעם פון צעהנטויזענד. און אזוי ווי א טאלאנט אין אלגעמיין שטעהט נישט איין ביי יעדען געוועהנ־ליכען מענשען און געפינט זיך נאר ביי א קינסטלער־נאטור, אזוי קומט אויך דאס טאלאנט פון ליעבע נישט פאר ביי אבי וועמען און געפינט זיך נאר ביי א קינסטלער־נאטור. עס איז א געטליכער פונק, וועלכער איז אזוי זעל־טען, אזוי זעלטען פונקט ווי יעדעס אמת'ע טאלאנט. ניינטויזענד ניין הונ־דערט מיט ניינאונניינציג האבען עס נישט, און נאר דער צעהנטויזענסטער האט עס. ער ברענגט עס מיט פון דער מוטערס ליב; און אזוי ווי א טאטע א מבין זאגט אמאל פון זיין קינד באלד אין די ערשטע יאהרען: „מיר דאכט זיך, אז מיין קינד שניידט זיך אויף א פאעט אדער א מאלער אדער א מו־זיקער", אזוי קען ער אויך זאגען: „ביי מיין קינד האב איך ענטדעקט דאס

טאַלאַנט צו ליעבע". יעדענפאַלס אָבער איז דאָס נישט קיין אַרטיקעל פאַר אַלעמען; טאַלאַנט איבערהויפּט איז דאָך נישט קיין אַרטיקעל פאַר אַלעמען, קיין בעשעפטיקונג פאַר די מאַסע, און איז געגעבען נאָר די יחידי סגולה.

אָבער מערקווירדיג: די זעלבע ערשיינונג, וואָס מיר זעהען אויף אַלע געביעטען פון טאַלאַנט, זעהען מיר אויך ביי דער ליעבע. אַזוי ווי דאָרט כאַפּט זיך אָן יעדער דריטער און יעדער פיערטער מענש, יעדער קאַלעקע און יעדער נישט־פעהיגער, יעדער נאַר און יעדער איינגעבילדעטער, און מאַכט אונז מוזיק אָדער פּאָעזיע אָדער מאָלעריי, אַזוי כאַפּט זיך יעדער אויך אָן דער ליעבע און „מאַכט" אונז ליעבע. אַזוי ווי מיר געפינען דאָרט אונטער טויזענד מוזיקער אַלע מאָל 999, וועלכע בעזיצען נישט דאָס טאַלאַנט דער־צו און מוזיצירען פאָרט. און אונטער טויזענד פּאָעטען געפינען מיר 999, וועלכע שטראָם — גראָם און רעדען איין דער וועלט אָדער זיך אַליין, אַז זיי זענען פּאָעטען, און אונטער טויזענד מאָלער 999, וועלכע שווינדלען און פאַלשעווען און נאַרען אַנדערע אָדער זיך און זענען אין דער אמת'ן נישט קיין מאָלער, — אַזוי מאַכט עס זיך אויך ביי דער ליעבע; אונטער טויזענד געפינען מיר 999, וועלכע גיבען אונז פאַלסיפיקאַציע אָנשטאַט ליעבע. אויך דאָ איז פאַרהאַן אַ מין שטראָם־גראָם — און דאָס רופט דער פּראָסטער עולם „ליעבע". דער פּראָסטער עולם איז קיין מבין נישט אויף קונסט; דער פּראָסטער עולם איז אפילו נאָך נישט אַזוי ווייט, אום צו ווי־סען, אַז קונסט איז נישט קיין מאַסען־אַרטיקעל, קיין טעגליכע סחורה, וואָס יעדער מעג דערמיט האַנדלען. ביי זיי איז דאָס עפּיס אַ מין „הכל שוחטין — אפילו חרש שוטה וקטן": אַלע מעגען שפּיעלען, און ווער עס שפּיעלט, דער איז מוזיקאַליש; אַלע מעגען דיכטען, און ווער עס שרייבט אָן אַ גע־ריכט, דער איז אַ דיכטער: אַלע מעגען מאָלען, און ווער עס צייכענט אויף עפּיס אַ געשטאַלט, דער איז אַ מאָלער; אַלע מעגען ליעבען, און ווען אַ „ער" און אַ „זי" האָבען צווישען זיך עפּיס אַ מעכטעל־מעכטעל, איז עס אַ ליעבע. נאַטירליך איז עס אַ ליבע! אָבער דאָס איז די ליעבע אין בעל־הבי־תי'שען זין; אַזוי ווי יעדעס פריילין, וועלכעס שפּיעלט אויפן קלאַוויר, און יעדער בחור, וועלכער מאַכט אַ שיר, און יעדע אַריסטאָקראַטישע טאָכטער, וועלכע מאָלט עפּיס אויף אַ טאַסע אָדער אַ וואַזע, זענען מוזיקער און פּאָע־

טען און מאָלער אין בעלהביתי׳שען זין. די אמת׳ע קינסטלער־נאַטור מעג זיך קורע זיין ביי אַזאַ חילול הקונסט!

איך וויל רעדען פון דער מוזיק.

איז נאָך פאַרהאַן יעצט אַ הויז, אין וועלכען עס זאָל זיך נישט געפינען לכל הפחות איין קלאַוויר? — פאַר׳ן קלאַוויר זיצט אַ „באַרישניאַ" און קלימפּערט אויף איהם יעדען טאָג עטליכע שעה. אָפט איז עס פּראָסט אַ צער בעלי חיים צוצוהערן; עס מוז דאָך זיין אַ גרויסער עינוי פאַר אַ מענשען, וועלכער האָט קיין געהער נישט און מוז אַזוי זיצען און קלאַפּען מיט די פינגער אויף ביינדלעך, נאַר וויל די מאַמע האָט געהייסען אָדער וויל דאָס איז אַ מאָדע. אָפט מוז מען זיך לעגען וואַטע אין די אויערן אריין, אָפט ווערט מען נערוועז. עס מאַכט זיך אָבער אַמאָל, אַז אַזאַ „באַרישניאַ" שפּיעלט, און מען ווערט שוין נישט מעהר אַזוי צעצאַפּעלט הערענדיג; עס איז קיין וואונדער נישט: זי שפּיעלט שוין אַ יאָהר 12 אָדער 13 און האָט זיך שוין ווי עס איז אויסגעלערנט נישט דורכאויס אַלע מאָל דוקא די פאַל־שע טענער צו כאַפּען — נאַטירליך, פון מוזיק קען נישט די רעדע זיין. עס מאַכט זיך אָבער דאָך, אַז אַזאַ באַרישניאַ שפּיעלט און עס איז נישט קשה; דאָס שפּיעלען איז נישט קיין איי־איי, אָבער אַוועק־לויפען מוז מען שוין נישט — נאַטירליך, פון מוזיק איז עס נאָך ווייט. עס קומט אויך פאָר, אַז אַזאַ באַרישניאַ שפּיעלט און עס ווילט זיך מיר שוין הערען אויך; זי האָט פיעל איבונג — אָבער צו מוזיק, צו אַ בעזונדער מוזיקאַלישער בענאַבונג קומט עס אַלץ נאָך נישט. דאַן קומט אַ מאָל פאָר, אַז איך מיין שוין אויף דער אמת, אַז אָט האָב איך דאָ פאַר מיר אַ באַרישניאַ איין אויסנאַהם, זי שפּיעלט שעהן און האָט נאָך טויזענד אַנדערע מעלות אין שפּיעלען, זי מאַכט עס גאַנץ מוזיקאַליש און גאַנץ פיין, אַז איך וואָלט מעגען שווערען, אַז דאָס איז אַ בעגאַבטע מוזיקערין; באַלד אָבער כאַפּ איך מיך דערביי און בע־מערק, אַז איך האָב עס דאָ נאָר צו טהון מיט איינער, וועלכע האָט פיעל גע־הערט און פיעל געאַרבייט און האָט עס דורך שוויים געבראַכט ביז צו אַזאַ שטופע — און ווייטער נישט. אָפט מאַכט זיך אָבער, אַז איך געה נאָך אַ שריט ווייטער: איך הער די באַרישניאַ שפּיעלען און איך ווער דורך און דורך איבערציינגט, אַז איך האָב דאָ פאַר מיר איין אמת׳ען טאַלאַנט, אַ

מוזיקאַלישע עקסטראַ — בעגאַבונג, אַ קינסטלער־נאַטור, און איך וויל שוין פּאַטשען בראַוואָ, און דאָ קומט דער מוזיק־קריטיקער און זאָגט מיר: וואָס דרעהט איר אַ קאָפּ, ר׳ יוד? ווער מיר טאַלאַנט? ווער מיר עקסטראַ־בע־גאַבונג? ווער מיר קינסטלער־נאַטור? די ריינע מוזיק־טעכניק איז עס, און ווייטער קיין האָר נישט? אייער באַרישניאַ האָט אַ היבשע פינגער־גע־שווינדקייט, זי האָט אויך חוץ דעם שעהנע עטליכע בעגאַבונגען אין דעם דאָ־זיגען פאַך. אָבער טאַלאַנט? אַ נעכטיגער טאָג? — און וויפיעל שטופען האָב איך נאָך אַזוי צו געהן, ביז איך קום אויך צו איין אמת׳ען טאַלאַנט? און וויפיעל שטופען דאַן נאָך זונ׳ם טאַלאַנט ביז צום ווירטואָז? און פונ׳ם ווירטואָז ביז צום מאַעסטראָ? און פונ׳ם מאַעסטראָ ביז צום מוזיקאַלישען געניוס? און פון אַ מוזיקאַלישען געניוס ביז צו דעם איין־איינציגען בעט־האָווען, — נאָר איינער פון טויזענד איז מוזיקאַליש, איינער פון צעהן־טויזענד דערגרייכט אַ מוזיקאַלישע טעכניק, איינער פון הונדערט־טויזענד איז אַ טאַלאַנט, איינער פון אַ מיליאָן איז אַ ווירטואָז, איינער פון צעהן מיליאָן איז אַ מאַעסטראָ, איינער פון הונדערט מיליאָן איז אַ געניוס, איי־נער אין דער וועלט און דורך לאַנגע־לאַנגע דורות ווערט אַ בעטהאָווען. און פּאָרט: יענע באַרישניא, וועלכע קלימפּערט אויפן קלאַוויר, ווייל די מאַ־מע האָט געהייסען, און יענער בעטאָהווען ביידע אַרבייטען זיי אויף איין און דעמזעלבינגען געביעט און פאַר ביידען האָט דער פּראָסטער עולם איין און דאָסזעלביגע וואָרט: „מוזיקאַליש״.

איך וויל רעדען פון דער פּאָעזיע.

די האַנד אויפ׳ן האַרץ: איז דאָ צווישען אייך איינער, וועלכע האָט נישט אַ מאָל אַ שיר געמאַכט? דער בחור קומט מיט אַ פזמון. עס כאַפּט אָן אַ נישט־גוטסקייט, אַז מען נעמט דאָס אין האַנד אַריין. עפּיס אַ בערגעל ווערטער, קרום און לאָם און צובראָכען, און עפּיס וואָרטשעט עס דאָרט אַרויף און אַראָפּ און אין דער לענג און אין דער ברייט, און דאָס זאָל במ־חילה זיין אַ געדיכט. אַ שטופּע ווייטער: די ווערטער זענען שוין עפּיס נישט אַזוי לאָם און קרום, עפּיס כלומר׳שט לייענט זיך וואָס אַרוים דערפון — אָבער, נאַטירליך, פון אַ געדיכט קען נישט די רעדע זיין. אַ שטופּע הע־כער: דו לייענסט און דו מיינסט אַ מינוט לאַנג, אַז עס איז עפּיס, עפּיס

איז דאָ אַ שטיקעל געדאַנקען, אַ שטיקעל געפיהל דאַכט זיך אויך, און אַ שטיקעל חרוז איז אויך דאָ, און אויך די שפּראַך איז נישט אַזוי קשה — נאַטירליך, פּאָעזיע איז עס נישט; דער בחור האָט זיך אָנגעלייענט גענוג מיט אַזעלכע זאַכען, און בעוואוסט אָדער נישט־בעוואוסט האָט ער נאָכ־געמאַכט. אַ שטופּע ווייטער: דו לייענסט און עס געפעלט דיר; אָט דאָ איז עס שעהן, אָט דאָ איז עס געלונגען, אָט דאָ איז עס ווי איין אמת גע־דיכט — אָבער איין אמת געדיכט איז עס פאָרט נישט; מעהר קאָפּ־ארבייט ווי האַרץ־ארבייט, מעהר מלאכה ווי קונסט, מעהר זיץ־פלייש ווי טאַלאַנט. נאָך אַ שטופּע ווייטער: דו ווערסט ענטציקט און מיינסט, דו האָסט פאַר דיר איין אמת'ן פּאָעט. עס קלינגט, עס נעהמט, עס איז איין אמת געדיכט. דאָ אָבער קומט דער קריטיקער און זאָגט דיר: זענט איהר משוגע געוואָרען, ר' יוד? דאָס איז טעכניק אליין, טעכניק זאָג איך אייך, און ווייטער גאָר נישט! דער שרייבער איז אַ גאַנץ געשיקטער מאַכער, וועלכער האָט פער־שטאַנען דורך פערשיעדענע קונץ־שטיקלעך און וואָרט־שטעלונגען און בילד פּאָזיציעס און אַנדערע אויסרעכענונגען צו מאַכען אַ זאַך, וועלכע איז עהנ־ליך צו אַ קונסט־זאַך און מיט וועלכער עס קען איהם אַ מאָל געלינגען צו נאַרען אפילו אַ מבין. אָבער טאַלאַנט? לא מניה ולא מקצתיה! — און וויפיעל שטופען אַזעלכע זענען נאָך פאַרהאַן, ביז איך קום צום אמת'ען טאַלאַנט? און וויפיעל שטופען זענען דאַן פון'ם טאַלאַנט ביז צום אמת'ן דילעטאַנט? און פון'ם דילעטאַנט ביז צום אמת'ן דיכטער? און פון'ם דיכטער ביז צום געניוס? און פון'ם געניוס ביז צו יחיד בדורו, צו אַ געטהע אָדער אַ שעקספּיר אָדער אַ האָמער? — איינער פון די טויזענד איז אַ טאַלאַנט. איינער פון צעהנטויזענד איין אמת'ער דיכטער. איינער פון הונדערט טויזענד אַ דיכטערישער געניוס, איינער פון צעהנדליגער מיליאָ־נען אַ שעקספּיר —ביידע בעשעפטיגען זיך מיט איין און דערזעלביגער מלאכה פון געדיכטע־מאַכען, און דער פּראָסטער עולם זאָגט פון ביידע: זיי האָבען אַ געדיכט געמאַכט.

און אַזוי געהט עס אויך מיט דער מאַלעריי.

פון שטופע צו שטופע: אַ שמיערעריי, אַז מען קען חלש'ען — און דאַן: עפּיס כלומרש'ט יאָ אַ ליניע און שטיקעל פאַרב — און דאַן: עפּיס

אַ מין זאַך, וואָס מען מיינט אַ מינוט, אַז עס איז עפּיס וואָס — און דאַן: אַ שונדשטיק — און דאַן: אַ מאַלעריי, ביי וועלכער מען מיינט, אַז עס איז עפּיס וואָס ווערטה און פון וועלכער דער קונסט־קריטיקער זאָגט דיר, אַז עס איז נאָר טעכניק, די ריינסטע טעכניק. וויפיעל שטופען אַזעלכע מוז מען נאָך דורכגעהן, ביז מען קומט צום אמת'ען טאַלאַנט? וויפיעל שטופען דאַן פונ'ם אמת'ען טאַלאַנט ביז צום מאַלער אַלס דילעטאַנט? און וויפיעל פונ'ם דילעטאַנט ביז צום אמת'ען מאַלער? און וויפיעל פונ'ם מאַלער ביז צום גע־ניוס? און וויפיעל פונ'ם געניוס ביז צו אַ ראַפאַעל? איינער פון הונדערט טויזענדער און פון מיליאָנען! — און פּאָרט זאָגט דאַן די וועלט אויף איהר פּראָסט לשון פון דעם אריסטאָקראַטישען פּריווילעגיום, אַז זי „מאָלט" — פונקט אַזוי ווי זי זאָגט עס פון אַ ראַפאַעל.

און אַזוי קומען מיר ביז צו דער ליעבע.

לעגט די האַנד אויפען האַרץ און זאָגט מיר: איז פאַרהאַן צווישען אייך אַ בחור אָדער אַ מעדעל, וואָס האָט שוין נישט געהאַט אַמאָל אַ שטיקעל ליעבע? יעדער קצב־יונג מיט קצב'ישע געדאַנקען און קצב'ישע געפיהלען און יעדע דיענסט־מויד מיט דיענסט־מוידישע געפיהלען וועלען נישט שטאַרבען, ביז זיי וועלען נישט האָבען געהאַט עפּיס אַ פערליעבעניש! יע־דער גראָבער געוועלב־יונג מיט זיינע גראָבע אינסטינקטען און יעדע אומ־געשליפענע באָנע מיט איהרע אומגעשליפענע ליידענשאַפטען מיינען, אַז זיי זענען נישט יוצא, ביז זיי וועלען נישט אָנרופען די זאַך, וועלכע זיי האָבען צווישען זיך, מיט דעם נאָמען ליעבע - יעדע נאַרישע אריסטאָקראַטישע באַ־רישניא און יעדער אידיאָט פון דער גאָלדענער יוגענד קענען נישט אַנדערש בעשטעהן, ביז זיי וועלען נישט האָבען „געליעבט"! אָפט זעהסט דו אַזאַ פּאָרעל מיט אַזאַ ליעבע, און אַלעס איז אַזוי גראָב און אַזוי אומגעלומ־פּערט, אַז דו בעגראָבסט דיך פאַר חרפּה און ווילסט דיר פערשטאָפּען די אויערן און צוהאַלטען די אויגען; עס איז ווי ביי יענער באַרישניא, וועלכע קלימפּערט, וויל די מאַמע האָט געהייסען, און ביי יענעם בחור, וועלכער האָט דיר געבראַכט דעם פּזמון. אָפט געהט עס שוין אביסעל בעסער: דאָס „ליבעניש" איז שוין נישט אַזאַ שרעקען פאַר דיר און עס קראַצט דיר שוין נישט אַזוי אין די אויערן און עס גרילצען דיר שוין נישט אַזוי די אויגען

— נאַטירליך, פון אַ ליעבע איז נאָך אַלץ קיין רעדע נישט. און דאַן אויף אַ שטופּע העכער: דאָס פּאָר'על מאַכט עס שוין עפּיס מעשה מענש און קושט שוין מעשה־מענש, און נאָר ווען דו קוקסט דיך אַ ביסעל נעהנטער צו, בעמערקסט דו, אַז יעדער טאָן איז פאַלש און יעדער בליק איז געמאַכט. אָפּט אָבער זעהסט דו: אָט איז אַ פּאָר'על, וועלכעס מאַכט עס שוין כמעט ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער דערוואַרמען דערביי קענסט דו דיך נישט, דען דו האָסט דאָס געפיהל, אַז זיי מאַכען דאָס לויט די ראָמאַן — ביכער, וועלכע זיי האָבען זיך דערמיט אָנגעלייענט, און עס איז די ליעבע — כמו שנדפס באַמשטערדם. און דאַן אויף נאָך אַ שטופּע העכער: דאָס פּאָרעל ענטציקט דיך, דו מיינסט, דו האָסט דאָ פאַר דיר אמת'ע טאַלאַנטען, אַלעס איז אַזוי פיין, אַלעס איז אַזוי שעהן און אַזוי עכט; עס קומט אָבער דער קריטיקער, דער דאָזיגער קונטס־קענער, וועלכער קוקט מיט קריטישע אויגען, און איז דיר מגלה דעם סוד: דאָס איז נאָר די טעכניק פון דער ליעבע, די ריינסטע טעכניק, און נישט מעהר. דאָס דאָזיגע פּאָר'על האָט דורך איבונג און דורך שוויים דערגרייכט אַ געוויסע נערוועןֿגעשווינקייט און אַ היבשע רוטינע פון פאָרמען, עס איז מעהר קאָפּ־אַרבייט ווי האַרץ־אַרבייט, מעהר מלאכה ווי קונסט, מעהר פלייש ווי טאַלאַנט. און וויפיעל אַזעלכע שטופען זענען נאָך פאַרהאַן, ביז איך קום צום אמת'ען טאַלאַנט פון דער ליעבע? און וויפיעל שטופען זענען דאַן פונ'ם טאַלאַנט ביז צום ווירטואָז פון דער ליע־בע? און וויפיעל פונ'ם ווערטואָז ביז צום ליעבע־דיכטער? איך מיין נישט דעם דיכטער, וועלכער זינגט פון דער ליעבע, נאָר דעם דאָזיגען, וועלכער דערגרייכט אין דער ליעבע די שטופע, וועלכע עס דערגרייכט דער דיכטער אין דער פּאָעזיע. און וויפיעל פונ'ם ליעבע־דיכטער אָדער ליעבע־קינסטלער ביז צום געניום? און וויפיעל פונ'ם געניום ביז צו אַ לעאַנדער אָדער אַ ראָמעאָ? — אַ טאַלאַנט פון ליעבע קומט אוודאי פאָר נאָר איינער פון טויזענד, איינער נאָר פון צעהנטויזענד איז אין שטאַנד צו ווערען אַ ווירטואָז אין דער ליעבע, נאָר איינעם פון הונדערט טויזענד איז עס בעשערט צו ווערען אַ קינסטלער פון ליעבע, צווישען אַ מיליאָן מענשען מאַכט זיך אַמאָל אויך איינער, וועלכער הויבט זיך אויף אין דער ליעבע ביז צו דער שטופע פון אַ געניוס, און וויפיעל מיליאָנען מוזען שטאַרבען ביז די ליעבע

ברענגט אַרויס עפּיס אַ לעאַנדער אָדער אַ ראָמעאָ! — און פּאָרט: דער בעל־הבית קומט און זאָגט אויף זיין בעל־הבית'ישער שפּראַך אויך פון דעם קצב־יונג און דער דיענסטמויד, אַז זיי האָבען אַ ליעבע, דען אַזוי זאָגט ער אויך פון דער באַרישניאַ, וועלכע קלימפּערט, אַז זי מאַכט מוזיק, און אַזוי זאָגט ער פון'ם בחור מיט'ן פּזמון, אַז ער איז אַ דיכטער, און אַזוי פון דער אַריסטאָקראַטישער טאָכטער מיט'ן געמאָלעכטס אויף דעם וואַזאָן, אַז זי איז אַ מאָלערין, וואָס אַ קינסטלער־נאַטור איז, און אַזאַ טאַלאַנט איז נאָר פאַרהאַן ביי אַ געבוירענע קינסטלער־נאַטור, וויים ער נישט.

און ליעבע, זעהט איהר, די אמ'ע ליעבע, איז אַ טאַלאַנט, און אַלס טאַלאַנט איז זי פאַרהאַן נאָר ביי איין אמת'ער קינסטלער־נאַטור!

די פרוי

אַ ביסעל פרויען-פּסיכאָלאָגיע

I

איך געדענק אַ זומער פאַר לאַנגע יאָרען צוריק; איין אומגעהייער גרויסער זאַל אין דער פאָרשטאָדט פון אַ גרויסער שטאָדט. בייטאָג איז דער זאַל בעלויכטעט פון דעם זונען־ליכט, וועלכעס פאַלט אַריין דורך אומצעהליגע פענסטער, און ביי נאַכט איז ער בעלויכטעט פון אומצעהליגע עלעקטרישע לאָמפּען. אין דעם זאַל האָבען זיך צונויפ־געקליבען צוועלף הונדערט פרויען, וועלכע זענען געקומען פון אַלע לענדער פון דער וועלט. פון אייראָפּאַ און פון אַמעריקאַ אָבהאַלטען איין אסיפה. יונגע פרויען, אַלטע פרויען, פרויען פון אַלע מינים — און אַלע צוועלף הונדערט פרויען זענען אומצופריעדענע, אומגליקליכע נפשות.

פאַר וואָס?

און יענע צוועלף הונדערט, וועלכע זענען געקומען זייער ביטער האַרץ אויסגיסען און עצות צווישען זיך האַלטען און הילף זוכען, זיי אַלע זענען געקומען דאָך נישט פאַר זיך אַליין, נאָר אים נאָמען פון אפשר הונדערט צוויי־הונדערט טויזענד אַנדערע פרויען, — און אויך יענע הונדערט צוויי־הונדערט טויזענד אַנדערע פרויען זענען אומצופריעדענע און אומגליקליכע געווען.

פאַר וואָס דען?

און איך וויים קלאָר: ווען אַלע יענע פרויען וואָלטען זיין קעניגינען — אומגליקליכע און אומצופריעדענע נפשות, וואָלטען זיי פאָרט זיין. ווען שלמה המלך וואָלט זיין אין אונזער צייט און וואָלט האָבען זיי בעריהמטען האַרעם, און איך וואָלט אַריין אַהין און וואָלט זעהן זיינע טויזענד קעניגינען, וועלכע ער האָט דאָרט געהאַלטען, יענע מואב׳שע, עמון׳שע, אדום׳שע, צידון׳שע און חתי׳שע מעדלעך און פרויען, און אויך יענע טאָכטער פונ׳ם מלך פרעה, וועלכע ער האָט ביי זיך געהאַט, און וואָלט זיי אויספרעגן און

וואָלט רעדען מיט זיי און וואָלט זיי לאָזן דערצעהלען — אומגליקליכע און אומצופריעדענע נשמות וואָלט איך אין זיי אַלע זעהן.

פאַר וואָס? פון וואַנען שטאַמט יענעס ציטערדיגע, נערוועזע אומצופריעדען־זיין?

איז עס — פרעגט איינע פון די קליגסטע פרויען, וועלכע איך קען אין דער ליטעראַטור — איז עס איינפאַך דאָס זעלבע אומגליקליך און אומצופריעדען־זיין, וועלכעס מיר געפינען יעצט ביים מענשען אים אַלגעמיין? איז עס אַ טהייל פון יענעם אומרוהיגען זוכען און יאָגען און לויפען ארוים פון אַט יענעם וויסטען פוסטען לעבען, פון וועלכען עס ווערען געפייניגט און געקוועלט אויך די מענער פון אונזער יאָהרהונדערט? איז עס דאָס לעבען אָהן אַ פונק פרייד, וועלכעס עס ליעגט שווער ווי בליי אין די היינטיגע דורות אויף אונז אַלעמען, און וועלכעס עס ווייזט זיך נאָר שטאַרקער ארויס ביי דער פרוי דערפאַר, ווייל איר נשמה איז ווייכער און כאַפט גיכער יעדען איינדרוק? איז עס די תאוה צום לעבען, אָן כח צום לעבען? די תאוה צו פערגניגענס, אָהן כח לוסטיג צו זיין? דאָס פערלאַנגען אַלעס גוטעס צו האָבען, אָהן כח דאָס גוטע מקבל צו זיין, וועלכעס עס מאַכט אין די היינטיגע צייט אונזער גאַנץ לעבען מיט אונזערע שמחות און אונזערע געזעלשאַפטען און אונזער צוזאַמענקומען — זיך אַזוי פוסט און וויסט און מיער?

אָבער ניין! ביי פרויען אין פאַרהאַן עטוואָס ספּעציעלעס, אַ ספּעציעל — ווייביש אומגליקליך און אומצופריעדען — זיין! מען פיהלט ביי זיי ארוים עטוואָס בעזונדערס, וועלכעס מיר געפינען נישט ביי מענער, עטוואָס וואָס לאָזט זיי מיט זייער מין און מיט זייער לאַגע אין היינטיגער צייט נישט מעהר אין שלום לעבען. נישט איין אַלגעמיין — מענשליך ליידען איז עס, נאָר אַ בעזונדערע ווייבערשע צרה. גאַנץ בעזונדערס האָט זיך דאָס ענטוויקעלט אין די לעצטע דורות. פרויען האָבען פערלאָרן זייער ערד פון אונטער די פיס. אַלע פיהלען זיי, אַז עס געהט זיי וואָס אָב. אַלע פיהלען זיי, אַז זייער לעבען איז געוואָרען אָהן אינהאַלט. זיי מוזען זיך טאָג־טעגליך פרעגען: צו וואָס לעבען מיר? זיי שטעהען אויף אין דער פריה און פרעגען: וואָס מאָרגען? דאָס מעדעל אינטערעסירען טאַטע־מאַמע נישט, דאָס ווײ־

בעל אינטערעסירט דער מאַן נישט, די מוטער אינטערעסירט דאָס קינד נישט. דאָס גאַנצע לעבען איז ביי זיי געוואָרען אַ גרויסער געהניץ. מען לאַנג־ווײַלט זיך אים לעבען...

פון וואַנען — פרעגט יענע פרוי, וועלכע איך האָב אויבען דערמאָהנט —פון וואַנען שטאַמט יענע בעהאַלטענע ברענעדיגע תאוה פון דער פרוי צו דעם מאַן צוזאַמען מיט יענעם בעהאַלטענעם מיאוס׳ן — זיך פון דער פרוי פאַר דעם מאַן? יענעם נישט — צופרידן — זיין פון דער פרוי מיט איהר אייגען געשלעכט און יענעם וועלען אַרויסקומען פון איהר געשלעכט און יענעם וועלען זיין אין דרויסען און איבער דעם געשלעכט, מיט וועל־כעם די היינטיגע פרוי קאָקעטירט? פון וואַנען שטאַמט יענע קעלט ביים פערגניגען — האָבען און יענער חשק, מותר צו זיין אויף דאָס פערגניגען? פון וואַנען שטאַמען אַלע יענע נערוועו־קראַנקהייטען און זעלען־קראַנקהייטן און גייסט — קראַנקהייטן און אַלע יענע ווילדע ליידען פון נישט־בעפריע־דיגט־זיין, וועלכע פרעסען אויף דאָס לעבען פון דער היינטיגער פרוי? און פאַרוואָס איז דער ווערטה פון דער פרוי פאַר דעם מאַן און איהר ממשלה איבער דעם מאַן אין היינטיגער צייט אַזוי שוואַך און אַזוי נישט־זיכער? פאַר וואָס איז איהר קינדער־האָבען אַזוי שווער און איהרע קינדער זענען אָפט, אַזוי בלייך און פערוועלקט, וועהרענד מיר האָבען דאָך היינט מעדי־צינישע איינדריכטונגען טויזענדמאָל מעהר און טויזענדמאָל בעסערע ווי פרי־הער? פאַר וואָס איז דאָס לעבען פון מאַן און ווייב יעצט אַזוי טרויעריג? פאַר וואָס איז די ליעבע יעצט אַזוי מאַט? פאַר וואָס האָט דאָס מעדעל יעצט אַזוי וועניג מוטה חתונה צו האָבען און פאַר וואָס איז איהר גאַנץ לעבען אַזוי וויסט? פאַר וואָס?

און איך קען פון זיי הונדערטע און טויזענדע. אוי, ווי גרויס איז די מחנה, אַ מחנה פון לויטער אומצופריעדענע, וועלכע בעקלאָגען זיך דעם גאַנצען טאָג, מיט ווערטער און אָהן ווערטער! איך קען אַזעלכע וועלכע האָ־בען קינדער און אַזעלכע, וועלכע האָבען זיי נישט; אַזעלכע וועלכע זענען צדקה — גבאי׳טעס און אַזעלכע וועלכע האַלטען זיך קעצלעך אָדער הינדט־לעך אָדער קאַנאַריקעס; אַזעלכע, וועלכע צייכענען זיך אויס דורך אַ בע־זונדערע קלוגהייט און וויסען פיעל, און אַזעלכע, וועלכע זענען איינפאַך

און האָבען נאָר אַ האַלב וויסען אָדער וויסען גאָר נישט; אַזעלכע וועלכע זענען דין ווי די שפּענדלעך און פאָהרען קיין פראַנצענסבאַד און אַזעלכע וועלכע זענען גראָב ווי די יאַטקע — קלעצער און פאָהרען קיין מאַריענבאַד; אַזעלכע, וועלכע זענען שעהן ווי דער טאָג און זענען אין אַלע געזעלשאַפטען, און אַזעלכע, וועלכע זענען נישט שעהן און זיצען עביג הינטער דעם אויווען; אַזעלכע, וועלכע פאָהרען אין אוניווערסיטעטען און האָבען קורצע האָר, און אַזעלכע וועלכע מאַכען גלאַט רייזען און האָבען קורצע קליידער; אַזעלכע, וועלכע האָבען אַ געוויסע בעשעפטיגונג, און אַזעלכע, וועלכע לייענען שמר'ס ראָמאַנען און אַזעלכע וועלכע לייענען גי דע מאָפּאַסאַן און פּרעוואָ; אַזעלכע, וועלכע זיצען דעם גאַנצען טאָג פאַר דעם קלאַוויר און זיינען נישט מוזיקאַליש און אַזעלכע, וועלכע זענען מוזיקאַליש און שפּיעלען קיינמאָל נישט; אַזעלכע, וועלכע שטעהען אויף אין דער פריה און כאַפּען זיך צום בוך, און אַזעלכע, וועלכע נעהמען אַ בוך און שלאָפען אויף דער שטעל ביי איהם איין; אַזעלכע, וועלכע האָבען אַ זיסען שמייכעל אויף די ליפּען און גיפט אין אַלע אָדערן, און אַזעלכע וועלכע האָבען אַ געל פּנים מיט גסיסה — אויגען און איין עביגע ליעבע אים האַרצען; אַזעלכע, וועלכע זענען נאַאיוו און רעדען אויסגעלאַסענע דבורים, און אַזעלכע, וועלכע האָבען צניעות — פּנימ'ער און זענען פערדאָרבען מיט הויט און ביינער; אַזעלכע וועלכע זענען ריין און אַזעלכע, וועלכע האָבען געזינדיגט; אַזעלכע, וועלכע לאַכען הויך און זענען פול טרעהרען, און אַזעלכע, וועלכע וויינען שטענדיג און דערביי אַרט עס זיי גאָר נישט, — און אַלע, געהט זיי וואָס אָב; אַלע, אַלע פיהלען זיי, אַז זייער לעבען איז פּוסט, און אַלע, אַלע קלאָגען זיי, אַז מען האָט זיי גענאַרט, און מען האָט פון זיי געגזל'ט דאָס לעבען און מען האָט זיי געגעבען אַ געפעלשט לעבען, און אַלע, אַלע פיהלען זיי, אַז זיי זענען אָהן ציעל, אָהן אינהאַלט, אָהן האָפט, און אַלע, אַלע שרייען זיי געוואַלט איבער זייער אייגען מין און איבער זייער לאַגע.

איך זאָג מין און לאַגע. דאַדורך, וואָס זיי בעקלאָגען זיך איבער זייער מין, ווייזען זיי, אַז דער גרונד פון זייער ליידען איז אַ פּסיכאָלאָגישער, אַזעלכער, וועלכער ליעגט אין זייער אייגען נפש, און דאַדורך, וואָס זיי בעקלאָגען זיך איבער זייער לאַגע ווייזען זיי, אַז דער גרונד פון זייער ליידען איז אַ סאָ־

ציאַלער, אַזעלכער, וועלכער ליעגט אין זייער שטאַנד, וועלכען זיי האָבען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט. — אויס ביידעס צוזאַמען האָט זיך ענטוויקעלט די פרויען־פראַגע.

און אַלע יענע שטומע, אומגליקליכע בעשעפענישען, אַלע יענע מיליאָנען וועלכע זענען ווי די שאָטענס אַרום־געשוועבט און האָבען ווי די שאָטענס געשוויגען גאַנצע יאָהרהונדערטע, זי האָבען פּלוצלונג בעקומען לשון, — רעדענדיג־לשון אָדער שטום־לשון! אַמאָל ברענט דאָס וואָרט ווי פייער אויף די גליהענדיגע ליפּען, און אַמאָל שיסט עס אַרויס פון די הוילע אויגען און ליעגט אויסגעגאָסען אויף דעם בלייכען פּנים. אוי, וואָס מיר לייַדען, אוי וואָס מיר לידען! ווען איינער וואָלט קענען דאָס אַרויסרעדען וואָס מיר פיהלען אים הארצען! . . .

און ענטוויקעלט האָט זיך די פרויען־פראַגע און געוואָרען איז די פרויען־עמאַנציפּאַציע. פרויען ווילען זיך עמאַנציפּירען; זיי ווילען זיך, הייסט עס, בעפרייען.

פון וואָס? פון וואָס ווילען זיי זיך פריי מאַכען?

פון מאַן? פון זיך אַליין? פון דעם, וואָס זיי זענען פרויען?

אַרנע גאַרבאָרג זאָגט: די פרוי האַלט פאַר נאַריש דעם מאַן און דער מאַן האָט רויהע, ווילדע מחשבות וועגען די פרוי. די פרוי, ווייל זי איז אין אַ גרעסערע סכנה, האָט געפּרובט אַליין, ווי ווייט זי קען, זיך אַרויס צו ראַטעווען פון יענעם שמאָלען געסעל. נאַטירליך האָט דאָס געפּרובט די „דענקענדע פרוי”. דאָס איז די עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי, אַזוי ווי זי האָט זיך באמת ענטוויקעלט. נאָך דעם ווי זי האָט חרוב געמאַכט אַלע לענדער אין צפון, קריעכט זי יעצט אויך איבער מיטעל־אייראָפּאַ. אָבער די עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי בעווייזט, אַז די פרוי האָט אָנגעהויבען מסופק צו זיין אין זיך אַליין אַלס פרוי.

דאָס שלעכטע אָבער פון דער זאַך איז, דאָס צום גרעסטען טהייל האָבען נאָר מענער איבער די פרויען געשריבען. און מענער, זאָלן זיי נאָר אַזוי טיעף אַריין־געהן אין די זאַך, זענען נישט אים שטאַנד יענעם געפיהל, וועלכעס ליעגט אים הארצען פון דער פרוי אַרויס צו רעדען. מענער ווען זיי שטרענגען זיך אָן געדעכט צו זיין, קענען העכסטענס נאָר דעם ערשטען

טהייל פון דער פּראַגע, דעם סאָציאַלען גרונד פון דעם אומגליק, דערקלע־רען. אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט אויפגעשטאַנען צווישען פרויען אַ פרוי, אַ שרייבערין, וועלכע פיהלט ווי זיי און רעדט ווי זיי און איז אום שטאַנד דעם גרויסען קרעכץ פון איהרע מיליאָנען שוועסטער אַרויס צו רופען אין די וועלט אַריין, אַז אַלע אויערן זאָלען הילכען און אַלע הערצער זאָלען ציטערן, וועלען די מענער קיין קלאָרען בעגריף נישט האָבען פון דעם, וועל־כעס יענע אומגליקליכע ליידען. דען נאָר אַ פרוי האָט זיי אַלעמען געזעהן און געריעדט מיט זיי און געלייענט אין זיי, ווי דער מאַנספּערשוין קען זיי קיינמאָל נישט זעהן און רעדען מיט זיי, און לייענען אין זיי. נאָר די פרוי קוקט אָן אַ פרוי מיט יענעם בליק פון אַ גלייכען פעראיינס־מאַן, וועלכער דערקענט איינעם דעם צווייטען דורך אַ געוויסען צייכען, וואָס אַנדערע זע־העו גאָר נישט. נאָר די פרוי לייענט אין דער פרוי יענע קבלה — אותיות פון אַלעס, וועלכעס איז מיט איהר געשעהן, אותיות פול מיט סודות, וועלכע מענער פערשטעהען נישט און וועלכע די פרויען פערשטעהען זיי אַלע, קלו־גע און נאַרישע צוגלייך, אַ שפּראַכע, וועלכע די מענער בלייבען אַלעמאָל דערשראָקען פאַר איהר שטעהן, די קלוגע און די נאַרישע מענער צוגלייך. די פרוי קען זיי אַלעמען מיט זייער געשיכטע, די געשיכטע, וועלכע זיי דערצעהלען און די, וועלכע זיי דערצעהלען נישט און די, וועלכע זיי דער־צעהלען פאַלש, דען זי איז אַ פרוי ווי זיי און אַ טאָכטער פון דערזעלבער צייט.

און אַזוי אַ פרוי איז ענדליך אויפגעשטאַנען צווישען זיי. זי הייסט לוירא מאַרהאָלם.

איך לייען איהר בוך „פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי", איך לייען פון איהר „דאָס בוך פון די פרויען" און „די פרויען און די דיכטער" און איהרע אַנדערע זאַכען און איך קען מיך נישט גענוג אויסוואונדערן איבער אַלעס, וועלכעס זי זאָגט אונז.

איך וויל פּרובען אין אַ סעריע פון ווייטערע אַרטיקלען איהרע געדאַנ־קען, אָדער בעסער, איהרע געפיהלען, צו בעלויכטען.

II

ווייל פרויען לײַדען, מיינען זיי, אַז דאָרט ביי זיי, ביי די מענער איז עס בעסער. ווי איבערהויפּט יעדער לײַדענדער און קראַנקער מיינט אַז עס איז בעסער דאָרט, וואו ער געפינט זיך נישט — און דערפאַר ווילען זיי און שטרעבען זיי מיט אַלע כחות, צו ווערען אין אַלעמען גלייך צו די מענער.

איך וויל נישט רעדען פון דעם גרויסען טעות, וועלכע זיי האָבען. יעדער וועלכער שטעהט אונטען, מיינט, אַז דאָס בלויע אויבען איז אַ הימעל, און עס ווילט זיך איהם נישט גלויבען, אַז דאָס איז לופט, פּוסטע לופט.

אָבער פאַר וואָס ווילען זיי נישט פערשטעהן, ווי דאָס גאַנצע איז נישט מעגליך פון נאַטור נישט מעגליך!

לווירא מאַרהאָלם, יענע פרוי, וועלכע איך האָב אין ערשטען אַרטיקעל דערמאָהנט, גיט דאָס זעלבע צו פערשטעהן אַזוי: די פרוי קען נישט, אין קיין שום זאַך, זיין גלייך צו דעם מאַן. אומגעקעהרט, איהר גאַנצע ענטוויקלונג מאַכט זיך אַזוי, אַז זי זאָל וואָס אַמאָל ווייטער אין די פערשיעדענסטע אופנים ווערען נישט גלייך צו דעם מאַן. אין דעם, וואָס זי איז אַנדערש ווי ער, ליעגט איהר אַנציהונגס־קראַפט פאַר דעם מאַן און איהר גליק פאַר זיך זעלבסט. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס די פרוי פון היינט איז פון איין זייט נישט מעהר פון יענעם גראָבען געזונדטען בעל־הבית'שען שטאָף, פון וועלכע עס זענען געוועזען אונזערע באָבעס און עלטער באָבעס, און פון דער אַנדערער זייט איז זי נאָך נישט פערטיג אינגאַנצען אין איהר אַנדערש זיין, וואָס זי מוז זיין אַנדערש ווי דער מאַן. די היינטיגע פרוי איז אַ מין האַלבע זאַך, נישט אַהין, נישט אַהער, און די ערציהונג אין דער היים, און די ערציהונג אין דער שולע, און די גאַנצע געזעלשאַפט אַרום איהר און די הויכע תורה פון אונזער גאַנצער מאָראַל, זיי אַלע האָבען זיך פערבונדען, כדי נישט צו לאָזען די פרוי אַרויסקומען פון יענער האַלבקייט.

די היינטיגע פרוי האָט נישט מעהר קיין רעשפּעקט פאַר דעם מאַן און האָט נישט מעהר קיין רעשפּעקט פאַר זיך אַליין, וואָס זי איז דאָך דער גוף,

זועלכער טראָגט דאָס נייע לעבען. עס האָט אויפגעהערט דער דרך ארץ ביי איהר פאַר יענע קדושה, וועלכע עס רוהט אויף איהר ווייבערשע טבע זי איז געוואָרען נאַריש — קלוג אָדער איבערקלוג. זי איז געוואָרען אַ מענש אָהן נאַטור.

די היינטיגע פרוי האָט העכסטענס נאָר נאָך מורא פאַר דעם מאַן.

אויך אונזערע באָבעס האָבען מורא געהאַט פאַר דעם מאַן. אָבער זיי האָבען פאַר איהם מורא געהאַט ווי מען האָט מורא פאַר איין אָנשיקעניש, וועלכעס קומט פונ'ם הימעל. דער חופּה־טאָג איז געווען ביי זיי אַ טאָג פון אַ ביטער געוויין און פון בעטען צום הימעל אויף אַ גוטע מערכה, אויף אַ גוט מזל. דאָס ציוויליזירטע מעדעל אָדער די ציוויליזירטע פרוי פון היינט, ווען זי האָט מורא פאַר דעם מאַן, האָט זי נאָר מורא פאַר דעם רויהען, און ענטקעגען וועלכען זי איז גאַנץ אָהן מאַכט, ווייל ער איז שטאַרקער ווי זי און קען זי רויה בעהאַנדלען, ווען ער וויל נאָר און פאַר וואָס ער וויל נאָר. און פאָרט איז יענע קראַפט פונ'ם מאַן דאָס איינציגע, מיט וועלכען דער היינטיגער מאַן געפעלט דעם היינטיגען ציוויליזירטען מעדעל. די קראַפט כּישוּפט איהר אָן די מורא, און די קראַפט ציהט זי אָן. טהיילמאַל איז עס די אמת'ע קראַפט, און טהיילמאַל אפילו בלויז די געמאַכטע. דאָס זעלבע זעהען מיר ביי דער געבילדעטער אריסטאָקראַטישער דאַמע, גראַד אַזוי ווי מיר זעהען עס ביי דער איינפאַכער פרוי פונ'ם פאָלק. עס איז כמעט געוואָרען אַ מאָדע זאַך, אַ מצוה־זאַך, אַ שעהנע זאַך, צו רעדען און צו פאַנטאַזירען פון די קראַפט פונ'ם מאַנספּערשוין. דער שריפטשטעלער פּרזיבישעווסקי שרייבט גאַנצע ערצעהלונגען און דראַמען, וואו ער לאָזט די פרוי טאָג און נאַכט נאָר פאַנטאַזירען פון די קראַפט פונ'ם מאַנספּערשוין. און ווען דאָס מעדעל האָט חתונה מיט אָט אַזוי אַ „קרעפטיגען" רויהען ווילדען בופעל — אָקס, און פאַלט אָפט מיאוס אַריין, זאָגט זי נישט, אַז איהר אייגענער גראָבער שלעכטער חוש הריח איז אין דעם שולדיג, נאָר קלאָגט איבער די „שלעכטע מענער".

פּערצייטענס, און אויך היינט אין יענע ערטער, וואו מען איז נאָך גאָט זיי דאַנק נישט „געבילדעט", איז עס געווען גאָר אַנדערש. די פרוי האָט נישט געוואוסט און נישט תופס געווען איהר מאַן אַלס אַ געוויסען

בעשטימטען פאַרשוין, נאָר אַלס „מאַן“ סתם. נאַטירלעך, מיר לאַכען היינט איבער יע-נע „אומגליקליכע“, וועלכע האָבען חתונה און האָבען פריהער זייער חתן נישט געזעהן און ווייסען נישט, ווער און וואָס ער איז; אָבער ווען אַלע יענע אומגליקליכע וועלען זיך אוועק־שטעלען פון איין זייט, און אַלע אונזערע „גליקליכע“ פון היינטיגער צייט פון דער אַנדערע זייט, איז נאָך אַ פראַגע, ביי וועמען מיר וועלען מעהר גליק און ביי וועמען מעהר טרעהרען געפינען. נאַטירליך, מוזען מיר דאַרויף ענטפערן, דאָס די ערשטע פיהלען גאָר נישט, און מענשען וועלכע פיהלען נישט, קענען אפילו אומ־גליקליך אויך נישט זיין. אָבער פון וואַנען קומט עס, דאָס יענע ערשטע האָ־בען באמת יאָ זעהר אָפט דאָס גאַנצע, פולע, גרויסע גליק געפיהלט? ווי קענען מענשען, וועלכע פיהלען גאָר נישט, גראָד גליק פיהלען? — ווי די מעשה איז, איך האָב דאָ נאָר געוואָלט דעם פאַקט אוועקשטעלען, נישט מעהר. קלאָר איז, דאָס די פרוי פון פריהער האָט איהר מאַן נישט תופס געווען אַלס עטוואָס, וועלכעס געהערט צו איהר, נאָר אַלס עטוואָס, צו וועל־כען זי געהערט: זי האָט אים תופס געווען אַלס אַ מאַן סתם, אַלס זווג, אַלס גאָט'ס זאַך אַלס בעשערטען, אַלס זאַך, איבער וועלכע מען האָט קיין דעה נישט און וועלכע מען מוז איבער זיך מקבל זיין, ווי מען איז מקבל יעדע זאַך, וועלכע קומט פון אויבען. חתונה — האָבען איז געווען אַ דבר שבק־דושה, אַ מצוה, אַ זאַך פון גאָט. עס איז נישט געווען אַ מין שפיעלען אויף געווינען אַלעס אָדער פערליערען אַלעס. עס איז נישט געווען קיין אויסגע־רעכענטער חשבון, עס איז נישט געווען קיין פּראָבע — מאַכען, וועלכעס ענדיגט זיך געוועהנטליך שלעכט, נאָר אַ הייליגע מצוה איז עס געווען, וועל־כע מען מוז מקיים זיין מיט הכנעה, מיט גאָטפאָרכטיגקייט. גאַנץ בעזונ־דערס ווייזט זיך דער חילוק אַרויס אין דעם, ווי מען האָט פערצייטענס גע־קוקט אויף לעבען פון מאַן און ווייב, אויף מעוברת־זיין, אויף קינדער־האָ־בען, און ווי אַ היינטיגע פרוי קוקט דאַרויף. מען האָט פערצייטענס נישט געוואוסט פון אַלע יענע זאַכען פון ברוגז־ווערען, פון אָראָבלאָזען די נאָז און פון מאַכען זיך קלאָמפּערשט בעז אויף דעם „אומגליק“ וועלכעס איז צוגעקומען. מען האָט אין אַלע יענע זאַכען נאָר מצוה מקיים געווען, און אַלעס מיט אַ מין שטאָלץ, מיט אַ מין הכנעה און מיט אַ מין הייליגען רעש־

פעקט. מען האָט דאָס אַלעס גערופען „די פליכט פון דער פרוי”. אזוי איז געווען גאָר דער אַלטער דור.

אַנדערשט א ביסעל איז עס שוין געווען א דור שפּעטער, דער דור פון אונזערע מוטערס. אמת, ברוגז'ליך, אָדער בעז, אָדער גאָר איגנאָנצען ווידערשפּענסטיג זענען אונזערע מוטער'ס חלילה נישט געווען; אָבער גע־פיהלט האָבען זיי פאָרט שוין, אַז דער גאַנצער צושטאַנד ביי יענע „פליכ־טען”, וועלכע די פרוי האָט, איז אַ רעכט ביסעל נישט אָנגענעהם. זייערע פנים'ער און פּרעטענזיעס האָבען זיי שוין געהאַט און פלעגען שוין זיך און די מענער פייניגען, און האָבען צו די מענער תביעות און טענות בשעת מעוברת־זיין. אַזוי האָט זיך ענטוויקעלט ביי זיי דאָס געפיהל פון אַ מין גליקליך — מאַכען. די פרוי מאַכט גליקליך דעם מאַן טאָג און נאַכט, אַז זי טהוט איהרע פליכטען. און פערלאַנגט פון איהם אַ בעזונדערן דרך־ארץ דערפאַר, וואָס זי איז נעביך, אַ כפּרה־היהנדעל. באמת, זאָגט זי, איז זי נאָר מקריב איהם צו ליעב, און נאָר איהר פיינקייט איז עס צו פערדאַנקען, וואָס זי האָט נישט דערפאַר קיין בעזונדערע פרעטענזיעס. דאָס ליעבלינגס־וואָרט ביי יענע פרויען איז: זיך מקריב זיין. זיי זענען זיך מקריב פאַרן מאַן. זיי זענען זיך מקריב פאַר די קינדער, זיי זענען זיך מקריב פאַרן הויז, זיי זענען זיך מקריב פאַר דעם שטאַנד, וועלכען זייער פאַמיליע זאָל האָבען אין דער געזעלשאַפט; זייער גאַנץ לעבען איז איין איינציגער גרויסער קרבן.

אוי, ווי קענען זיי זיך איינעם דערעסען פאַר זייער עביגען זיך מקריב זיין! איך קען אַזוינע, וועלכע עסען זיעבען ביפשטעקס אַ טאָג, און פאָרט זענען זיי זיך רק מקריב און האָבען אַלץ קיין אפּעטיט נישט: איך קען אַזוינע, וועלכע שלאָפען צוועלף שעה א מעת־לעת, און פאָרט זענען זיי זיך רק מקריב און קענען אַלץ נישט קיין אויג צומאַכען; איך קען אַזעל־בע וועלכע זענען שטאַרק ווי די סאָסנעס און געזונד ווי די ריעזען און דויט ווי די בוראַקעס, און זענען פאָרט זיך רק מקריב דעם גאַנצען טאָג און האָבען אַלץ קיין כח נישט; איך קען אַזוינע, וועלכע האַלטען זיך אַכט און אַכציג משרתים און שטעקען קיין האַנד נישט אַריין אין קאַלטען וואַסער, און פאָרט זענען זיי זיך רק מקריב פאַר זייער הויז און פאַר די ווירטשאַפט; איך קען אַזוינע, וועלכע קוקען דעם גאַנצען טאָג זייער קינד נישט אָן און האַלטען צו אים נאַנקעס און באָנעס און גובערנאַנטקעס, און פאָרט זענען

זיי זיך תמיד מקריב און לעבען רק נאָר פאַר דעם קינד; און אַזוינע קען איך, וועלכע גענעצען דעם גאַנצען טאָג פאַר לעדיג־געהן און שפּיעלען קאָר־טען האַלבען נעכט און פּוטצען זיך ווי די קאַטשקעס, און האַלטען פאָרט אין איין זיך מקריב־זיין פאר מאן און קינד און הויז, און האַלטען נאָר אין איין לעבען פאַר דעם מאַן און פאַר'ן קינד. פון די וועלכע זענען זיך „מקר־ריב" פאַרן כלל, וויל איך גאָר נישט רעדען. בקיצור, מען האַלט אין איין זיך — מקריב — זיין, מען איז זיך מקריב צוליעב די „פליכטען", וועלכע מען האָט. איך האָב געהאַט אַ רבי'ן וועלכער האָט נישט געקענט ליידען אַ הוהן, אַ קוואָקע, דערפאַר, ווייל ווען זי לעגט איין איי, וועלכער איז ווערטה אפילו אין אַ יקרות יאָהר נישט מעהר ווי דריי פּוילישע גראָשען, פערקוואָ־קעט זי איינעם דאַמיט דעם קאָפּ זיעבען שעה לאַנג. אוי, דאָס גליקליך מאַ־כען! איך רעד שוין נישט פון יענע, וועלכע, ווייל זיי זענען אנשטענדיג שטענדיג און האַלטען זייער טרייקייט צום מאַן אַזוי ריין ווי זייער געפעס אין דער קיך, פערלאַנגען זיי אויך דערפאַר אַ קניפּ אין בעקעל...

און אַז יענע פרויען ווערען אַלט, דאָ מאַכען זיי אַ גאַנצען טאַראַראַם פון זייערע קראַנקהייטען און פון זייערע ליידען, וועלכע זענען אויף זיי נעביך געקומען נאָר צוליעב זייער זיך־מקריב־זיין. אַ מערקווירדיגען סימן געפינען מיר ביי יענע פרויען, אַז וואָס מעהר עלטער און וואָס מעהר מאוס'ער זיי ווערען, ווערען זיי אַלץ מעהר תקיפ'ער ביי זיך און דערדריקען דעם מאַן שוין גאָר אין גאַנצען אונטער זייער יאָך. על פי רוב ווערען זיי עלטער פון די מענער און איבערלעבען זיי, און איבערנעהמען דאַן די ממשלה אי־בער זייערע זיהן און טעכטער און שטערען די דערוואַקסענע קינדער זעהר אָפּט זייער שלום בית. שטאַרבען זיי אָבער פריהער פאַרן מאַן דורך אַ ראַק אָדער אַ צוקערקראַנקהייט אָדער וואַסער־קראַנקהייט, וכדומה אַזעלכע קראַנקהייטען, וועלכע קומען פון זיך־מקריב־זיין, דאָ טרויערט דער אלמן נאָך אַזאַ געשטאָרבענער זיין גאַנץ ביסעל איבריג לעבען. זי פעהלט איהם שטאַרק און ער ריהמט זי עביג, און די זיהן ליבען זי און האַלטען זי אַלס מוסטער פאַר זייערע אייגענע ווייבער...

פון מײַן ספרים־טישעל

I

אַלע כתבים פון מענדעלי מוכר ספרים

אָפּגעדרוקט ביכערווייס כסדר איינס נאָך דאָס אַנדערע.

דאָס ערשטע בוך: **„פישקע דער קרומער".**

אָדעסאַ בדפוס א. וואַרשאַווער (תרמ״ט)

אַז איך האָב פאַרגעלייענט עטליכע קאַפּיטלעך פון דעם דאָזיגען בוך איינעם, אַ מענשען וואָס איז פאַר צוואַנציג יאָהר געווען אין דער ראַבינער־שול און האָט זייט דענסטמאָל נישט געהאַט צו טהון מיט יודען און ווייסט כמעט שוין גאָר נישט פון זיי, און נאָר אַ געזונדען קאָפּ מיט אַ געזונדען כח השופט האָט ער, דאָ האָט ער געלעקט די פינגער פון יעדע פּאָר שורות און האָט אַלע ווײַלע געשריגען: „אַך, ווי גייסטרייך איז מענדעלי מוכר ספרים!"

און ווידער אַז איך האָב פאַרגעלייענט עטליכע קאַפּיטלעך פון דעם דאָזיגען בוך איינעם, אַ יודען וואָס האָט טאָג און נאַכט צו טהון מיט יודען און מיט אַזעלכע מענדעלעך, סיי זיי האַנדלען מיט ספרים, סיי זיי האַנדלען מיט פירלערם טוך, און איז דוקא אַ יוד גאָר קיין נאַר נישט דאָ האָט ער מיך אָנגעקוקט אַלע מאָל מיט זיינע האַלב צוגעדריקטע אויגען און האָט נאָך יעדע פּאָר שורות אַ פרעג געגעבען; טאָ, וואָס איז דאָ אַזוינס דער מעהר? וואָס לאָזט מיך דאָ דער פסוק הערען? . . .

איך וויל נישט זאָגען, אַז איינער פון זיי האָט אַ קלאָרערן, געזונדטערן פערשטאַנד פון דעם צווייטען, טאָ פון וואַנען קומט עס פאָרט, אַז עס איז אַזוי?

מיר דאַכט, אַז מענדעלי מוכר ספרים אַליין ענטפערט אונז דערויף. מענדעלי מוכר ספרים אין זיין הקדמה זאָגט, אַז די ערשטע שאלה, וואָס מען וועט איהם פרעגען, וועט מסתמא זיין „מה שמכם?" און דאָס איז ביי יודען אַזאַ נאַטירליכע זאַך, ווי עס איז נאַטירליך אַ טאַפּ צו טהון יע־

נעמם נייע קאַפּאָטע מיט אַ שאלה: וואָס קאָסט איין אַרשין ? אָדער אַריינ־צושטעקען די פינגער, אַז יענער מאַכט אויף דאָס פושקעלע און צו כאַפּען אַ שמעק טאַבאַק וכו׳ — און אַזוי נאַטירליך ווי דאָס אַלעס איז ביי אַ יוד פון די יודישע מענדעליך, אַזוי, זאָג איך, איז אויך נאַטירליך, אַז אַ יוד זאָל נישט נתפעל ווערען פון אַ וויץ, פון אַ גלייך וואָרט, פון אַ גייסטליך וואָרט, וואָס ער הערט פון אַ מחבר, און אדרבא, איהם ווייזט זיך גאָר אויס, אַז דאָס אַלעס קומט איהם, אַז דאָס אַלעס מוז אַזוי זיין, דען, אַז נישט דאָס „מאי קא־משמע־לן ?" פאַר דעם איז מען דאָך אַ יוד, פאַר דעם איז מען דאָך אַ מענדעלי מיט אַ שפּיציגען בערדעל און נישט חלילה קיין עשיו. איך בין בטוח, אַז איינער, אַ ווילד פרעמדער יוד, וואָלט צוקומען צו מיין גע־וועזענעם ראַבינער־שילער מיט דער שאלה: מה שמכם ? וואָלט ער איהם בודאי דערלאַנגען גאָר אַ פייערדיגען פּאַטש, פאַר אַזאַ׳ן עזות, און ווידער, אַז מען וואָלט צוקומען צו מיין צווייטען יוד מיט דער דאָזיגער שאלה, דאָ וואָלט ער נאָר נחת אָנקלויבען פון אַזאַ שלום עליכם.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך אַליין בין אויך אַ שטיקעל מענדעלי, דאָס הייסט איך אַליין קריג נישט קיין קעלעכערנע התפעלות פון אַ חכמה׳לע אָדער פון אַ המצאה׳לע, וואָס אַ צווייטער מענדעלי וועט מיך לאָזען הערען. דען דאָס דאַכט מיר קומט מיר עפ׳י דין, פאַר דעם איז עס דאָך מענדעלי מוכר ספרים׳ס אַ ספר וואָס איך לייען איהם. אָבער טאַקי דערפאַר, מוז איך זאָגען, קען אַ שרייבער זיך גליקליך שעצען, ווען ער האַלט שיין אויף אַזאַ מדרגה, אַז זיין לעזער קריעגט נישט פון איהם קיין התפעלות, דען דאָס איז אַ סימן, אַז ער פיהלט, זיך מיט איהם היימיש, דאָס איז אַ סימן אַז דער שרייבער איז איין אמת׳דיג קינד פון זיין פאָלק אַרויס, אין אַזאַ שריי־בער קען אַ גרויסע ווירקונג האָבען אויף זיינע לעזער. גליקליך איז מענ־דעלי מוכר ספרים, וואָס אַ יוד, פיהלט זיך היימיש מיט איהם און ברידער־ליך מיט זיין פערדעל !

דער וויץ, דאָס גייסטרייכע, דאָס גלייך־ווערטעל, די גראַטהענע מש־לים, דער טאָן און אַלעס אַנדערע, וואָס מיר געפינען אין „פישקע דעם קרומ־מען", זיי אַלע זענען אַלזאָ נאָר צופעליגע זאַכען, וואָס האָבען אַ ווערטה נישט פאַר יעדען גלייך, אָדער, ווי דאָס הייסט אויף גויעש, זיי האָבען נאָר

אַ רעלאַטיווען ווערטה; האָט אָבער „פישקע דער קרומער" אויך אַ רעיעלען ווערטה? אז מען נעמט דאָס אַלעס צו פון דעם דאָזיגען בוך, האָט עס אויך

אַ ווערטה כשהוא לעצמו?

מיר וועלען זעהן. — „פישקע דער קרומער" איז נישט אַ ווערק, וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסען פונ'ם צאַפּען אין איין גוס. „פישקע דער קרומער" איז שוין געווען געדרוקט (1869) און האָט דענסטמאָל געהאַלטען נישט מעהר ווי אָנדערהאַלבען בויגען. און יעצט ביים צווייטען מאָל דרוקען זיך, איז ער שטאַרק אויסגעוואַקסען און האָט גאָר גאַנצע צעהן גרויסע בויגען. מענדעלי מוכר ספרים האָט אַלזאָ ניינטהאַלבען בויגען. צו־דערציילט, צו־געמאַכט, צו־געטשעפּעט, צו־געטראַכט, צו־געפילאָזאָפירט. איז דאָס נישט אַ חסרון? איך האָב מורא, אז יאָ. איך האָב מורא, אז פישקע דער קרומער מיט זיין ליעבע צו דעם האָרבאַטען מיידעל און מיט זיינע נסיעות צווישען די אָרעמע לייט, איז טאַקי מאַטעריאַל נישט מעהר ווי אויף אָנדערהאַלבען בויגען, און דאָס איבריגע, דאָס הייסט דער גרעסטער טייל, איז נישט מעהר ווי צוגעשלעפּט געוואָרען און האָט אין זיך גאָר בעזונדערע מעשה'לעך, שטיקלעך, עפּיזאָדען, בעטראַכטונגען וואונדערשעהנע שטעלען, — און באופן הזה, דאַכט מיר, קען דער קריטישער לעזער נישט געפינען אַ גאַנצע זאַך, און דאָס וואָס איז נישט גאַנץ דאָס איז, דאַכט זיך, פעהלערהאַפט בנוגע צו כודאָזשעסטוואָ, צו קונסט. עפּיס דאַכט מיר, מיר וואָלטען קענען פאָהרען און יוצא זיין מיט דער אַלטער לאָקאָמאָטיף אַליין, און די נייע וואַגאָנעס, זיי מעגען זיין שעהן וואָס שעהן הייסט, זיי זענען פאָרט נאָר צוגעטשעפּעטע, עפּיס דאַכט מיר, דאָס קליינע מעשה'לע פון פישקע דעם קרומען מיט זיינע אָרעמע לייט. דאָס אייגענטליך איז גאָר איבריג אין דעם דאָזיגען ספר, און איז גאָר אַ צולאָג צו די אַנדערע קליינע און ברייטע שטיקעלעך — און אַזעלכעס שטערט זעהר ביים לעזען און איז אַ חסרון אין דעם צונויפשטעלען, אָדער, ווי דאָס הייסט אויף גוי'עש, אַ פעהלער אין דער קאָמפּאָזיציע.

האָט אָבער די מעשה כשהוא לעצמו עפּיס אַ ווערטה?

די אייגענטליכע מעשה פון פישקע דעם קרומען איז אַ גאָר איינפאַכע. איינער, אַ קרומער, וואָס הייסט פישקע, דיענט אין דעם מרחץ אין דער

קהלה גלופּסק. און חברה מאַכט איהם חתונה מיט דער בלינדער יתומה, וואָס בעט נדבות נעבען דער טויטער שוהל. דערנאָך לאָזען זיךביידע מיט א גאַנצע כאַליאַסטרע אָרעמע לייט געהן איבער די הייזער און וואַנדרעווען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון הקדש. דאָ קומען פאַר קאַרטינעס און סצענעס פון יודישע אָרעמע לייט און דערנאָך: פישקע דער קרומער האָט עפּיס נישט שטאַרק שלום בית מיט זיין ווייב, וואָס חבר׳ט זיך א ביסעל מיט איין אַנדערן אָרעמאַן, מיט דעם „רויטען ממזר”. און ער אַליין, פישקע, דערטאַפּט צווישען חברה א האָרבאַטע מיידעל, און ביידע פערליעבען זיך מיט אמין פערליעבעניש, וואָס איז גאָר נישט אויסצוהאַלטען, און יעדעס מאָל ווי פישקע נעהמט זיך דאַצו, אָבצו׳גט׳ן זיין ווייב, קומט עפּיס אריין א שטן אין דער מיט, ביז טאַקי די האָרבאַטע איז נעלם געוואָרען פון איהם, דורך דעם רויטען ממזר׳ס א שטיקעל, און אונזער פישקע פאָהרט יעצט זי זוכען... און אַזוי ווי ער זיצט זיך אויף דער בויד פאָהרענדיג קיין גלופּסק זי זוכען, ענדיגט זיך פּלוצים דאָס בוך.

דאָס איז די מעשה גאָר אין גאַנצען! דאַכט זיך עפּיס נישט אַזוי שטאַרק פערוויקעלט און וואונדערליך אויסגעטראַכט. און אויך דאָס פערליעבעניש איז עפּיס נישט אַזאַ נאַטירליכע זאַך, און אַזוי ספּעציעל יודישלעך ביי יודישע אָרעמע לייט אין הקדש, און מען קען מיינען, אַז דאָס איז נאָר א צוטשעפּעניש בכדי לקיים די מצות עשה פון שרייבען א ליעבעניש אויך — נאָר מען מוז זיין א מייסטער ווי מענדעלי מוכר ספרים, אַז דאָס אַלעס זאָל ווערען רעכט. מען מוז קענען שרייבען ווי ער און דערצעהלען ווי ער, אַז דאָס אַלעס זאָל זיך אַזוי לעגען גלייך אויפ׳ן מוח, און קריכען גלייך אין האַרץ, ביז מען זאָל אָנהויבען צו מיינען און צו פיהלען, אַז אַלעס איז אַזוי נאַטירליך און דאָס אַלעס מוז אַזוי זיין.

נאָר אפילו דאָס דאָזיגע קליינע מעשה׳לע פון פישקע דעם קרומען. איז ביי מענדעלי מוכר ספרים נישט דער עיקר, און נאָר דאָס לעבען און די שילדערונג פון יודישע אָרעמע לייט, דאָס איז ער דאָרט אויסען. האָט דאָס דאָזיגע לעבען ווירקליך אַזוי פיעל אינטערעסאַנטעס, אַז עס זאָל ציהען אויף זיך די אויגען פון א קינסטלער? — איך בין שטאַרק דאָרין מסופּק! — דאָס בעטלען און דאָס געהן איבער די הייזער איז א געשעפט ווי טויזענד

אַנדערע געשעפטען, ווי למשל האנדלען מיט תבואה אָדער מיט אתרוגים אָדער מיט מאַסקווער ציץ. און די מענשען וואָס בעשעפטיגען זיך דאָמיט, זענען מענשען ווי טויזענד אַנדערע, ווי למשל מענשען, וואָס זענען וואלד־סוחרים אָדער מלמדים אָדער ווינקעל־אדוואָקאַטען, און צווישען זיי איז דאָ גוטע און שלעכטע, און שטעלען גאָר נישט פאָר אַ בעזונדערן טיפּ. און זייער עזות און זייער כיטראָסט און זייער גנב'יש לשון, זענען זאַכען, וואָס מיר געפינען ביי יעדען סוחר. מענשען מיט וויכע ווייבערשע נשמות, ווי פישקע און זיין האָרבאַטע מיידעל, זענען, דאַכט זיך, כלל וכלל נאָר נישט פאַרהאַנען אין אַזאַ כאַליאַסטרע. און מען קען זיך גאָר נישט ער־קלערען, בנוהג שבעולם, ווי זיי קומען דאָרט אריין און ווי אַזוי עס קענען אַזעלכע נפשות דאָרט אויסוואַקסען און זיך דערהאַלטען אין זייער ריינ־קייט. און די אַלע איבריגע אָרעמע לייט — אָה, ווי עסט זיך אונז צו, צוקוקענדיג זיך צו זייער לעבען־ מיר זענען קלאָמפּערשט פון דערהיים אוים נאָך געוועהנט אַ ביסעל רחמנות צו האָבען אויף אָרעמע, עלענדע מענ־שען, און דאָ זעהען מיר אָרעמע, עלענדע מענשען, וואָס מיר טאָרען אויף זיי אפילו רחמנות אויך נישט האָבען. עס זענען לויטער עזות־פּנים'ער, גנבים, הולטאַיעס, געמיינע מענשען, וואָס מיר זעהען פאַר אונז, און די גאַנצע קדושה, וואָס האָט אַ מאָל גערוהט אויף אָרעמקייט און אויף עלענד, פאַרשווינדט פאַר אונז און פליהט אַוועק ווי אַ לייכטער רויך . . . אונזערע חלומות און אונזער פּאָעזיע פון אַ „סאָציאַלע פראַגע" שטאַרבען אוים, און קברים עפענען זיך פאַר אונזערע אויגען — לויטער קברים, לויטער קברים!

נישט דאָס אָבער בין איך אויסען — אַזוי זאָגט ר' מענדעלי זעהר אָפט און אַזוי זאָג איך אויך, איך וויל נישט זוכען ביי מענדעלי מוכר ספרים אַ „מעשה" מיט אַלע פליטערלעך, מיט „פערוויקלונגען" און מיט רעכטע ליעבעס און מיט אמת'ע טיפּען, און וויל אויך נישט פרעגען קיין לאַנגע קשיות וועגען קאָמפּאָזיציעס, דען דערפאַר איז עס דאָך מענדעלי, אַ יוד מיט אַ שפּיציג, גאָל בערדעל, וואָס הויבט שוין אָן גרוי צו ווערען, און אַזאַ יוד וועט מיך הערען ווי די גרויע קאַץ ווען איך וועל אָנהויבען מיט איהם צו שמועסען וועגען דינים און חוקים. בּישלע דער קרומער איז אייגענטליך

גאָר נישט דער העלד פונ'ם ערצעהלונג „פישקע דער קרומער", און איהם מיט זיין האָרבאַטע מיידעל אין זיין כאַליאַסטרע פּטר'ט מען אָב אין עט־ליכע בלעטלעך. איהם נעמט מען אַרויף אויף אַ בויד, וואָס פאָהרט קיין גלופּסק, און מען זעצט איהם אַוועק צווישען צוויי יודען, צווישען מענדעלי מוכר ספרים און צווישען אַלטער יקנה'ז, און לאָזט איהם ערצעהלען זיין מעשה'לע, און סוף, איין עק. — דער עיקר זענען די פערשיעדענע בילדער, די וואונדערליכע קאַרטינעס, די שעהנע שטיקליך, וואָס מיר געפינען אין דעם גאַנצען בוך פון אָנפאַנג ביז צום סוף, און כאָטש דאָס אַלעס איז נישט צונויפגעשלאָסען און ס'איז נישט געמאַכט דערפון איין קייט, האָ־בען פאָרט די בעזונדערע רינגען פאַר אונז אַ גרויסען ווערטה. באַלד דאָס ערשטע בלעטעל ווייזט אונז, אַז דער, וואָס דערצעהלט אונז, איז אַ מייס־טער.

אַ בויד נעהמט זיך אויף דעם טראַקט קיין גלופּסק. דאָס פערדעל איז גאַנץ יודישלעך, דאָס הייסט הונגעריג און קראַנק, מיט קאַלטענעס און מיט אָבגעריבענע קניען. דאָס יודעל וואָס זיצט אין בויד איז אָבער גאָר נישט פערדיש — עס איז מענדעלי מוכר ספרים, מיט אַ בייטש אין דער האַנד און טלית און תפילין אָנגעטהון. און אַ קאָפּ האָט דאָס דאָזיגע יודעל פּשוט אויף רעדער. פערשטעהט מען דאָך, אַז אין מיטען דאַווענען דרעמעלט מען איין. די בויד טהוט דערווייל אַריין אין אַ קאַליזשע און פערטשעפּעט זיך אין דעם אַקס פון אַ צווייטער בויד. דאָרט אויף דער צווייטער בויד זיצט אויך אַ יוד אין טלית און תפילין מיט אַ בייטש, ביידע ווערען אין כעס, און כאַפּען זיך איינער דעם אַנדערן שלאָגען — אַה, מען דאַרף אָנקוקען די גבורים, גבורי ישראל, מיט זייער כעס און זייער שלאָגען! פערשטעהט מען דאָך, אַז מענדעלי דערקענט באַלד דעם צווייטען, אַז דאָס איז ר' אַל־טער יקנה'ז, אויך אַ מוכר ספרים ווי ער, און ר' אַלטער דערקענט ר' מענ־דעלין, און איר פערשטעהט, ביידע וואָלטען מסתמא אַרויפפאַלען איינער אויפ'ן צווייטען קושען זיך, אַז נישט די של־ראש'ין וואָלטען שטערען, און דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיט די בוידען, ווי שלעפּט מען זיי אַרויס פון דער קאַליזשע? מילא פערשטעהט מען דאָך, אַז יודען'ס כח איז נישט צו אַזאַ אַרבייט. דאָ קומען אונטערגעפאָהרען גויים. די ידים ידי עשו מאַכען שוין אַלעס רעכט, און לאַכען אפילו אָב פון די פּראַקליטי זשידעס מיט

זייערע תפילין, נאָר, „מישטעהנס געזאָגט, פאַר וועמען מען האָט זיך דאָ צו שעמען״ — און די בוידען פאָהרען זיך זייער וועג.

און נאָך דער דאָזיגער הערליכער׳ קאַרטינע, קומט אַ צווייטע: צוויי יודען, מענדעלי און אַלטער, וואָס רעדען מיט זייער לשון, זייער דרך, זייער עהרליכקייט, זייער גנבה, און איינער גיט אַ „טאַפּ אין וואָגען״ ביים צוויי־טען, צו וויסען, ווי דער מסחר געהט ביי איהם, — אָה, ווי כאַראַקטערנע איז יעדעס וואָרט און ווי נאַטירליך יעדע בעוועגונג! מיר דאַכט, איך האָב ערשט נעכטען געזעהן דעם דאָזיגען מענדעלי דורך־פאָהרענדיג אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, און איך קען שווערען אַז היינט נאָך מיטאָג וועל איך זעהן אויך אַלטערן, דאָרט אונטען אויף דער גרזיבאָווסקי־גאַס, בעת ער וועט געהן קויפען סמאָלע צו שמירען די רעדער, און וועט זיך איילען נישט עובר מנחה צו זיין, און וועט אַ רייב טהון די הענד אָן דער וואַנד און וועט זיך אָוועקשטעלען נעבען וואָגען דאַווענען...

און דערנאָך אַנדערע סצענעס: ר׳ אַלטער ליעגט אויפ׳ן וואָגען באַ־קום. „רויט ווי צוויק״ און שוויצט. „שוויצען איז אַ יודישע זאַך״. די זון ברענט, און דאָ פאָהרט מען דורך פעלדער מיט תבואות, און עס שמעקט און מען הערט שפּיעלפויגעלעך זינגען. ר׳ מענדעלי אין בלויזען טלית־קטן ליעגט פערטראַכט — און דאָ הויבען זיך אָן נאַטור־שילדערונגען פּאָעזיע און וואַלד־פּאָעזיע, ווי נאָר אַ פּאָעט קאָן זיי בעשרייבען! עס שמעקט און עס זינגט זיך אַרויס פון יעדער שורה. און עס „קיצעלט ביי די נשמה״ און מיר ווייסען נישט, וואו דער כשוף שטעקט. — און דערנאָך די סצענעס אין וואַלד, און אין דער קרעטשמע. די נאַכט אין דער קרעטשמע און די לבנה־פּאָעזיע. דער מלמד און די בעל הבית׳טע: דער בעל הבית, וואָס איז אַ שמענדריק, און דאָס יונגעל־פערהערען — עס זענען לויטער סצענעס פון אַ מייסטער געשריעבען. אַמאָל מאַכט זיך, אַז עס קומט אַריין אַ שטיקעל, וואָס שטערט אונז. למשל די נאַכט אין דער קרעטשמע שלאָפענדיג אין בעטעל און די מלחמה מיט די וואַנצען. וואַנצען מיט דעם דרך הטבע שטינ־קען און האָבען אין זיך זעהר וועניג פּאָעזיע, און ווי שעהן און ווי וויציג עס מעג נישט זיין די שילדערונג פון דער מלחמה מיט זיי, ברענגט עס זעהר וועניג נוצען, נישט די לעזער און נישט די וואַנצען, וואָס וועלען זיך דערפון גאָר נישט אַראָבנעמען קיין מוסר. און ווי עס ווייזט זיך אוים האָט

אויך דער ערצעהלער דאָס אַרויסגעפּיהלט בשעת מעשה, און האָט געפּרובט געבען אונז אַ נמשל, אַז ער מיינט נישט גראָד וואַנצען ממש, נאָר אויך אַנדערע מיני וואַנצען, און פאַ־ט אָבער פּיהלט מען ווי דאָס גאַנצע שטערט. אַזעלכע שטיקלעך זענען אָבער אין גאַנצען בוך זעהר ווייניג פערהאַנען, דערפאַר האָבען מיר אַנדערע סצענעס און אַנדערע קאַרטינעס, וואָס זענען מייסטערהאַפט געשריעבען. אַזעלכע סצענעס און אַזעלכע קאַרטינעס ווייזען זיך אונז ביז צום סוף, ביז מען נעמט אַרויף אויף די ביידלעך אויך פישקע דעם קרומען וואָס מען טרעפט איהם אין וואַלד און מען זעצט איהם אַוועק, איינמאָל אויף אַלטערס און איינמאָל אויף מענדעלי'ס בויד, און מען לאָזט איהם זיין מעשה'לע דערצעהלען; און אַזוי געהט עס ווייטער ביז מען קומט אָן קיין גלופּסט, און אַזוי ענדיגט זיך דאָס בוך.

אין דעם דאָזיגען בוך האָבען מיר אַלזאָ נישט צו זוכען איין מעשה, נאָר אַ סך מעשה'לעך, אַ סך עפּיזאָדען, שטיקלעך סצענעס און קאַרטינעס.

מענדעלי מוכר ספרים איז נישט קיין מעשה דערצעהלער. ער איז אָבער אַ מייסטער מיט אַ פּאָר גוטע אויגען און אַ פּאָר גוטע אויערן, און ער זעהט און ער הערט אַלסדינג. זיינע שטיקלעך זענען קולטור־היסטאָריע און כאַראַקטעריסטיק: ער שילדערט אונז דעם ריכטיגען שטאַנד פון יודען אין געוויסען אָרט און אין אַ געוויסע צייט, און שילדערט אויך פערשיעדע־נע כאַראַקטערען פון איינצעלנע יודען. זיין בוך האָט איבערדעם נישט דעם ווערטה פון איין ערצעהלונג, וואָס איז געשריעבען לויט די ריכטיגע דינים פון איין ערצעהלונג, און נאָר דעם ווערטה פון קולטור־בילדער און כאַראַק־טער־שילדערונגען, אָבער אויך דעם אופן פון זיין שרייבען האָט אַ בעזונ־דערן ווערטה, דען ער פערשטעהט שעהן און אַנגענעהם, וויציג און גייסט־רייך צו שרייבען.

און אוים דעם גאַנצען שרייבען, עס מעג זיין נאָך אַזוי סאַטיריש און נאָך אַזוי וויציג, קלינגט אַרוים דער טרויעריגער נגון, וואָס זינגט זיך איהם אין הערצען, איבער דעם אומגליק און עלענד פון זיין פאָלק. — מענדעלי זאָגט פון זיך אין זיין הקדמה: „מיר חלום'ט זיך נאָר בעטלערס וכו', וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען — זעה איך פאַר מיר די טאָרבע וכו' און אַלץ די טאָרבע, דו יודישע טאָרבע!...״

II

שלימזלניצע, אַ ראָמאַן פערפאַסט פון ש. בעקערמאַן
(אָדעססאַ 1887)

פון דעם בעסטען ביז צום ערגסטען איז נישט מעהר ווי איין טריט, פון אַ „פישקע דעם קרומען" ביז צו אַ „שלימזלניצע" איז גאָר קיין הפסק נישט דאָ, — זיי ליעגעןביידע צוזאַמען אויף מיין ספרים־טישעל, און דער קויפער קויפט אי דאָס אי דאָס. וועט אונז געלינגען דעם עולם פאָרט אַ מאָל אויפצופענען די אויגען, אַז ער זאָל זעהן און פערשטעהן, וואָס ער טהוט?

אַ ראָמאַן — אַזוי שטעהט אויף דעם פאָדער־בלעטעל פון דעם דאָזיגען קונטרס אָנגעשריעבען, און דאָס איז אַ שטאַרקע סגולה צום פערקויפען. וועט אַ מאָל איינפאַלען אַ קויפער צו פרעגען: וואָס איז דער פירוש, אַז אַ קונטרס וואָס האַלט קאַרגע צוויי בויגען זאָל הייסען אַ ראָמאַן? און נאָך מעהר, אַז ער וועט זיך שפּעטער אַרומזעהן. וועט ער גאָר געפונען, אַז חוץ דעם ראָמאַן „די שלימזלניגע" איז אין די איינענע צוויי בויגען פערהאַן נאָך אַ ראָמאַן „דריי מוטערס אויף איין קינד". און אַז ער וועט זיך ווייטער אַרומזעהן וועט ער צום סוף גאָר ענטדעקען, אַז חוץ דעם דאָזיגען צווייטען ראָמאַן, איז דאָרט פערהאַנען אַ זאַמלונג „אַנעקדאָטען" אויך — און דאָס אַלעס אין אַ קונטרס פון קנאַפּע צוויי בויגען! איז אַ מחבר טאַקי יוצא פאַר זיך, אַז מען וויל איין עולם אויף אַזאַ אופן נאַרען?...

אַלעס הייסט אַ „ראָמאַן". איך געדענק: אַ שדכן האָט מיר אַ מאָל דערקלערט דעם דקדוק פונ׳ם לשון, וואָס שדכנים האָבען צווישען זיך. אַז איין שדכן שרייבט דעם צווייטען פון אַ מיידעל, גלאַט אַזוי,, אַז זי איז שעהן, איז דער פירוש, אַז זי איז די גרעסטע פאַסקודניצע פון דער וועלט; שרייבט ער, אַז זי איז „זעהר שעהן". איז דער פירוש, אַז זי איז זיך, גלאַט אַזוי, אַ פאַסקודניצע, וואָס מען קריעגט דאָס שוין יעדען טאָג צו זעהן;

שרייבט ער ווייטער, אַז זי איז „זעהר זעהר שעהן", איז דער פּשט, אַז זי האָט שוין אַ מענשליכע צורה און איז צו דערטראָגען; שרייבט ער אָבער, אַז זי איז „יפה מאד מאד להלל", דאָס הייסט, אַז זי איז זעהר שעהן, אַזש זי צו לויבען, איז דאָס טייטש, אַז זי איז באמת אַ שעהן מיידעל און מען קען עפּיס אָנהויבען אַרום איהר אויך צו טהון. איך מיין, עס וואָלט זיין נישט קרום אַזאַ מין דקדוק איינצופיהרען אויך צווישען אונזערע שרייבער און די קונים: שטעהט אויף דעם פּאָדערבלעטעל אָנגעשריעבען „ראָמאַן", איז דער פּירוש אַז דאָרט איז נישט פאַרהאַנען אפילו אַ לעק פון אַ יונגעל מיט אַ מיידעל אָדער אַ פערליעבעניש, און נאָר פערקויפען וויל מען דאָס ביכעל וואָס גיכער; שטעהט אָנגעשריעבען „איין אינטערעסאַנטער ראָ־מאַן", איז דער טייטש, אַ יונגעל איז דאָרט פערהאַנען, נאָר נישט קיין מיי־דעל, אָדער אַ מיידעל, נאָר נישט קיין יונגעל, און פערליעבעניש איז גאָר נישט דאָ; שטעהט ווייטער אָנגעשריעבען „אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָ־מאַן" אין דער כיוון, אַז עס איז עפּיס דאָרט יאָ שוין פערהאַנען אַ יונגעל מיט אַ מיידעל און אַ פערליעבעניש אויך דערצו; און אַז ס'שטעהט אָבער אויף דעם שער־בלאַט „אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן כמו שמ'ר", איז דער פּשט, אַז דאָרט איז פערהאַנען באמת'דיג אַ ליעבע פון אַ יודישען בחור, וואָס איז פערציג יאָהר געווען אַ גזלן און פון יונג מיידעל, וואָס איז אין די יונגע יאָהרען געווען אַ פּרינצעסין, און פון נאָך עטליכע גזלנים רצחנים. עס געהט נישט אַנדערש. אַזאַ דקדוק וועלען מיר מוזען ביי אונז איינפיהרען.

און אַז שוין נישט קיין ראָמאַן, וואָס וויל דען ה' בעקערמאַן אונז דער־צעהלען? האָט ער אפשר אונז צו שילדערן דאָס לעבען פון אַ פרוי וואָס האָט קיין מזל נישט? האָט ער איבערהויפּט לעבען אונז צו שילדערן? — הערט וואָס ער טהוט, הערט וואָס ער דערצעהלט אין זיין „שלימזלניצע": אַ מלמד האָט חתונה געהאַט מיט אַ ווייב, און זי האָט איהם נישט דערלאַנגט קיין העמד אין קיין נאָז־טיכעל צו דער צייט און אויך דאָס עסען האָט זי איהם דערלאַנגט מיט פעדערן. אַז זי האָט אַ יונגעל געהאַט איז איהם אַריין אַ נאָדעל טיעף אין פליישׁ און זי האָט נישט דערפון געוואוסט. אַ צווייט קינד האָט זי אויסגעבאָדען מיט אַ זודיגען וואסער, און דאָס קינד איז גע־

שטאַרבען. אַ דריט קינד האָט זי אַוועק־געזעצט אויף איין איינגעהייצטען אויווען אין איז אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק און דאָס קינד איז פערברענט געוואָרען. דאָס פיערטע קינד האָט זי אַוועקגעלעגט שלאָפען נעבען איהר ברוסט, און האָט עס דערשטיקט. דאָס פינפטע קינד האָט זי געוויעגט פון דער ערד ביז דער סטעליע, ביז וואַנען עס איז אַרויסגעפאַלען און געהרג'עט געוואָרען. ביי דעם זעקסטען קינד, איז זי געגאַנגען אין גאַס אַריין און האָט זיך גלאָזט אַריינגאַרען אין אַ וואַגאָן און איז מיט דער אייזענבאַהן וויט פערטראָגען געוואָרען און איז ערשט נאָך עטליכע טעג צוריקגעקומען; דערווייל האָט דאָס קינד נישט געהאַט צו זויגען און איז געשטאָרבען. און נישט נאָר צו קינדער איז אונזער העררר מחבר אַזאַ שטאַרקער בעל־מלאכה, נאָר אפילו צו טעלער און טעפּלעך אויך, דען די אייגענע שלימזל־ניצע האָט חוץ קינדער אויך אַ סך טעפּ מיט טעלער אומגעבראַכט און צעבראָכען. פאַר דעם איז זי דאָך אַ שלימזלניצע, וואָס דער מחבר דאַרף זי האָבען צו מלאכה! נאָר אַזוי ווי דעם דאָזיגען מזיק, דעם מחבר, האָט אויסגעפיהלט נאָך עטליכע מיתה־משונה'ס, האָט ער געלאָזען זיין שלימזל־ניצע אויפהערען קינדער האָבען, און האָט געמאַכט איין עק מיט זיין — ראָמאַן.

דער מוסר און די קלוגהייט און די שעהנקייט וואָס מיר געפינען אין דעם דאָזיגען „ראָמאַן”, וועט יעדער לעזער פערשטעהן פון זיך זעלבער, — און אַזוי געהען מיר אַריבער צום צווייטען ראָמאַן אין דעם דאָזיגען קונטרס.

„דריי מוטערס אויף איין קינד” — אַזוי הייסט די צווייטע ערצעהלונג און ה' בעקערמאַן דערצעהלט אונז אַזאַ מעשה: אַ יודיש מיידעל פון נגידי־שע עלטערן האָט פאַר דער חתונה אַ קינד פון איהר חתן, וואָס איז געשטאָרבען. מילא בקיצור, אַז עס טרעפט זיך אַזאַ מעשה — נישט געדאַכט זאָל עס ווערט ביי יודען פון אַזאַ מיידעל: אָדער זי טרענקט זיך, אָדער די עלטערן יאָגען זי אַרויס וכו'. ה' בעקערמאַן וויל אָבער נישט אַזוי. ה' בעקערמאַן מאַכט עס, אַז די עלטערן זאָגען כמעט אַ דאַנק זייער טאָכטער פאַר דער דרשה וואָס זי האָט געקענט, און זיי נעהמען דאָס קינד און שיקען עס אַוועק אין דער שטאָדט מעץ, עס זאָל דאָרט דערצויגען ווערען. פאַר וואָס דוקא די מעצ'ער לופט, קומט לויט דעם מחבר אויס, איז גוט צו ממזרים־דער

ציעהען דאָס ווייס איך נישט. די כשר'ע מאַמע פון דעם קינד שרייט אָבער צו די עלטערן און וויינט מען זאָל איהר אָבגעבען דאָס קינד, „וואָס האָט איהר צו מיר, צו נעמען ביי מיר מיין קינד?״ — און דאָס קומט אַלעס אויס רעכט ביי דעם הערר מחבר; דאָ כאַפּט זיך אויף דאָס ווייבער'שע־מיידעל אָהנע עלטערנ'ס. דערווייל אָבער, דער וואָס האָט אַוועקגעפיהרט דאָס קינד קיין מעץ האָט זיך דאָרט געמאַכט אַ גרויס געשעפט פון די נדבות וואָס ער האָט אָנגעקליבען אויפ'ן וועג און פון דעם געלד פון די כבודים, וואָס ער האָט מכבד געוועז אונטערוועגנס די נגידים ביי מל זיין דאָס קינד (אַ שעהן ביסעל געלד קען דאָס איינטראָגען!), און אַזוי ווי ער האָט אין מעץ זיך אַ געשעפט געמאַכט, האָט ער דאָס קינד אַוועקגעגעבען איינער אַ בעטלערין, וואָס איז געגאַנגען מיט איהם איבער די הייזער, און דיזעלבע איז געגאַנגען מיט איהם אַזוי לאַנג אין די הייזער ביז מען האָט זי געכאַפּט אָהן אַ פּאַס און מען האָט זי אַוועקגעשטיקט צוזאַמען מיט'ן קינד מיט דעם עטאַפּ. דערווייל איז אָנגעקומען דאָס ווייבער'שע־מיידעל אין מעץ און האָט איהר בחור'ל נישט מעהר געפונען, האָט זי געטהון דאָס איהריגע, דאָס הייסט, זי איז אין חלשות געפאַלען, און אַז זי האָט געזעהן אַז עס איז שיין צייט אויפצוהערען אין חלשות צו פאַלען און אָנצוהויבען הונגריג צו ווערען, איז זי געגאַנגען אין איז געוואָרען אַ קעכין אין אַ הויז. די בעטלערין אָבער מיט דעם יונגעל וואָס זענען געגאַנגען מיט'ן עטאַפּ, זענען דערווייל אָנגעקומען ביז אין דער שטאָדט, וואו עס וואָהנט דער זיידע פון דעם יונגעל. פּונקט מוז זיך טרעפען, אַז דאָס יונגעל איז מוצא חן ביי דעם דאָזיגען זיידען, און מען נעהמט איהם אַריין צו דערציהען איהם. פערשטעהט מען דאָך פון זעלבער, אַז ער ווערט איין עלוי און שפּעטער לויפט ער אַוועק שטודירען אין דעם ווערזיטעט(?) און שטודירט אַזוי לאַנג, אַזש ביז ער ווערט דירעקטאָר אין אַ „סאַכרינעם זאַוואָד״ — מסתמא ווייסט דאָך דער מחבר וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט אַ „ווערזיטעט״ מיט אַ „סאַכרינעם זאַוואָד״, און אויך די בעטלערין איז דאָרט אָנגעקומען און פערשטעהט מען דאָך פון זעלבער, אַז אויך די אמת'ע מאַמע איז דאָרט אָנגעקומען און איז געוואָרען אַ קעכין ביי דעם דירעקטאָר, כידוע. פּלוצלונג האָבען זיך אויפגעכאַפּט אַלע דריי אידענעם און האָבען געשריען אין איין געוואַלד אַז דער רייכער דירעקטאָר איז זייער זוהן, און דער אָרעמער די־

רעקטאָר שטעהט נעביך צווישען זיי ווי איין עזעל צווישען דריי בינטלעך היי און ווייסט נישט צו וועלכער ער זאָל זיך ווענדען, און פרעגט: „ווער איז דאָ פון אייך די אמת'ע מאַמע!"

דאָס איז דער אינהאַלט פונ'ם ראָמאַן. מילא צו טרעפען ווער עס איז די אמת'ע מאַמע, דאַכט זיך גאָר פּראָסט איז פערהאַנען שלמה המלכ'ס עצה. אַז צוויי נשים זונות קריגען זיך פאַר שלמה'ן, איינע טענה'ט דאָס לעבעדיגע קינד נעהער איהר און די צווייטע טענה'ט אויך, עס געהער איהר, דאָ הייסט דער מלך אויף צו־כלומר'שטען דאָס קינד צושניידען. וואָלט אפשר נישט שאַדטען. אַז דער דירעקטאָר וואָלט הייסען. די דריי יודענעם אויך צעשניידען? — נאָר בנוגע צו די אַנדערע גוטע זאַכען, וואָס מיר געפינען אין דעם דאָזיגען קלוגען ראָמאַן, איז מסתמא גאָר פּראָסט דער מוסר, וואָס מיר זאָלען זיך אַרויסנעמען פון איהם: 1) מען זאָל נישט אַוועקשיקען קיין ממזרים נאָך מעץ, 2) מען זאָל נישט געהן מיט דעם עטאַפּ און נישט מאַכען קיין פערמעגען פון כבודים ביי מל זיין, 3) מען זאָל נישט פון ווערזיטעט געהן אין סאַכרינעם זאַוואָד און 4) מען זאָל זיך אויסהיטען ווי עס איז פון האָבען דריי מוטערס מיט איין מאָל.

און חוץ די דאָזיגע צוויי ראָמאַנען, איז אין דעם קליינעם ביכעלע אויך עטליכע „אַנעקדאָטען" פערהאַנען, און צווישען זיי איז גאָר פיין און גאָר עדעל די אַנעקדאָטע פון דעם רב מיט די מי רגלים וכו' — רבונו של עולם! ווי לאַנג, ווי לאַנג נאָר וועסט דו דיין פאָלק ישראל פייניגען מיט אַזעלכע מחברים?

III

די קאָרטען וואַרפערקע אָדער די אָפּגעשאַסענע האַנד. אַ ראָמאַן פערפאַסט פון ש. בעקערמאַן.

(אָדעססאַ, 1888)

דעם מאָל וויל איך יוצא זיין פּאַר מיינע לעזער און נישט מעהר שרייבען ווי האַלבע רעצענזיע — און די מעשה איז גאָר פּשוט: איך האָב פונ'ם דאָזיגען ראָמאַן נישט מעהר ווי אַ העלפט געלייענט און האָב עס אין מיטען אַוועקגעוואָרפען . . .

אין באמת, אַזעלכע מיני ספרים קען מען אויך לייענען בלויז אַ העלפט אָדער אַ פערטעל, און שרייבען אויך רעצענזיעס בלויז האַלבע אָדער פערטעלדיגע, און מען קען גאַנץ גוט און קלאָר האָבען אַ בעגריף פון דעם גאַנצען. — מילא, דעם מחבר און זיינע מנהגים קענען מיר דאָך שוין: צוויי קנאַפּע בויגען, און דאַרין איז פערהאַנען צוויי „ראָמאַנען" און צום סוף נאָך „אַנעקדאָטען" — און אויך דעם מאָל האָט ער חלילה נישט משנה געווען פון דעם דאָזיגען מנהג. אָבער די מעשה, וואָס ער דערצעהלט דעם מאָל, איז גאָר הפלא ופלא: ביי בעל־הבית'שע עלטערן איז פערהאַנען אַ מיידעל רייזעלע, און דאָס דאָזיגע רייזעלע כאַפּט זיך צו דער „בילדונג". דאָס הייסט, זי געהט אין „גומענאַזיע" און חבר'ט זיך מיט דערוואַקסענע בחורים, קעגען דעם ווילען פון איהרע עלטערן און אפילו געגען דעם ווילען פון דעם מחבר אַליין, פערשטעהט מען דאָך, אַז פון אַ שידוך איהר רעדען, איז שוין גאָר קיין רעדע נישט, דען אַזעלכע מיידלעך האָבען זיך חתונה גאָר אַליין, כידוע. און אויך אונזער רייזעלע איז געגאַנגען זיך אַליין חתונה מאַכען, און האָט ראשית דבר זיך פערליעבט און איהר לעהרער לייזער שוואַרצמאַן און דערנאָך אין אַ בוכהאַלטער סאַלאָמאָן פייערמאַן, און יעדען טאָג איז זי געגאַנגען צו די קאָרטען־וואַרפערקע, זי זאָל איהר קאָרטען

וואַרפען און טרעפען ווער עס האָט זי ליעב, און צום סוף איז זי אַמאָל געגאַנגען שפּאַציערען אין גאַס מיט סאָלאָמאָן פייערמאַן, און סאָלאָמאָן פייערמאַן האָט געטהון דאָס זייניגע, דאָס הייסט ער איז אַניעדער־געפאַלען פאַר איהר אויף די קניע און — די ליעבע איז פאַרטיג. דעם אמת געזאָגט, קומט ביי מיר אויס, אַז עס איז אַ גרויס קונץ־שטיק פון דעם העררן פייער־מאַן, זיך אין מיטען גאַס אַנידערצוּוואַרפען אויף די קניע, און אפילו נישט קיין שטרוי אונטערצולעגען און גאָר נישט מורא צו האָבען, אַז פרעמדע מענשען וועלען מיינען אַז ער איז להבדיל געפאַלען כורעים אין אַ גלאַטען מיטוואָך; נאָר אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיות נישט. ביידע, ריי־זעלע און סאָלאָמאָן, געהען אהיים און זאָגען אָן די עלטערן, אַז עס איז מיט מזל געוועזען ביי זיי תנאים. דאָ אָבער לייענען זיי אין די ציימונג אַז פּראַווי־טעלסטוואָ גיט 25000 רובל, ווער עס וועט כאַפּען דעם ראַזבאָיניק וואסיל קאַבאַן, לעבעדיג צי טויט. וואסיל קאבאַן איז אַ ראַזבאָיניק פון די ראַז־באָיניקעס ממש, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד האָט מורא פאַר איהם; היינט פערשטעהט מען דאָך פון זעלבער אַז רייזעלע מוז דערזעהן איינמאָל אין גאַס דעם דאָזיגען ראַזבאָיניק אריינגעהענדיג צו דער קאַרטען־וואַרפערקע, און דאָ קריעגט זי חשק צו די פינף און צוואַנציג טויזענד רובל, און רעדט אָן איהר חתן סאָלאָמאָן, אַז ער זאָל קויפען אַ רעוואָלווער, און ער, דער חתן, געהט און דערשיסט דעם ראַזבאָיניק, און אויך איהם, דעם חתן, האָט מען האַנד אָבגעשאָסען, און מען דאָס איהם אוועקגעטראָגען אין דעם „אַטאַנאַ־מיטעשען טעאַטער אויף פּאַלמעסען”... דערנאָך האָט מען אָבגענומען די פינף און צוואַנציג טויזענד רובל, און עס איז געוועזען חתונה און נאָך דער חתונה הויבט זיך אָן די צווייטע ליעבע וואָס רייזעלע פער־ליעבט זיך אין איהר לעהרער שוואַרצמאַן — און דאָ וואו די צווייטע ליעבע הויבט זיך אָן, דאָ האָב איך אויפגעהערט צו לייענען און האָב דאָס ביכעל אוועקגעוואָרפען.

איבער צוויי מעטים האָב איך עס געטהון: ערשטענס: ווייל פאַר די זעלבע פונפצעהן קאָפּיקעס און אויף די אייגענע פאַר בלעטלעך פּאַפּיער

האָט אונז שוין דער הערר מחבר געקענט געבען אין איין וועגס נאָך עטליכע ראַזבאָיניקעס און נאָך עטליכע מענשען די הענד אָבשיעסען; עס קאָסט דאָך איהם נישט טהייערער. און צווייטענס — גלאַט ווייל עס איז זיך א חלשות אָנגעגאַנגען לייענענדיג. איז דאָס נישט מערדעריש, ווען מען דערצעהלט יודישע קינדער אַזעלכע פּוסטע ווילדע מעשיות, און מען וויל זיי איינרעדען, אַז דאָס איז פונ׳ם יודישען לעבען גענומען?

IV

אַ בינטעל בלומען, אָדער פּאָעזיע אהן גראַמען

פערפאַסט פון **שלום עליכם.**

(ברדיטשוב תרמ״ח)

פערשטעהט אַ יודישער לעזער, וואָס עס הייסט: פּאָעזיע אָהן גראַ־מען? פערשטעהט דער פּראָסטער לעזער, אַז עס איז אָפּט פערהאַנען שי־רים אין קורצע שורות און אין זיי איז גאָר קיין פּאָעזיע ניט דאָ, און אומ־געקעהרט איז וויעדער פערהאַנען לאַנגע שורות אין פּראזא געשריעבען און זיי זענען פול מיט פּאָעזיע?

מיר עפענען דאָס קליינע ביכעלע, וואָס איז געשריעבען גאָר אָהן גראַמען און גאָר נישט אין קורצע שורה׳לעך, און אַ שטאַרקער פּאָעטישער הויך שלאָגט אונז אַנטקעגען. אָפּט זענען עס קינדערשע חלומות, קינדער־שע געדאַנקען, קינדערשע יאָהרען אין זייער שטילקייט און הייליגקייט — און עס כאַפּט אָן ביים לעזען דעם לעזער אַליין דער חשק, אויף אַ ווייל־ע זיך אַריין־צו־גנב׳נען אין יענעם שטילען גאָרטען, אין יענעם הייליגען גן־עדן, און עס חלומ׳ט זיך פּלוצים גאָר אַליין אַזוי זיס אין אַזוי גוט; און אָפּט זענען עס ערנסטע געדאַנקען, טענער פון שפּעטערע יאָהרען, ערפאַהרונגען פונ׳ם לעבען, וואָס מיר לעזער ארויס פון די דאָזיגע בלעטלעך, — אַכטצעהן פערשיעדענע שטיקלעך גיט אונז דער מחבר אין זיין ביכעלע.

איך וויל נישט זאָגען אַז דאָס אַלעס איז ניי. אַ סך פּאָעטען האָבען אַזעלכע קליינע פּאָעטישע שטיקלעך שוין געשריעבען, און גאַנץ בעזונדער האָט טורגעניעוו׳ס „פּאָעזיע אין פּראָזא״ דעם מחבר פאַר די אויגען פאַר־געשוועבט — אָבער יודישע בילדער, פאַר יודישע לעזער אין זייער שפּראַך איז יעדענפאַלס ניי.

דאָ הערען מיר אַ מעשה׳לע, ווי גאָט שיקט אַראָב צוויי נייע נשמה׳לעך אויף דער ערד; איין נשמה׳לע קומט אריין אין דעם גוף פון אַ מענשען

וואָס מוטשעט זיך אָב זיין גאַנץ לעבען אין נויט און אין דחקות, און דאָס צווייטע נשמה'לע קומט אַריין אין אַ גוף, וואָס לעבט אויף אַטלאַס און אויף זייד, אין פרייד און אין גוטס. איינער בעט זיך ביים רבונו של עולם צו שטאַרבען, כדי דערלייזט צו ווערען פון אַלע צרות — און לעבט לאַנג, אָהן אַ שיעור, אָהן אַ סוף; דער צווייטער ווערט קראַנק, און בעט: ער וויל געזונד ווערען, ער וויל לעבען — און שטאַרבט.

און ווידער הערען מיר איין אַנדער מעשה'לע: אויפ'ן הויכען באַרג, פון יענער זייט בית המדרש, בלישטשעט און פונקעלט עס ווי דימאַנטען; די טראָפּען ראָסע הענגען אויף איהם ווי פּערעל, און די הדר־יונגלעך קריכען אויף איהם אַרויף, און זאַפּען זיך אָן מיט די ווייכע סודות, וואָס ליגען אין דער לופט, און מיינען זיי זעגען „הינטערן הימעל"; און אַ גרינג קיהל ווינטעלע לויפט פערביי, און די אויגען מאַכען זיך צו, און עס איז אַזוי זיס און אַזוי גוט — און פּלוצים שרייט מען „אין חדר אַריין, שקצים!" און איין עק איז מיט דער גאַנצער פּאָעזיע...

און באַלד ווידער לייענער מיר איין אַנדער מעשה, אין איין אַנדערן טאָן געשריעבען: צוויי ברידער זענען צוקריגט דורך אַ ירושה; זייער גאַנץ לעבען בלייבען זיי צוקריגט, און אויך זייערע קינדער און אויך זייערע אייניקלעך בלייבען צוקריגט און קיינער האָט נישט געקענט צווישען די ברידער שלום מאַכען. דאָ איז געקומען איין אַלטער, און האָט אָנגעקלאַפּט מיט'ן שטעקען אין דער טהיר: „גרייט זיך צו! גרייט זיך צו" דאָס איז געוועזען דער געווויסער אַלטער, דער „טוידט" — און דאָ האָבען דיביידע ברידער שלום געמאַכט... וואָס מאַכסט דו וועלוועל? וואָס מאַכסט דו בערעל?

און נאָך אַ סך אַזעלכע מעשיות לייענען מיר: אויף איין גרויסען וואָקזאַל שטעהט אָנגעשריעבען „היט זיך פאַר גנבים!" און דאָ געהט איינער און היט זיך, און היט זיך זעהר שטאַרק, און פּלוצים דערשפּירט ער אַ פרעמדע האַנד אין זיין קעשענע; דער פרעמדער האָט אָבער אַ געל, אויסגעווייקט, איינגעטרוקענט פּנים, דאָס פּנים פון איין אומגליקליכען, און זיין האַנד איז דאַר און איינגעטריקענט; ביידע קוקען זיך אָן און דער מיט דער קעשענע גיט דעם אומגליקליכען אַ נדבה... יאָ דאָס איז שוין נישט

אַ מעשה פון די קינדערשע יאָהרען, דאָס איז די מעשה פונ'ם עלענד, וואָס מען פערשטעהט עס ערשט אין די שפּעטערע יאָהרען.

אַ מעשה פון די קינדערשע יאָהרען איז אָבער די מעשה פון „גאַנטאַ ימח שמו„, און פון די צרות וואָס יודען האָבען אויסגעשטאַנען, און פונ'ם אוצר וואָס ליעגט בעהאַלטען אין דעם גראָבען פון יענע יאָהרען — און ווי די חדר יונגלעך צעווייגען זיך הערענדיג די דאָזיגע מעשיות און ווי זיי ווערען קליינע יודישע פּאַטריאָטלעך, — און באַלד דאַרויף ווידער די מעשה פון „אויף ווידערזעהן" און די שטאַרקע אמונה אין תחית המתים. — און דערנאָך ווידער די מעשה פון „אומגליק": איינע איז אומגלייכליך, וואָס זי האָט איהרע קינדער נישט עסען צו געבען, און זי פרעגט: איז דען נישט בעסער דער טויט? און איינע איז אומגליקליך, ווייל דער שניידער האָט איהר נישט פּאַרטיג געמאַכט דאָס קלייד אויף יום טוב; איז דען נישט בעסער דער טוידט? פרעגט אויך זי.

און בלעטערט מען נאָך אַ ביסעל אין דעם דאָזיגען ביכעל, געפינען מיר די וואונדערשעהנע אידיללע פון איין אַלט פּאָר־פאָלק, ווי זיי לעבען זיך, און דערמאָהנען זיך איינס דעם אַנדערן אַ מעשה, וואָס איז געשעהן ערשט דאָ נישט לאַנג, ערשט מיט אַ יאָהר זיבעציג אָדער אַכציג צוריק עס ליעגט אַזוי פיעל איינפאַכהייט אין דער דאָזיגער קליינער שילדערונג, און אַזוי פיעל קינדהייט אין די דאָזיגע אַלטע מענשען, אַז יעדער לעזער מוז זיך אַרויסרופען מיט דעם מחבר צוגלייך: „איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסען, וואו איז אַצונד דאָס דאָזיגע פּאָר־פאָלק"?

און ווידער אַ מעשה פון דעם „כותל מערבי": אַ ירושלים־יוד דער־צעהלט דעם רבי'ן פון דעם כותל מערבי. און דער צעווייגט זיך און די חדר יונגלעך ווערען הייסע, יודישע, קליינע פּאַטריאָטלעך.

אַזעלכע און עהנליכע מעשיות הייסען: פּאָעזיע אָהן גראַמען.

און ווייל דאָס איז פּאָעזיע, דעריבער שפּיעלט שוין דאָ אַ גרויסע ראָ־ליע די שפּראַך און די אַרט ווי זיך אויסצודריקען! דאַריבער מוז דער שריי־בער האָבען אַ גוט אויער, און מוז וויסען אַז אַמאָל מאַכט מען קאַליע אַ גאַנצע קאַרטינע מיט איין איבריג וואָרט אָדער מיט איין איבריגען שטריך און אומגעקעהרט קען מען אַמאָל מיט איין וואָרט און מיט איין שטריך

מעהר דער קאַרטינע אַ גאַנץ אַנדערן פּעסטען, בעשטימטען אויסדרוק געבען. — למשל: אין דעם בילד „דער מלאך המות" ענדיגט ה' שלום עליכם מיט די ווערטער: „נישט ערגער ווי איך מיט אייך ליעבע לעזער", און בעמערקט נישט, אַז דורך די עטליכע ווערטער מאַכט ער דאָס גאַנצע בילד פּראָסטער, וואָכענדיגער, און נעהמט אַראָב דאַפון די גאַנצע קדושה. — דאָס בילד „איך שעם זיך" הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך האָב געהאַט אַ חבר־ אַ חבר האָב איך געהאַט!" און איך קען בשום אופן נישט אַרויספיהלען, וואו עס ליעגט דאָ די שעהנקייט פון דעם איבער־חזרען די ווערטער אַהין און צוריק, ווי להבדיל: לפורקנך סברית, סברית לפורקנך; עס איז אַמאָל שעהן דאָס איבערחזרען, אָבער נישט דאָ, דאַכט זיך, איז דער ריכטיגער אָרט דאַפון. — אין דעם בילד „הינטערן הימעל" געפינען מיר אויף דעם זאַטץ: „די זון האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן פון איהר פוטער־פאַס"; ה' שלום עליכם אליין רינגעלט די לעצטע דריי ווערטער איין אין קאַוויעטשקעס, צו ווייזען, אַז דאָס איז נאָר אַ קונסט־אויסדרוק און פיהלט נישט אַרויס, אַז מיט די דאָזיגע דריי ווערטער קיטצעלט ער דעם לעזער און שטערט מיט אייגענע הענד די הייליגע שטילקייט פון'ם גאַנצען בילד. —

אין דעם בילד „אח לצרה" געפינען מיר אַ שטעל: איך בין אַלט, אַלט און קראַנק, קראַנק און אָרעם, אָרעם און עלענד". — און דאָ מאַכט די שפּראַכע אַ שלעכטען איינדרוק, און דעם לעזער דאַכט זיך גאָר, אַז ער לייענט דעם פּזמון: אַריד בשיחי, בשיחי לגוחי, לגוחי בהריחי וכו'; יעדענפאַלס זענען אַזעלכע שפּראַכווענדונגען נישט שעהן. —

אויך זעהען מיר אין אַנדערע שטעלען וואַרפט דער ה' שלום עליכם אין מיטען אַריין אַ פּאָר רוסישע ווערטער, און מיך וואונדערט, ווי ער פיהלט אליין נישט, ווי שטאַרק ער שטערט דאַמיט דעם ריינעם איינדרוק; מיר אליין, ביים לעזען, האָט זיך מיר פּלוצים געשטעלט פאַר די אויגען די קאַרטינע, וואָס איך האָב אַמאָל געזעהן מיינע קינדער־יאָהרען, ווי עס זענען פּלוצלים אַריינגעקומען עטליכע קאָזאַקען אין אַ מקום קדוש. אין אַנדערע שטעלען שטעלט דער מחבר אַמאָל אויך דריי פּונקטען און די ראשי תיבות „א. ז. וו"., און בעמערקט נישט אַז אַזעלכעס איז רעכט אין אַ פּלפּול־ספר. אין אַ חקירה אין אַ באור, אין אַ ספר וואָס איז פול מיט צי-

טאַטען, אָבער נישט אין אַ ביכעלע וואָס עס גלוסט זיך ביי איהם צו חלומ׳ן, און וואו עס ווערט איינעם אַזוי שטיל און הייליג אין דער נשמה. — און נאָך אַ סך זעלבע געפינען מיר אין דעם דאָזיגען ביכעל, און דאָס שפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין פּאָעטישע ענינים, און דער שרייבער טאָר זיך קיינ־מאָל דאָס נישט האַלטען פאַר אַ קליינינגקייט.

חוץ דעם געפינען מיר מאַנכע בילדער, וואָס זענען עהנליך איינס צום צווייטען, ווי למשה „הינטערן הימעל" איז גאַנץ עהנליך צו „עק וועלט", און דער שלום־עפּעקט פון יוסיל פּאַטריאָט" איז אויך עהנליך צו די דאָ־זיגע ביידע, און אַזעלכעס טאָר נישט זיין אין אַזאַ קליין ביכעלע. — עטלי־כע בילדער זענען גאָר אין גאַנצען טונקעל און נישט פערשטענדליך.

קוקט מען אָבער אַוועק פון די דאָזיגע קליינינגקייטען, מוז מען זאָגען: ה' שלום־עליכם האָט געגעבען זיינע לעזער פּאָרט איין עכט בינטעל בלו־מען.

V

יום-טוב׳דיגע ערצעהלונגען פון מ. ספעקטאָר.

(וואַרשאַ תרמ״ט)

עפּים דאַכט זיך, מיר האָבען זיי שוין ערגיץ געליייענט, די דאָזיגע יום־טוב׳דיגע ערצעהלונגען; נישט אין אַ בוך, נישט געדרוקט מיט שוואַרצע פאַרב אויף פּאַפּיער, נײַן, ערגיץ אַנדערש האָבען מיר זיי געליייענט, דוכט זיך גאָר און דעם גרויסען בוך וואָס הייסט „לעבען" — און עס ווערט פּלוצים דעם לעזער אַזוי יום־טוב׳דיג אויף דער נשמה . . .

ה׳ ספּעקטאָר גיט אונז נישט דאָ אין דעם דאָזיגען ביכעל מי יודע וואָס פאַר אַ הויכע ענינים; ער גיט אונז נישט מעשׂיות פערוויקעלטע און ווילד צונויפגעשטעלטע; ער גיט נאָר אײַנפאַכע, פּשוטע פײַנע שילדערונגען פון ימים טובים ביי יודען — און ווייל זיי זענען אײַנפאַך און פּשוט ווי דאָס לעבען, דאַריבער טאַקי זענען זיי אמת׳ע שילדערונגען, פון׳ם לעבען גענומען.

עס איז אַ שאָד, וואָס מיר האָבען נישט אין אונזער זשאַרגאָן קיין אַנדער וואָרט, ווי נאָר „ערצעהלונגען", אויף אַלע מיני מעשׂיות און מעשׂה־ביכלעך, וואָס ווערען געשריעבען, אַלעם הייסט ביי אונז „ערצעהלונג". כאָטש ערצעהלונגען האָבען אין זיך בעשטימטע דינים און גאָר אַנדערע אופנים ווי זיי מוזען ווערען געשריעבען. איין ערצעהלונג מוז האָבען אין זיך איין אָנפאַנג פון דער פערוויקלונג וואָס קומט פאָר אין דער מעשׂה; אַ פערוויקלונג פון דער דאָזיגער מעשׂה; דער העכסטער גראַד פון דער פערוויקלונג אָדער מעשׂה מיט די פּערזאָנען; דער אָנהויב פון איין אויפלעזונג אין דער פערוויקלונג; די גענצליכע אויפלעזונג. — אין אַ קלענערע ערצעהלונג אין איהר העכסטען גראַד, און די אויפלעזונג. נאָר אַזוי ווי ביי אונז הייסט אַלעם „ערצעהלונג", אפילו דאָס וואָס איז גאָר קיין ערצעהלונג נישט, דאַריבער קען מען נישט פון יעדער ערצעהלונג די דאָזיגע זאכען פערלאַנגען,

און דאַריבער קען מען זיי אויך פון די יום־טוב׳דיגע ערצעהלונגען נישט פערלאַנגען. די יום־טוב׳דיגע ערצעהלונגען זענען אייגענטליך גאָר קיינע ערצעהלונגען נישט; זיי זענען בלויז שילדערונגען און קאַרטינעס פון דער יודישער גאַס.

דאָ לייענען מיר, למשל, די ערשטע ערצעהלונג אין דעם דאָזיגען בי־כעל, וואָס הייסט פּסח! — מיר געפינען נישט אין איהר אַ מעשה וואָס איז געשעהן, אַ זאַך וואָס איז אָבגעטהון, ניין, נאָר איינפאַכע קאַרטינעס געפינען מיר: אַ קאַרטינע ווי עס זעהט אויס „פאַר פּסח אין גאַס", אַ קאַרטינע ווי עס זעהט אויס „פאַר פּסח אין שטוב", און אַ דריטע קאַרטינע „פּסח אומעטום". ווער קען נישט די דאָזיגע קאַרטינעס? ווער האָט זיי נישט מיט אייגענע אויגען געזעהן? פאַר פּסח אין גאַס איז ביי דער שלום פּייוועשקע אין קלייט „האָרע־קאָרע", דאָס הייסט אַלעס איז מיט דעם קאָפּ אַראָב און די פיס אַרויף און אומעטום איז תהו ובהו; די שלום פּייוועשקע אַליין איז גאָר אין קלייט נישט דאָ, דען זי מוז דאָך אין דער היים יום־טוב מאַכען, נאָר שלום פּייוועש בכבודו ובעצמו — דאַכט זיך אַ שטיקעל שלימזלניק — מעסט און וועגט און פאַרקויפט דעם בוימעל, דעם צוקער, דעם ווייסען פאָדעם, און פערשטעהט מען דאָך, אַז ער גיסט אָן קעראָסין און פערגיסט אַ ביסעל אין צוקער אַריין; עס טהוט זיך דאָרט אָב תהו ובהו און חשך, און צורייסען קען ער זיך פאָרט נישט. און דערנאָך: פאַר פּסח אין שטוב: עס איז נישט דאָ קיין אָרט צו שטעהן אָדער צו זיצען, געוואַלדען און געשרייען; די בעל־בית׳טע שרייט אויפ׳ן קול. און שעלט דעם מאַן; דער מאַן סמעיעט נישט צו זאָגען, אַז ער איז הונג־ריג און האָט גאַיצען טאָג נישט געגעסען; עס פיהלט נישט מעהר, אַז ער זאָל אַזאַ וואָרט אויסרעדען און די בעל־הבית׳טע וועט שוין נישט אויפהער־רען צו שרייען. — און דערנאָך פּסח אומעטום: שטיל און רוהיג און הייליג אין יעדען ווינקעלע; די דאָזיגע שלום פּייוועשקע וואָס, דאַכט זיך קען נישט מעהר ווי שרייען און שעלטען, איז עפּיס פּלוצים איין אמת׳ע מלכה מיט איהר פיינקייט און עדעלקייט. זי בעט זיך רחמים ביים מאַן און ביי די קיי־ער, אַז זיי זאָלען איהר צוליעב טהון און עסען. און מיר געפינען דאָרט אין שטוב דאָס עכטע בילד פונ׳ם יודישען פאַמיליען־לעבען. — דאָס

אַלעם זעגען בילדער, דאַכט זיך ,אַזוי פּשוט און איינפאַך, אַז יעדער פער־שטעהט זיי און קען זיי פון זעלבסט, און פאַרט מוז זיין אַ מאַלער דער וואָס ער מאָלט זיי און ברענגט זיי אויף לייגוואַנד אָדער אויפ׳ן פּאַפּיער.

די צווייטע ערצעהלונג איז „די יום־טובים". און ווידער געפינען מיר קיין ערצעהלונג נישט נאָר קאַרטינעס: קאַרטינעס פון די טעג, וואָס זענען נאָך ימים־נוראים, קאַרטינעס פון די ערשטע טעג סכות, פונ׳ם חול המועד, פון יודישע אַסיפות, פון שמעריל שוסטער, זיינוויל קירזשנער און בעריל שניידער, וואָס וואַרפען אַראָב גבאים און מאַכען נייע, און זאָגען גרויסע דעות אין קהלה זאַכען — פערשטעהט זיך אַלעס אין דערהיים ביי זייע־רע ווייבער און דארויף ענדיגט זיך אויך דער שמחת תורה, און מען שטעהט אויף צו־מאָרגענס, איז קאַלט און מרה שחורה׳דיג און אַ גראָשען איז אין קעשעניע נישט דאָ. און דאָ געהט מען צוריק צו די אַלטע גבאים און שטאָדט־בעלי־טיבות צו נעמען פון זיי אַרבייט, און אַלעס בלייבט ווי געוועזן.

„ווי ווער עס פרעהט זיך אום יום־טוב" הייסט די דריטע קאַרטינע, און ווידער איז דער מחבר צום פּסח צוריקגעקעהרט און שילדערט אונז דריי יודענעס וואָס זיצען ערב פּסח אין דער שפּעט, יעדע ביי זיך אין דער־היים, און וואַרטען אויף די מענער, וואָס דאַרפען קומען צו פאָהרען; איינע איז אַ נגיד׳ט, די צווייטע איז דעם בעל עגלה׳ס ווייב און די דריטע איז דעם מלמד׳ס ווייב; אַלע דריי האָבען שיער נישט אַ פערשטערטען יום־טוב דורך דעם וואָס די מענער ווייזען זיך נאָך נישט. און ווייסען גאָר נישט וואָס צו ענטפערען די קינדער וועלכע פרעגען זיך אויף די טאַטעס, און דאָ קומט פּלוצלונג אַ וואָגען אָנצופאָהרען. און אַלע דריי קומען. און יעדער מיט זיין ווייב און זיינע קינדער פרעהט זיך אויף זיין אייגענעם אופן; ווי ווער עס פרעהט זיך אום יום־טוב. יעדענפאַלס ווערט די דאָזיגע קאַרטינע אַ ביסעל אומעטיג, דען ביי אַלע דריי יודענעס איבערחזרט דער ערצעהלער כמעט וואָרט פאַר וואָרט דאָס אייגענע. איבערהזרן גאַנצע שטעלען מיט דער זעל־ביגע שפּראַכע איז אַמאָל שעהן אין אַ סקאַזקע פאַר קינדער, אויך איז אַמאָל שעהן איבער־צוחזרן איין איינציגע שורה צום „רעפרען", ווי דאָס הייסט אויף גויעש, אָבער אין אַ קאַרטינע אין דריי אָבטיילונגען זאָל זיך אין יע־

דער אַבטיילונג דאָס זעלביגע איבער־חזרן, דאָס איז שוין אַ ביסעל צו אור־מעטיג.

און דערנאָך קומען מיר צו דער פיערטער ערצעהלונג; זי הייסט: די פינפטע קשיא. — און ווידער איז עס פסח מיט אַלע זיינע שעהנקייטען, וואָס דער ערצעהלער שילדערט אונז; און דאָ זעהען מיר אַ יונגעלע פון אַ נגידיש הויז, וואָס געהט שוין אָנגעטהון ערב פסח נאָך־מיטאָג אין זיין נייעם קאַפּאָטענדיל, און שפּיעלט זיך אויפ׳ן גאַס, און וואונדערט זיך פאַר וואָס זיין חבר — איין אַנדער יונגעל, איין אָרעמס — קומט נישט שפּיע־לען זיך, און ווערט געוואָהר, אז ער קומט נישט, ווייל ער שעמט זיך צו קומען אין זיין אַלט קאַפּאָטקעלע, און אַ נייעס האָט ער נישט; דאָ זאָגט איהם דאָס נגידישע יונגעל, מיט אַ ריהרענדער, קינדערשער שטימע צו, אז ער וועט איהם אוועקגעבען מאָרגען איינע פון זיינע קאַפּאָטקעלעך, נאָך דעם אז ער וועט פרעגען ביי זיין טאַטען. אויף דער נאַכט צום סדר פרעגט דאָס יונגעל די פיער קשיות, און נאָך די פיער פרעגט ער אַ פינפטע: אויב ער וועט מעגען אַוועקגעבען אַ קאַפּאָטקעלע זיין חבר? און דער טאַטע מאַכט זיך כלמרשט נישט הערען און כאַפּט זיך צו דער הגדה, און האַלט אין איין שרייען „עבדים היינו" — און דאָס קינד בלייבט טרויעריג, און עס הויבט זיך איהם אָן אין האַרץ אַ סך קשיות צו פרעגען... עס איז אַ שטיק סאָציאַלע קשיא, די דאָזיגע פינפטע קשיא!

און אזוי קומען מיר צו דער לעצטער, די פינפטע, ערצעהלונג, וואָס הייסט „ווי דעם זיידענס איניקעל האָט די ערשטע פאָר שיך אָנגעטהון." — עס איז פּורים איבער די וועלט און אַלעס איז לוסטיג און פרעהליך, און נאָר דער זיידע, אַ וואַסער־טרעגער, וואָס שטעהט אין בית־מדרש, איז נישט לוסטיג און פרעהליך, דען ער האָט צוגעזאָגט זיין איניקעל פאָר שיך צו קויפען, און האָט נישט געקענט זיין הבטחה דערפילען, און אין דער היים זיצט זיין איניקעל טרויעריג און אומעטיג; דאָ כאַפּען זיך אויף צוויי קינדער אין בית־מדרש, צוויי בעל־חבתי׳שע קינדער, וואָס האָבען איין עדעל האַרץ, און געהען איבער דער שטאָדט נדבות צוזאַמענקלויבען פאַר דעם זיידען מיט זיין איניקעל; מילא ווייסען מיר דאָך, אז אין נגידי־שע הייזער בייזערט מען זיך אויף זיי, און מען שרייט „שקצים!" און אין

אָרעמע הייזער גיט מען זיי, וואָס מען קען — ווי עס איז אָבער: דעם זייר־דענם אייניקעל קומט צו דער ערשטער פאָר שיך.

דאָס בערך איז דער אינהאַלט פון די „יום־טוב'דיגע ערצעהלונגען".

ה' ספעקטאָר איז נישט קיין ערצעהלער אינם אייגענטליכען זין פון דעם דאָזיגען וואָרט, און נאָר אַ גוטער פאָטאָגראַף פון קאַרטינעס איז ער; און איבערדעם וועלען מיר געפינען אַז אומעטום, וואו ער צייכענט דאָס, וואָס מיר הערען און זעהען ,דאָ איז עס לעבעדיג און נאַטירליך, און דאָ וואו ער געהט אַראָב פון דעם דאָזיגען וועג, למשל, דאָ וואו ער הויבט אָן מאָראַל צו פרעדיגען און ראַזסוזשדעניעס צו מאַכען, דאָ דאַכט זיך אונז, אַז עס איז אין גאַנצען גאָר איבריג. איבערהויפט איז די מאָראַל און דער סך־הכל וואָס מען ציהט אַרויס נאָך יעדעם שטיק, שוין אַזוי אָפט געזאָגט און געצויגען געוואָרען אַז עס מוז אויסקומען איבריג.

און נאָך עפּיס איז צו בעמערקען: ה' ספעקטאָר אין זיינע ערצעה־לונגען האָט זיך נישט באַמיט צו זיין פּיעלזייטיג; אין פינף ערצעהלונ־גען קומט פאָר דריי מאָל דער פּסח; שבועות קומט שוין ביי איהם נאָר ... נאָר — און דאָס איז נישט רעכט.

אין יעדעם פאַל איז אָבער דאָס ביכעל „יום־טוב'דיגע ערצעהלונגען", צום גרעסטען טייל אַ ביכעל עכט פאַר קינדער אָנגעשריעבען — און דאָס איז אַ גרויסען זאַך.

אינהאַלט:

אביסעלע יודיש טעאַטער	זייט 5
נאָך אַ ביסעל יודיש טעאַטער	" 11
„די שחיטה"	" 19
„דער מטורף"	" 24
אַ בריעף צו אַ פּעטערבורגער דאַמע	" 29
יודישע ליטעראַטור	" 79
בריעף וועגן ליטעראַטור	" 139
צווישען צייטונגען און זשורנאַלען	" 149
די ליעבע אין בעל-הביתישען זין	" 171
די פּרוי	" 181
פון מיין ספרים-טישעל	" 195

רשימה פון אבאָנענטן אויף דוד פרישמאַנס ווערק אין יידיש

וויניפּעג (קאַנאַדע)

ראביי מ. שווארצמאַן
אידישע דערציאונגס ביוראָ
ה. שטיינבערג
ב. זארעצקי
(קעמברידזש קנייטינג)
ראביי א. קראַוועץ
יידישע פרעסע
ה. ספּעקטאָר
ש. כהנה
י. עהרליכמאַן
ג. א. טשערניאַק
י. סאָנדאַק
פ. סימקין
אידישער נאַציאָנאַלער
ארבעטער פארבאנד
ברענטש 20
פּרץ שול
אידישע ביבליאָטעק
מ. רובענענקאָ
ב. שעפּס
י. קורצער
מ. פרידעל
באקאל

ב. גלאַסס
אבא ריטש
ר. גאָלאָף
ד. סעקטאָר
י. וואָלינסקי
י. וואָלטש
בליי
פּ. מאַראַנץ
פרוי גראַי
ר. שאָמעס
ש. טאובער
מ. קאַנטאָר
ל. פיינשטיין
ה. פיינשטיין
י. בערגער
י. וואָלטערס
א. ראָבער
מ. שטיין
י. לאָווע
וו. ארטענשטיין
ה. מעיער
מ. גראָש
ה. מעדוועד

ברידער ווײדמאַן
מ. ברוקס
ב. קאָהען
י. פליישמאַן
ל. סאַממער
ה. אדעלמאַן
ד. טאַמסאַן
מ. בירענבוים
דר׳ פערעלמאַן
ש. פעלדמאַן
ב. קורץ
נ. וויטמאַן
ש. דרייטש
י. ווערנער
ברידער קאַץ
י. האַלפער
י. שאַץ
פ. צוואַנקין
לייען קרייזען
פ. מארגאַלים
מ. דאַנצקער
ה. ווײנבערג
ש. זילבערבערג

א. טשאַם
דר׳ ב. גינזבערג
דר׳ י. בורשטיין
נ. זעלטשין
מ. קאָהען
ר. מאָזער
דר׳ וו. ראָזענפעלד
א. צירולניקאָוו
ה. מיטשעל
פרוי ב. שאַפיר
ש. סאָלאָווע
דר׳ א. וויקטאָר
ש. דירענפעלד
ד. פאָרטוגאַל
מ. גראַי
י. גלאַסבי
פ. קאַץ
ד. פריד
מ. ליאָנס
פרוי ע. קעללער
ש. גלאַזמאַן
מ. בעיער
י. צוקער
י. יאַנאָווסקי

העברעאיש

ראַביי ד. פרינץ
ל. גאַרפינקעל
ב. הערסאָן
אידישע דערציאונגס-ביוראָ
ב. איידעלמאַן

ל. טאַפט
ג. סקולסקי
פרץ שול
אידישע ביבליאָטעק
מ. מאָזער

נ. סורעס
י. סורעס
ב. בראָנשטיין
ד. סעקטאָר
י. וואָלינסקי
דר׳ פּ. גאָאָדין
ס. גרובער
י. וואָרקאָף
מענדל וואָרקאָוו

משה וואָרקאָוו
מ. אוועַרבאַך
דר׳ א. לערנער
פּרוי ב. ליפּקין
ג. זאָנדאַס
ד. סאַנדערסאָן
א. לאַפּין
ל. ראַבלים
ע. יודיצקי
קאַרפּ, און ראָזענבוים

ווייטערדיקע נעמען אין 6־טן באַנד